STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01167

PIONERN FUN YIDISHER POEZYE IN AMERIKE

N. B. Minkoff

Permanent preservation of this book was made possible
by Lewis & Josephine Schneider
in honor of
Michael & Nancy Marks

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע

דאָס סאָציאַלע ליד

דריטער באַנד

ניו־יאָרק — 1956

N. B. MINKOFF

PIONEERS OF YIDDISH POETRY IN AMERICA

The Social Poetry

Volume III

Copyright, 1956,
by N. B. Minkoff
New York, N. Y.

Prnted in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORPORATION
151 West 25th Street
New York 1, N. Y.
166

געווידמעט
מיין פרוי

אינהאַלט

וויליאַם קאַיזער:

אין אייראָפּע — 9
אין אַמעריקע — 10
אַן אָנפאַנגערס פּעסימיזם — 14
סימנים פון סאָציאַלן ליד — 17
„פאַר אייך, נאַר, פאַרשקלאַפטע" — 21
טעמאַטישע מאָטיוון — 25
נויט־לידער — 25
„וועקן די מאַסן" — 30
דאָס פּאָליטישע ליד — 33
פּאָרטרעט־שילדערונג — 36
צאָרן און גאַל — 42
הומאָר — 45
יידישע מאָטיוון — 47
יידיש־נאַציאָנאַלע טענער — 48
יחידישע און סאָציאַלע ליריק — 49

אַננאַ ראַפּאָרט:

אַריינפיר — 57
ביאָגראַפישע פּרטים — 57
אירע לידער — 63
כאַראַקטער־בילדער און אַפאָריזמען — 79

מאַטוועי ראָם:

זיין אומבאַקאַנט לעבן — 83
אויטאָביאָגראַפישע שטריכן — 92
די רוסישע לידער — 98
ליבע און שמערץ — 104
ליידן און טויט — 106
אין אַ סאָציאַלער ראַם — 109
פאָרלויפער פון די „יונגע" — 112

אפרים־לייב וואָלפסאָן:

שמעון פרוגס ליד — 121
פּרטים וועגן זיין לעבן — 122
די ערשטע לידער — 124
סאָציאַלער מאָטיוו — 129
ליבע — 135
„מיין מוזע" — 140
סאַטירע און הומאָר — 149
לוסטיקע לידער — 157
ליריק — 162

יעקב מארינאָוו:

השפּעה פון נייעם דור — 171
ביאָגראַפיע — 172
ערשטע לידער — 175
יהואשעס השפּעה — 178
שינויים אין סאָציאַלן ליד — 186
צאָרן און רחמנות — 192
פערזענלעכע מאָטיוון — 193
יידישע באַלאַדעס — 197
הומאָר — 200
געלעגנהייט־לידער — 206
יידיש־נאַציאָנאַלע טענער — 209

ש. ז. רובין:

ביים סוף פון אַ תקופה — 221
קינדהייט אין אייראָפּע — 222

אין אַמעריקע — — — — — — — — — 223
ערשטע ליטעראַרישע טריט — — — — 226
„אין לאַנד פון פּאָעט" — — — — — — 228
נייטראַלע טעמעס — — — — — — 233
סאָציאַלע לידער — — — — — — — 237
רופלידער — — — — — — — — — 237
דערקלערונג, אַרגומענט און באַטראַכטונג
אין סאָציאַלן ליד — — — — — — 240
סאָציאַלע אַלעגאָריע — — — — — — 246
סאָציאַלע ליריק — — — — — — — 251
עוואָלוציע — דער סוף — — — — — 255
אַ מוסטער פון אַ צייט־אָפּשניט — — — 258

יוסף יפה:

דערקענונג — — — — — — — — — 265
לידער — ווי אַ קולט — — — — — — 267
יונגע יאָרן — — — — — — — — 270
אַמעריקע — — — — — — — — — 272
דער אָנהייב — — — — — — — — 273
פּינסקיס דערמוטיקונג — — — — — 275
ליד און לעבן — — — — — — — — 276
דער פּנקס לידער — — — — — — — 280
ערשטע לידער — — — — — — — — 282
ליבע־לידער אָן דער סאָציאַלער ראַם — 297
פֿאַרלויפער פון די „יונגע" — — — — 303
טעמעס — — — — — — — — — — 307
פאַרדינסט און ווערטן — — — — — — 315
„איך ווער ווי זיי — אַ לקח" — — — 325

בילדער:

וויליאַם קאַיזער — — — — — — — — 7
אַננאַ ראַפּפּאָרט — — — — — — — — — 55
א. ל. וואָלפסאָן — — — — — — — — 119
א. ל. וואָלפסאָן — אין די מיטעלע
יאָרן — — — — — — — — — — 139
א. ל. וואָלפסאָן — אין די עלטערע
יאָרן — — — — — — — — — — 163
יעקב מאַרינאָוו — — — — — — — — — 169
יעקב מאַרינאָוו — אין די עלטערע
יאָרן — — — — — — — — — — 208
ש. ז. רובין — — — — — — — — — 219
ש. ז. רובין — אין די עלטערע יאָרן— 247
יוסף יפה — — — — — — — — — 263
יוסף יפה — אין די מיטעלע יאָרן — 283
יוסף יפה אין די עלטערע יאָרן — — 320

וויליאַם קאַיזער

1940 — 1872

װיליאַם קאַיזער

אין אייראָפּע

די יידישע פּאָעטן האָבן ניט אויסגעמיטן דאָס ביטערע אימיגראַנ־טישע לעבן אין די לעצטע 20 יאָר פאָריקן יאָרהונדערט. דאָס דאָזיקע לעבן האָט פאַרקירצט די יאָרן ניט פון איין יונגן פּאָעט. דאָס האָט אויך פּאַראַליזירט די ליטעראַרישע אַנטוויקלונג ביי אַ גאַנץ היפּשער צאָל דיכטער. צווישן די לעצטע דאַרף מען צורעכענען דעם פּאָעט ווי־ליאַם קאַיזער. אַרום צען יאָר האָט ער זיך פאַרנומען ענערגיש מיט ליטעראַטור. שפּעטער האָבן זיך אויסגעלאָזט די כוחות. בעסער געזאָגט: שפּעטער זיינען די כוחות אַוועק אויף פּרנסה, די פינצטערע אַפּטייקער־פּרנסה אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט אין ניו־יאָרק. נאָכדעם ווי זיין נאָמען איז פאַרשוואונדן אין די ליטעראַרישע קרייזן, האָט ער ווייניק־וואָס אָדער כמעט גאָרניט ניט געדרוקט. ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך גייסטיק זיינען אַ סך יונגע יידישע פּאָעטן אָפּגעשטאָרבן אין דעם דע־מאָלטיקן אימיגראַנטישן לעבן.

ביז ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז זיין נאָמען געווען איציק וועלוועל איזראַעל. בעת ער איז געקומען קיין אַמעריקע האָט זיינער אַ קרוב געהייסן קאַיזער. האָט זיך שוין איציק וועלוועל איזראַעל פאַרשריבן — וויליאַם קאַיזער. אונטער אָט־דעם נאָמען האָט ער אָפּגעלעבט זיין גאַנץ לעבן אין אַמעריקע.

געבוירן געוואָרן איז וויליאַם קאַיזער אין יאָר 1872 אין שאַוול (שאַוולי), קאָוונער גובערניע. ער איז געווען דער עלטסטער זון צווישן זיבן קינדער: דריי ברידער און פיר שוועסטער. זיין פאָטער, ר׳ הירש איזראַעל, איז געווען אַ מיליטערישער שניידער, געניית קליידער פאַר הויכע מיליטערישע באַאַמטע — גענעראַלן און פאָלקאָווניקעס פון וואָל־גער פאָלק (רעגימענט). די הויכע מיליטערלייט האָבן זיך זייער גוט באַ־צויגן צו זייער שניידער. אַ דאַנק דעם האָט זיך ר׳ הירש ניט איינמאָל משתדל געווען פאַר די יידישע סאָלדאַטן אין פאָלק.

ר׳ הירש איז געווען זייער אַ פרומער; די מוטער, מרת זעלדע — נאָך פרימער: אָפּגעהיט אַלע מצוות, געפאַסט תעניתים. דער קליינער

איציק איז געווען זייער אַ גראַטן יינגל, זייער אַ פּעאיקער. האָט אים דער פֿאָטער געשיקט לערנען אין דער שאָולער שטאָטישער יידישער שול. אַ געוויסע צייט שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין אַ שניט־קראָם ביי איינעם כראָנטשיצקי. אַחוץ אַרבעטן אין קראָם האָט ער געהאָלפֿן דעם באַלעבאָס׳ זין צוגרייטן זייערע לעקציעס. דעם באַלעבאָס׳ זין האָבן זיך געלערנט אין דער אָרטיקער גימנאַזיע. צו פֿופֿצן יאָר שיקן די על־טערן אַוועק וועלוועלן קיין קאָוונע. ער גיט זיך אָפּ זייער ערנסט מיט לערנען. ער גיט דאָרטן פּריוואַטע לעקציעס. דערפֿון ציט ער חיונה. אין יאָר 1891 קומט די גאַנצע משפּחה קיין קאָוונע. מיט אַ יאָר שפּע־טער ציט זיך די משפּחה אַריבער קיין שאַנץ (שאַנצי), קאָוונער גובער־ניע. דאָרטן ווערט קאַיזער אַריינגעצויגן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין שאַנץ זיינען שוין דעמאָלט געווען קרייזלעך אַרבעטער. און אין די קרייזלעך האָט קאַיזער געלערנט די אַרבעטער לייענען און שרייבן. פֿאַר אַט־דער טעטיקייט האָט מען אים איינמאָל אַרעסטירט. נאָך אַ געוויסער צייט לעבן אין שאַנץ האָט זיך די גאַנצע משפּחה ווידער אַריבערגעקליבן קיין קאָוונע.

אין אַמעריקע

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צורוקן די צייט צו שטעלן זיך צום פּריזיוו, איז קאַיזער אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. געווען איז דאָס אין יאָר 1893. ווען ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק האָט ער געהאַט אַן אַדרעס צו זיין פֿעטער, מיכאל מאַיקלס, אין פּעטערסאָן. אָן ענגליש, מיט עט־לעכע גראָשן אין קעשענע, מיטן קלומיקל אויף די פּלייצעס, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּעטערסאָן. ער האָט זיך ווי עס איז אַהין דער־שלאָגן. ווען ער איז געקומען אויפֿן באַשטימטן אַדרעס, איז שוין געווען 5 אַזייגער פֿאַרטאָג. דער אַדרעס איז געווען אַ ריכטיקער, אָבער דאָס איז ניט געווען דעם פֿעטערס היים. געווען איז עס אַ קליינע דעפּאַרט־מענט־קראָם, וואָס האָט טאַקע געהערט צום פֿעטער. האָט קאַיזער אָפּ־געוואַרט דאָרט אין קעלט, ביז דער פֿעטער איז געקומען עפֿענען די קראָם. דער פֿעטער האָט מיט אים ניט געקענט אַפֿילו כאַפּן אַ ריכטיקן שמועס. די קראָם איז גלייך פֿול געוואָרן מיט קונים, ווי דאָס איז געשען יעדן שבת. האָט אים דער פֿעטער געלאָזט שטיין און וואַרטן, אַ פֿאַר־מאַטערטן, אַ הונגעריקן, אַ פֿאַרשעמטן. דער דאָזיקער ערשטער אַמע־ריקאַנער ברוך הבא האָט אויף קאַיזערן געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן

איינדרוק. דער פֿאַרהאָוועטער פּעטער האָט געזען, ער קען גאָרניט טאָן פֿאַרן גרינעם פּלימעניק. האָט ער אים געגעבן אַן אַדרעס אין ניו־יאָרק, זיין ברודערס אַדרעס. דאָס איז געווען דעם פֿאָטערס צווייטער פּעטער — משה (מאָריס) מאַיקלס. האָט דער „גרינער" פֿאָטעט זיך צוריק פֿאַר־נומען אויפֿן וועג קיין ניו־יאָרק. ווען ער איז בשלום אָריינגעפֿאַלן אין דער יידישער איסט־סייד, האָט ער זיך דאָרטן אָנגעשטויסן גאָר אויף אַן אַנדער בילד. מען האָט טאַקע געהאַנדלט אין די גאַסן, אַ סך קראָמען זיינען געווען אָפֿן. אָבער דעם שבת האָט מען אומעטום געפּילט.

דער ניו־יאָרקער פּעטער, ר' משה (מאָריס) מאַיקלס איז נאָרוואָס געקומען פֿון שול. דער „שבתדיקער" פּעטער איז געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיין פּלימעניק אויפֿן היימישן שטייגער. מען האָט גאָר יידישלעך און פֿיין פֿאַרבראַכט ביים שבתדיקן מאָלצייט. דער „גרינער" האָט זיך ממש מחיה געווען. ער איז גיך געקומען צו זיך, אָבער דעם פּעטערסאָנער ברוך הבא האָט ער ניט גע־קענט פֿאַרגעסן. צו ביסלעך האָט ער זיך אָנגעהויבן צוגעוואוינען צום נייעם שטייגער לעבן. אַלטע פֿאַרלאַנגען האָבן זיך צוריק אויפֿגע־וועקט אין זיין האַרצן. ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע לידער, און זיי טאַקע באַלד אָפּגעדרוקט אין די דעמאָלטיקע צייטונגען. ער האָט ווידער אָנגעהויבן טרוימען וועגן לערנען זיך. אָבער לערנען זיך אין יענע יאָרן איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. ווי יעדער אימיגראַנט אין אַמעריקע האָט ער די ערשטע צייטן געטאָן עבודת פּרך. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געאַרבעט אַן ערך צוועלף־פֿערצן שעה, און ביינאַכט האָט ער זיך געלערנט אין די נאַכט־שולן. אַרבעטן האָט ער געטאָן פֿאַרשיידענע. אָט — אין אַ שפּייז־קראָם (גראָסערי) אין נוּאַרק, אין אַ געגנט פֿון פּויליש־ע אימיגראַנטן; אָט — ביי אַ סאָדע־וואַסער־שטעלעכל אויף ריווינגטאָן סטריט, אויף דער איסט־סאַיד; אָט קען ער שוין ענגליש גאַנץ גוט, און ער אַרבעט שוין ווי אַ בוכהאַלטער אין אַ קליידער־פֿאַבריק אויף יוניאָן־סקווער. אינגיכן האָט ער גאָר אַ „קענדי־סטאָר" בשותפֿות מיט אַ פֿריינד.

בעת ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט פֿאַרשיידענע באַשעפֿטיקונגען, האָט ער געדרוקט לידער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פֿון רוסיש, דייטש און ענגליש. ער האָט זיך געדרוקט אין די „יודישע גאַזעטן", „פֿאָלקס־אַדוואָקאַט", „לאַנד־חכם", „דער יודישער פּאַק", „אַרבייטער־צייטונג" און „אבענד־בלאַט". ער ווערט אינגיכן אַנערקענט פֿאַר אַ וויכ־טיקן פּאָעט.

אין דעם „לאַנד־חכם" געפינען מיר אַזאַ באַמערקונג אונטער קאַי־זערס ליד „אמת" (נאָך פּושקינען): „גראַסאַרטיקע לידער פון אונדזער באַליבטן פּאָעט וויליאַם קאַיזער און פון נאָך באַרימטע פּאָעטן וועלן ערשיינען אין נומער 4 „יודישער פּאַק"." שמ"ר (נ. מ. שייקעוויטש) דער רעדאַקטאָר פון „לאַנד־חכם" האָט געפונען פאַר נייטיק דערמאָנען וויליאַם קאַיזערס נאָמען צווישן די „נאָך באַרימטע פּאָעטן" און אָנזאָגן זיינען לייענער וועגן „גראַסאַרטיקע לידער פון אונדזער באַליבטן פּאָעט וויליאַם קאַיזער". קאַיזער איז אַ געוויסע צייט געווען שמ"רס געהילף. און ווען דער „פאָרווערטס" האָט אָנגעהויבן דערשיינען, איז דאָרטן קאַיזער געוואָרן איינער פון די שטענדיקע און חשובע מיטאַרבעטער. ווען מען האָט אָנאָנסירט די נעמען פון באַרימטע שרייבער, וואָס וועלן זיך דרוקן אין „פאָרווערטס", איז אין דער דאַרטיקער רשימה אויך פאַראַן קאַיזערס נאָמען. מיר געפינען אַזאַ אַנאָנס אין „פאָרווערטס": „אויסער דזשאָן סווינטאָן וועט דער „פאָרווערטס" איצט דערשיינען מיט אַרטיקלען, סקיצן און ליטעראַרישע בייטראַגע פון מ. ווינטשעווסקי, אַב. קאַהאַן, מ. זאַמעטקין, יעקב גאָרדין, ז. ליבין, ליעסין, א. הורוויטש, דר. קאַספּע, דר. ראַיעווסקי, מ. קאָרנבלוט, מ. לאַנדאָן, רוסיאַנאָוו, עליזאָוויטש, קאַיזער, זווירין און ל. מיללער".

אָבער אין די ערשטע יאָרן איז אַרבעטן אין „פאָרווערטס" גאָר ניט געווען קיין זיכערע פּרנסה. קאַיזערס שכירות זיינען דעמאָלט געווען זעקס דאָלער אַ וואָך. האָט ער זיך פאַרקוקט אויף אַנדערע איסט־סאַיד־אינטעליגענטן, וואָס האָבן געוואָלט דערגרייכן אַ טיטולירטע פּראָפעסיע. ווען זיי וועלן זיין פאַרזאָרגט פינאַנציעל וועלן זיי זיך קענען „ווידמען די מאָסן". און קאַיזער האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַריינטרעטן אין אוניווערסיטעט צו לערנען מעדיצין. ער האָט אָבער דאָס ניט געקענט דערגרייכן. האָט ער געמוזט אָננעמען פאַר ליב די פאַרמאַצעווטישע פּראָפעסיע. אין יאָר 1901 האָט ער פאַרענדיקט דעם „קאָלעדזש אָוו פאַרמאַסי". ער האָט זיך שפּעטער אָפּגעמאַטערט צוויי יאָר ביז וואַנען ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַן אייגענער אַפּטייק. בעת זיין שטודירן אין קאָלעדזש און די צוויי יאָר נאָכן קאָלעדזש האָט ער געמוזט זיין אַן אַסיסטענט, ד"ה אַ „קלוירק", אין אַן אַפּטייק. די אַרבעט־שעהען זיינען געווען זייער לאַנגע. ווען מען האָט שפּעט אין דער נאַכט געשלאָסן די אַפּטייק, האָט קאַיזער זיך פאַרקליבן אין דעם הינטערשטן צימערל. דאָס איז געווען זיין וואוינונג. דאָרטן, אין ענגשאַפט, ווינטער אין קעלט, זומער אין גרויסע היצן, האָט ער געלייענט, שטודירט און געשריבן.

אין יאָר 1903 איז ער שוין אַ באַלעבאָס פאַר זיך. יאָרן נאָכאַנאַנד שקלאַפט דער באַלעבאָס ביי זיך אַליין, אין דער אייגענער אַפּטייק — פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. צוגעשמידט צו דער אַפּטייק אויף דער דריטער עוועניו און דער 129סטער גאַס, ווערט ער ביס־לעכווייז אָפּגעריסן פון זיין ליטעראַרישער אַרבעט. די חלומות פאַר־פליען, די האָפענונגען זיך אומצוקערן צו דער ליטעראַטור נאָגן און עגבערן זיין האַרץ. פון צייט צו צייט שרייבט ער עפּעס אָן, דרוקט עפּעס אָפּ. אָבער ביים לעבן איז ער שוין געוואָרן — געשיכטע. ער געהערט צו די געוועזענע. ער געהערט צו אַ פאַרגאַנגענער תקופה. און ער ווערט איינער צווישן אַ סך פאַרגעסענע פּאָעטן.

די אַפּטייק־געשעפטן שלינגען אים איין אין גאַנצן. אַ געוויסע צייט ווערט ער רייך. ער איז דעמאָלט דער אייגנטימער פון אַן אַפּ־טייק אויף ווילקינס עוועניו לעבן דזשענינגס סטריט, אין בראָנקס. און וואָס רייכער ער ווערט, אַלץ מער פאַרשקלאַפט איז ער. און די חלומות וועגן לידער זיינען בלויז וויטיקדיקע חלומות — און ניט מער. ביסלעכווייז ווערט ער פון אַן אַפּטייקער פאַרוואַנדלט אין אַ סוחר פון אַ הורט־געשעפט. זיין געשעפט שטעלט צו מעדיקאַמענטן און אַנדערע אַרטיקלען צו פאַרשיידענע אַפּטייקן איבער דער שטאָט. דאָ, אין דעם דאָזיקן גרויסן געשעפט, פאַרלירט ער אַ סך געלט. ער בלייבט מיט צערונענע האָפענונגען אויף עשירות, אויך מיט טיף־פאַרבאָרגענע יסורים וועגן ניט־פאַרווירקלעכטע לידער. און וועגן זיי הערט ער ניט אויף צו חלומען.

נאָך דעם דאָזיקן דורכפאַל ווערט ער צוריק אַ באַשיידענער אַפּ־טייקער. ער נעמט איבער אַן אַפּטייק אויף קעלי סטריט און אינטער־וועיל עוועניו, אין בראָנקס. דאָס איז געווען זיין לעצטע אַפּטייק. אין יאָר 1934 איז ער געוואָרן פאַראַליזירט. ער איז אָפּגעלעגן עטלעכע חדשים אין בעט. ביסלעכווייז איז ער געקומען צו זיך, אָבער ער איז שוין ניט געווען דאָס וואָס אַמאָל. די לעצטע יאָרן האָט ער געלעבט ווי אַ חלוש. פינף וואָכן פאַר זיין טויט שרייבט ער צו זיין שוועסטער, סערע קאַיזער, אַ קראַנקן־שוועסטער אין לאָס־אַנדזשעלעס: „ביי מיר — קיין שום נייס. אַלץ ווי געווען. מערסטנטייל פאַרברענג איך אין דער היים, מחמת ס׳איז מיר שווער צו גייך. איך לייען אַ סך, הער זיך צו דער ראַדיאָ, און אַמאָל גיי איך אין אַ קינאָ מיט עני (קאַיזערס פרוי — נ. ב. מ.) — אָט אַזוי פאַרברענג איך מיין צייט. אָבער איך טאָר

זיך ניט באַקלאָגן. אין אייראָפּע, ווי דו ווייסט, איז מיליאָן מאָל ערגער (פון אַ בריוו צו סערע קאַיזער, דאַטירט דעם 7טן דעצעמבער, 1939).

ווען וויליאַם קאַיזער איז געשטאָרבן דעם 13טן יאַנואַר, 1940, האָבן די יידישע צייטונגען ניט געשריבן וועגן דעם. געציילטע האָבן געוואוסט וועגן דעם טויט פון דעם פאַרגעסענעם פּאָעט. בלויז אַ באַצאָלטע נעקראָלאָג־נאָטיץ איז געווען אין די צייטונגען:

„וויליאַם קאַיזער ע״ה — געשטאָרבן אין מאָנטעפיאָרע האָספּיטאָל דעם 13טן יאַנואַר, 1940. ער לאָזט איבער אַ פרוי (אַנני און טעכטער מאַטילדאַ בורטאָן און סילוויא קאַצמאַן). די לוויה וועט זיין היינט, זונטיק, 14טן יאַנואַר, 1940, פון מאָנטעפיאָרע האָספּיטאָל טשאַפּל, גאַן־הילל ראָוד, בראָנקס, 3 אור בייטאָג״.

דאָס איז אַלץ. אַזוי האָט אויסגעזען די „אומשטערבלעכקייט״, וואָס וועגן דעם חלומען און וואָס אין דעם גלויבן אַלע פּאָעטן אין אַלע צייטן.

אַן אָנפאַנגערס פּעסימיזם

געווען אַ צייט ווען מען האָט וויליאַם קאַיזערן גערעכנט צווישן די אָנערקענטע דיכטער. דאָס זיינען געווען די יאָרן צווישן 1893 און 1903. דאָס איז געווען אויך דער פּראָדוקטיווסטער פּעריאָד אין זיין לעבן. דעמאָלט האָט ער באמת געלעבט מיט זיין ליד, געהאָפט, געטרוימט. ער האָט געהערט צווישן די געציילטע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אַ הייליקער עובדה — עפענען די מאַסן די אויגן, לערנען זיי, טרייסטן, וויינען און קלאָגן מיט זיי צוזאַמען, וועקן זיי און רופן אַראָפּוואַרפן פון זיך די קייטן, און אַראָפּברענגען אויף דער וועלט די געגאַרטע, די אידעלע פרייהייט.

שרייבן האָט קאַיזער אָנגעהויבן זייער יונג. אָנהייב 90ער יאָרן שיקט ער פּרצן לידער פאַר דער „יודישער ביבליאָטעק״. פּרץ דרוקט ניט די לידער. ער דערמוטיקט, אָבער, דעם יונגן דיכטער. זיינע ווערק האָט ער פאַרגעלייענט צווישן זיינע באַקאַנטע און פאַר דער משפחה, על פּי רוב, פאַר דער מוטער. זיין שוועסטער, סערע קאַיזער, גיט איבער אַזאַ כאַראַקטעריסטיש בילד:

„אַ שבת בייטאָג. ער לייענט עפּעס פאַר פאַר אונדזער מוטער. אונדזער מוטער, אין איר שבתדיק קלייד, אין אַ שייטל, מיט גרויסע גאָלדענע אויררינגלעך, זיצט און הערט זיך צו ווי וויליאַם לייענט

פאַר. איר פנים שיינט פון טיפע געפילן. זי קוועלט...ביידע לאַכן הארציק און באמערקן קיינעם ניט. איך שטיי פון ווייטן און קען די אויגן פון זיי ניט אַראָפּנעמען. דאָס דאָזיקע בילד פלעג איך אָפּט זען שבתים" (פון אַ פּריוואַטן בריוו).

זיין ערשט ליד, וואָס ער האָט געדרוקט, איז געווען „הערבסט". געדרוקט האָט ער עס אין די „יודישע גאַזעטן", נאָוועמבער, 1893, גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע. פאַראַן, אָבער, זיינס אַ ליד, וואָס ער האָט נאָך געשריבן אין אייראָפּע, אין יאָר 1892. דאָס ליד הייסט „עלעגיע". ער האָט עס שפּעטער אַריינגענומען אין העפטל „לידער און פּאָעזיע", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין ניו־יאָרק, 1895, געדרוקט ביי נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר), 156 איסט בראָדוועי, ניו־יאָרק. איצט איז עס אַ יקר־המציאות. דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע ערשטע לידער בכלל. מיר ציטירן די ערשטע צוויי סטראָפעס:

עלעגיע

חען פינצטערע וואָלקנס באַדעקן מיין הימל,
וועז שרעקלעכע כמאַרעס פאַרשטעלן מיין שיין,
און כ'זוך צו געפינען כאָטש איין שטראַל אַ העלן,
נאָר זע פאָרט קיין אויסגאַנג, עס זאָל ליכטיק זיין, —
אָט דאַן, אין די פינצטערע, שרעקלעכע שטונדן,
דאַן ווערט מיר גאַנץ ביטער, דאַן ווערט מיר ניט גוט,
מיין האַרץ פאַנגט אָן קאָכן, מיין קאָפּ הויבט אָן רוישן —
און דעמלט פאַרליר איך מיין האָפנונג און מוט...

די גאַנצע וועלט וויזט מיר אויס ווי אַ גיהנם,
די מענטשן, — זיי זעען אויס שרעקלעך און ווילד;
וואוהין נאָך איך ווענד זיך, איך וואַרף מיינע בליקן,
זע איך אַלץ אַ שוואַרצעס, אַ פינצטערעס בילד...
קיין שטערן, קיין שטראַל זע איך נירגענד וואו שיינען,
די וואָלקנס — זיי האָבן דאָס אַלעס פאַרשטעלט...
קיין פריינדלעכן וואָרט הער איך ניט פון קיין מענטשן,
איך פיל, אַז כ'בין איבעריק, דאָ, אויף דער וועלט...

דער פעסימיסטישער טאָן אין דעם ליד איז זייער כאַראַקטעריס־טיש פאַר אַ סך אָנפאַנגער. דאָס ליד איז אינגאַנצן אַ פערזענלעכער מאָטיוו. אין די נײַנציקער יאָרן האָט עס אינגאַנצן ניט געשטימט מיט די דעמאָלטיקע סאָציאַלע לידער. זײַן ערשט געדרוקט ליד „הערבסט״ („יודישע גאַזעטן״, נאָוועמבער, 1893) איז אויך פעסימיסטיש אין אינ־האַלט און טאָן. אָבער דאָס ליד איז שוין ניט אינגאַנצן אַ פערזענלעך־יחידיש ליד. מיט זײַן ערשט געדרוקט ליד הייבט ער זיך אָן צו באַ־וועגן אויפֿן וועג צו סאָציאַלע לידער. אין „הערבסט״ זײַנען די פּאָע־טישע באַטראַכטונגען אַלגעמיין־מענטשלעכע. ער פירט דורך דעם דעמאָלט־באַליבטן פאַרגלייך צווישן נאַטור און מענטש. אַגב, אין דעם דאָזיקן ליד, וואָס ער האָט געדרוקט באַלד נאָך זײַן קומען קיין אַמע־ריקע, געפינט זיך שוין אַן אַנגליציזם, דאָס וואָרט „גוד באַי״. בעת דייטשמעריזמען זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה, זעט דער דאָזיקער אַנגליציזם אויס אַ ביסל מאָדנע:

ה ע ר ב ס ט

איינזאַם, עלנט, שטייט אַ ביימל,
האַלט געבויגן טיף זײַן קאָפּ,
און בייס ווינט און שטאַרקן שטורעם
פאַלן בלעטער פון אים אָפּ...

וואָס פאַר בלעטער? — געלע, דאַרע,
גאָר קיין פאַרב, קיין לעבנסקראַפט,
אָפּגעגאַנגען און פאַוויאַנעט,
קיין שום דופט פון אַלטן זאַפט.

— — — — — — — — — — — — — —

און דער רעגן גיסט אָן אויפהער,
אויך דער ווינט, הילכט, פייפט — אַ שרעק,
פונקט ווי ער וואָלט הויך געשריען:
זומער־צייט איז שוין אַוועק!...

— — — — — — — — — — — — — —

מענטש! בעפאָר דו קוקסט אַרום זיך —
לויפט אַוועק דײַן זומער־צײַט,

און דער הערבסט מיט זיינע ווינטן
שטייען דיר שוין ביי דער זייט.

נאָך אַ ווײַלע — און דו זעסט שוין
קיין שום שפור פון ליבן מאַי,
און די גאַנצע יוגנט דיינע
זאָגט אויף אייביק דיר: גוד באַי!...

סימנים פון סאָציאַלן ליד

קאַיזערס ערשטע לידער זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט יענעם פעסימיזם, וואָס מיט אים איז געווען פול די וועלט־שמערץ־ליטעראַטור. „אַ הערבסט־ליד״ (נאָוועמבער, 1893, געדרוקט אין זיין העפט לידער) האָט שוין סימנים פון אַ סאָציאַלן מאָטיוו. די סימנים זיינען ניט קיין בולטע, דאָך זיינען זיי פאַראַן אין ליד. אמת, זיי ווערן דאָ אויסגע־דריקט אין פאַראַלגעמיינערטע באַגריפן: הונגער, קעלט. די טענער אין דעם ליד ווערן שפעטער דער גרונט־טאָן אין זיין פאָעטיש שאַפן. פאַר קאַיזערן איז דאָס געווען אַ שטאַפל אין זיין פאָעטישער אַנט־וויקלונג:

אַ הערבסט־ליד

ניַיע צייטן — ניַיע פייגל,
ניַיע פייגל — ניַיע לידער.

ניט פון ראָזן, ניט פון בלומען —
ניט דערפון איז איצט די צייט!...
יענע צייט איז שוין פאַרפלויגן,
אַ, זי איז פון אונדז איצט וויַיט...

נאָר פון גרויסע שוואַרצע וואָלקנס,
פון דעם בייזן, קאַלטן ווינט,
פון דעם שטורעם — אָט דאָס וויל איך
זינגען דיר, מיין ליבעס קינד;

פון די טעג, וואָס ווערן קלענער,
פון דעם זאַנגען שוואַכן שיין,
וועלכע שיקט איצט אירע שטראַלן
פון דערווייטן קוים אַריין...

און דאַביי וויל איך דיר ווייזן
בילדער, וואו דאָס לעבן פעלט:
מענטשן, וועלכע זיך דאָ קווענלן,
וועלכע ליידן הונגער, קעלט.

דו וועסט לאַנג ניט דאַרפן זוכן:
קענסט זיי זעען לינקס און רעכטס,
נאָר איך ווייס: דו קענסט נאָר העלפן —
מיט אַ זיפץ און מיט אַ קרעכץ...

דאָס ליד „דער שופר”, באַאיינפלוסט, מן־הסתם, פון פרוגס סאַטירישע לידער, וואָלט געפּאַסט פאַר משכּילישע פאָלקסדיכטער. אין תּוך משכּיליש, איז עס צוגעווירצט מיט אַלגעמיינע פאַראַלגעמיינערונגען וועגן „פרייהייט”. דער דיכטער הערט פון ווייטן די שטים פון אַ טראָמפּיט. אַ פאַרגאַפטער פרעגט ער „צי איז דאָס אַ צייכן אַז אַלץ איז איז שוין גרייט. און ס׳הייבן זיך אָן שרעקלעכע שטרייטן?” און אפשר, פרעגט ער ווייטער „איז שוין דאָס דער פרייהייטס־סיגנאַל, וואָס שרייט אונדז: איר אַלע זענט גלייכע, — טאָ וואָס איז דאָס פאָלק נאָך געדריקט איבעראַל, וואָס זעט מען נאָך בעטלער און רייכע?”. און ווען דער דיכטער לויפט אַראָפּ אין גאַס, קלינגט אים דאָס קול זייער באַקאַנט. ער כאַפּט זיך, אַז דאָס איז גאָר „דער שופר. דער שופר, דאָס איז ער!..” אָבער מאָדנע — דער שופר, וואָס האָט באַוויזן אַזעלכע ניסים, איז ניט שוואַכער געוואָרן. אָבער דאָס פאָלק, „דאָס פאָלק האַלט נאָך אַלץ אין איין שלאָפן”:

צי איז דאָס דער שופר, וואָס פלעגט אונדז אַמאָל
די העלדן צום קאַמף־פעלד ערוועקן?
צי איז דאָס דער שטאַרקער, דער הילכיקער קול,
וואָס פלעגט אונדז׳רע פיינדע דערשרעקן?

ווער האָט זיך אַמאָל מיט אים גלייכן געקענט,
ווען ער פּלעגט נאָר אָנהייבן שאַלן!
פאַר אים זיינען דאָך פון יריחו די ווענט
ווי שפּענדלעך פאַרפּוילטע צעפאַלן...

און איצטער רבותי... יאָ, אמת, ער שאַלט,
ער בלאָזט הויך אַ „שברים", אַ „תקיעה",
נאָר וואָס העלפט זיי בלאָזן? — דאָס האַרץ בלייבט זיך קאַלט,
ווי פריער... אומזיסט איז זיין מיע!

אומזיסט איז זיין הילכן, זיין רופן דעם כלל,
אומזיסט איז זיין וועקן, זיין שטראָפן, —
עס איז נאָך גאַנץ פינצטער און שטיל איבעראַל,
דאָס פאָלק האַלט נאָך אַלץ אין איין שלאָפן...

אָ, ווען וועט שוין ענדלעך דאָך — שטיי איך און טראַכט —
דער שופר אַ ווירקונג דאָ מאַכן?...
ווי לאַנג וועט איר ליגן און מיינען ס'איז נאַכט —
אָ, שלעפער! ווען וועט איר דערוואַכן?...

(אויגוסט, 1894)

אַ סאָציאַל ליד, אין פולן זינען פון וואָרט, איז דאָס ליד „דער פרילינג". דאָ ווערן שוין אַלגעמיינע ווערטער ווי „פרייהייט" אַ סך קאָנקרעטער אַ דאַנק די וועק־ און רוף־טענער אין צווייטן טייל ליד. עס מאַכט דערביי ניט אויס וואָס דאָ איז צוגעטראַכט: — די „פרייע" פייגעלעך וועקן די שקלאַפן זיי נאָכצוטאָן און ווערן פריי ווי זיי. אָבער אין דעם ליד טרעטן שוין אַרויס גאַנץ בולט די שטריכן פון קאָיזערס שפּעטערדיק סאָציאַל ליד:

דער פרילינג

דער טייערער פרילינג, ער איז איצט געקומען
און האָט שוין די געגנט גאַנץ שנעל אומגעמאַכט:

מע זעט איבעראַל שוין פיל בלעטער און בלומען,
וואָס וואַקסן און בליען אין פאָלעסטן פראַכט.

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

די זאָנע וואַרפט גלענצנדע די שטראַלן פון ווייטן,
דאָס וואַסערל ריזלט גאַנץ מונטער און פריש,
די פייגעלעך פליען אין אַלערליי זייטן
און זינגען זיך צו אַזוי מונטער און זיס.

יאָ, זיי זיינען גליקלעך, יאָ, זיי זיינען פרייע
און זיי מעגן זינגען פון פרייהייט און רו...
אויב איר ווילט אויך הערן, אָ, ברידער געטרייע,
וואָס זיי זינגען איצטער, — טאָ הערט זשע זיך צו:

„אָ, נאַרישע מענטשן! —
דאָס זינגען די פייגלען —
איר האָפט אין חלומות,
איר טרוימט פון אַ מאַי,
און זענט נאָך ביז איצטער
פאַרשאָלטענע שקלאַפן:
איר האָרעוועט, קוועלט זיך —
און זענט קיינמאָל פריי.

„צעברעכט זשע די קייטן,
גענוג שוין געליטן, —
אָ, איר האָט שוין צו לאַנג
געטראָגן דעם יאָך,
טאָ, זאָגט זשע, וואָס וואַרט איר?
אויף וואָס האָפט איר, נאַרן?
איר זעט אונדז דאָ פרייע, —
טאָ טוט זשע אונדז נאָך!...

(אַפּריל, 1894)

„פֿאַר אייך, נאָר, פֿאַרשקלאַפּטע“

אין דעם 16־זײטיקן העפֿט „לידער און פּאָעזיע“, וואָס וויליאַם קאַיזער האָט אַרויסגעגעבן אין 1895, זײַנען דאָ דרײַצן לידער. זיי זײַנען שטאַפּלען אין זײַן פּאָעטישער אַנטוויקלונג — פֿון יאָר 1892 ביזן יאָר 1895. אָנגעהויבן מיט יחידישע, מרה־שחורהדיקע לידער, שפּעטער — פֿאַראַלגעמיינערטע לידער, און צוגעקומען — צום סאָציאַלן ליד. דאָס לעצטע איז געווען זײַן הויפּט־מאָטיוו. דאָס מאָטאָ־ליד, דער אַרײַנפֿיר, בעסער־געזאָגט, קאַיזערס פּראָגראַם־ליד „פֿאַר וועמען איך שרײַב“, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם שפּעטערדיקן קאַיזערן. דאָס ליד איז שוין כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם קאַיזערן פֿון יאָר 1895, אָבער ניט פֿאַר אַלע דרײַצן לידער אין העפֿטל. דעם אַרײַנפֿיר, דאָס מאָטאָ־ליד, האָט קאַיזער טאַקע געשריבן אין 1895, דעם ערשטן מאַי. ער איז שוין דעמאָלט געווען איבערגעשמידט אין אַ באַוואוסטזיניקן סאָציאַלן פּאָעט:

פֿאַר וועמען איך שרײַב

פֿאַר אייך נאָר, פֿאַרשקלאַפּטע, פֿאַר אייך נאָר, גערדריקטע,
וואָס לײַדן, וואָס קעמפֿן אָן אויפֿהער, אָן סוף,
וואָס אָטמען טאָג־טעגלעך די לופֿט, די פֿאַרשטיקטע,
און האָבן בײַנאַכט אויך קיין רו, קיין שלאָף;

פֿאַר אייך, וועלכע לויפֿן אין קעלט און אין רעגן,
וואָס ליגן פֿאַרשפּאַרט אין אַ פֿינצטערער גרוב,
וואָס שאַפֿן פֿון פֿרי ביז בײַנאַכט און — פֿאַרמעגן...
יסורים אין האַרצן, דעם דלות אין שטוב. — —

פֿאַר אייך, אָ, פֿאַר אייך נאָר האָב איך מײַנע לידער
געשריבן מיט ווייטיק, מיט בלוט און מיט שמערץ,
פֿאַר אייך, מײַנע אָרעמע שוועסטער און ברידער
איך האָב אויסגעגאָסן מײַן אייגענעס הערץ.

דאַרום איז מײַן שרײַבן זאָ טרויעריק, פֿאַרביטערט,
פֿאַרצרהט, פֿאַריאָמערט, פֿון פֿריידע פֿאַרשטעלט...

מיין הערץ האָט געקלאַפּט און מיין האַנט האָט געציטערט,
ווען איך האָב די לידער געבראַכט אויף דער וועלט.

נאָר אויב עס האָט ווען זיך פאַרוואָלט מיר אייך שענקען
אַ זיסינקן טראָפּן אין ביטערן שטראָם, —
זאָלט איר מיר, אַ פריינדע, דאָס גאָרניט פאַרדענקען:
מען איז דאָך ניט מער ווי אַ בשר־ודם...

דאָך נעמט נאָר באַטראַכטן מיט אָפענע אויגן
דעם טראָפּן, דעם „זיסן" אין שמערצלעכן קוואַל, —
וועט איר, מיינע פריינדע, זיך גלייך איבערצייגן,
אַז אויך דיזער טראָפּן איז ביטער, ווי גאַל...

ווי דערמאָנט — דאָס ליד איז ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע לידער אין העפט. עס איז, אָבער, דאָס בעסטע און דאָס רייפסטע ליד. אַגב, אויפן שער־בלאַט שטייט געשריבן — „ערשטעס העפט". קאַיזער, קאָנטיק, האָט זיך געקליבן ארויסגעבן אָפּט אַזעלכע פינף־סענטיקע העפטן לידער. דאָס איז, אָבער, געווען דאָס ערשטע און לעצטע העפטל לידער, וואָס קאַיזער האָט אַרויסגעגעבן. די איבעריקע לידער און פּראָזע־זאַכן זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע צייטונגען און זשורנאַלן.

אַחוץ קאַיזערס פּראָגראַמאַטיש ליד עפנט זיך דאָס העפטל מיט אַן אַריינפיר־ליד, אַ מין ווידמונג־ליד, פון זיינעם אַ פריינד, לואיס צערנאָוו. געהייסן האָט דער דיכטער טשערנאָוו. אין קאַיזערס ליטווישער אויסשפּראַך איז עס געוואָרן צערנאָוו. וועגן טשערנאָוון ווייסן מיר זייער ווייניק. דעם שרייבער פון די איצטיקע שורות זיינען באַקאַנט טשערנאָווס דריי לידער: „ביינאַכט" („פאָרווערטס", דעם 12טן אָקטאָבער, 1897); „דער שיר פון לעבן" — אַן איבערזעצונג פון לאָנגפעלאָו („פאָרווערטס", דעם 18טן דעצעמבער, 1897); און דאָס ליד „צו מיין פריינד" (געדרוקט ווי אַן אַריינפיר־ליד אין וויליאַם קאַיזערס העפטל לידער). אין דעם דאָזיקן ליד גיט טשערנאָוו, אַגב, איבער דאָס כאַראַקטעריסטישע פון די געמישטע פאַראַלגעמיינערטע און סאָציאַלע לידער אין דער זאַמלונג:

צו מיין פריינד

אין דיין שרייבן — ווי אין שפּיגל —
זע איך דיין פאַרביטערס הערץ,
דיינע שמערצן און דיין טרויער,
אויך מיין אייגן לייד און שמערץ.

און די ליידן פון דעם לעבן,
ווי די מענטשהייט ווערט געקוועלט;
ווי עס פליסן טייכן טרערן
און פאַרטרינקען אונדזער וועלט...

זינג־זשע, דיכטער, וועק די שקלאַפן,
מיט דיין ליבע, מיט דיין ליד,
וועק זיי, ברודער, מיט דיין פעדער,
מיט דיין זינגען וועק דעם ייד!

הגם קאַיזערס פּראַגראַמאַטיש ליד איז ניט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע זיינע דרייצן לידער אין ערשטן, און איינציקן, העפטל, זיינען זיי אָבער געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין שטימונג אין יאָר 1895 און פאַר זיינע שפּעטערדיקע לידער. זיין ליד האָט נאָך פריער גע־לעבט אין זיין סאָציאַלן, אין סאָציאַל־רעאַליסטישן קונסט־באַוואוסט־זיין. חוץ דעם דערמאָנטן פּראָגראַמאַטישן ליד „פאַר וועמען איך שרייב", האָט ער נאָך עטלעכע לידער, וואו ער רעדט וועגן דעם לידס שליחות. דער תוך איז: קונסט דאַרף זיין באַדינעריש; זי דאַרף דינען אַ צוועק און אַ ציל; זי דאַרף זיין ניצלעך. אין זיין ליד „צו ש. פרוגן" ווענדט ער זיך צום בשעתו פאַרגעטערטן פּאָעט, ער זאָל דערמונטערן, אויפוועקן זיינע „אָרעמע ברידער, וואָס ווערן פאַראַכטעט, פאַרפאַלגט און געדריקט". חוץ דעם, וואָס די לידער זיינע „האָבן דאָס הערץ שוין ניט איינמאָל ערקוויקט", „פאַרהיילן" זיי „די שמערצן". און דעריבער ווענדט ער זיך צום גרויסן פּאָעט מיט דער בקשה: „שרייב אָפּט דיינע לידער". אין וואָרט „מוזיק", פערטע שורה, שטעלט קאַי־זער דעם טראָפּ אויף דעם ערשטן טראַף, ווי אין ענגליש.

צו ש. פרוג

אַ קונסט איז אויף טייערע לירעס צו שפּילן,
די שטימע זאָל מייסטערהאַפט קלינגען גאַנץ ווייט
און זאָל אויך ערוועקן דעם מענטשנס געפילן,
ער זאָל דאַן פאַרשטיין, וואָס די מוזיק באַדייט;
און הערנדיק שפּילן די געטלעכע טענער,
וואָס גייען אַרויס פון אַ קינסטלעכער האַנט,
זאָל ער דאַן פאַרשטיין — אויב ער איז נאָר אַ קענער —
ווי רייך איז דער שפּילער אין קונסט און טאַלאַנט.

נאָר קינסטלעכער, אָבער, באַדייטנד פיל שווערער,
איז אויף אַ גאַנץ איינפאַכע פייפל פון האָלץ —
אַרויסגעבן טענער, וואָס זאָלן די הערער
דאָ הייסן זיי שטרייטן פאַר פרייהייט מיט שטאָלץ.
דאָ זאָלן זיך אַלע די צוהערער פילן
זאָ מונטער און פריילעך, זאָ גליקלעך און פריי,
און גלייך, ווי די פייפל נעמט טרויעריק שפּילן, —
דאַן זאָלן זיי וויינען און זיפצן דערביי. —

באַגאַבטער פּאָעט! מיט דיין פעדער, די רייכע,
האָסטו אונדז געצייגט, אַז אויך מיטן זשאַרגאָן,
מיט דיזע זאָ אָרעמע, איינפאַכע שפּראַכע,
איז מעגלעך פיל שיינעס, פיל גוטעס צו טאָן.
און די, וועלכע פלעגן פון אים אימער לאַכן
און זאָגן זשאַרגאָן איז אַ חרפּה, אַ שאַנד, —
די האָסט דו געצייגט, אַז ס'איז מעגלעך צו מאַכן
זשאַרגאָנישע שירים מיט קונסט און פאַרשטאַנד.

טאַלאַנטפולער דיכטער! שרייב אָפט דיינע לידער,
וואָס האָבן דאָס הערץ שוין ניט איינמאָל דערקוויקט,
ערמונטער, וועק אויף דיינע אָרעמע ברידער,
וואָס ווערן פאַראַכטעט, פאַרפאָלגט און געדריקט.
די לידעלעך דיינע פאַרהוילן די שמערצן,

זיי וועלן אַלס צירונג ביים פאָלק אימער זיין,
און ווילע זיי גייען אַרויס פון דיין הערצן, —
דאַרום גייען זיי אויך אין הערצן אַריין!...

טעמאַטישע מאָטיוון

טעמאַטיש לאָזן זיך קאַיזערס לידער טיילן אין עטלעכע גרופּעס. אין זייערע ספּעציפישע שטריכן זעט מען מער־ווייניק זיינע נייגונגען, אינטערעסן, אַפילו זיין טעמפּעראַמענט. אין אַלגעמיין זיינען די גרונד־פּעס: סאָציאַלע לידער, הומאָריסטישע און ריינע ליריק. די טיילונג איז, פאַרשטייט זיך, אַ סכעמאַטישע, אַ היפּאָטעטישע. די טיילונג איז אויך ניט אין גאַנצן קיין פּיקסירטע. קאַיזערס סאָציאַל ליד איז דורכ־גענומען מיט אַנדערע געוועבן, ווי די לידער ביי אַ סך אַנדערע זיינע צייט־חברים.

למשל, הומאָר איז ביי אים אַ קאָנטיקער שטריך. דאָס איז להיפּוך אַ סך סאָציאַלע פּאָעטן ביי וועמען סאַטירע האָט געהאַט אַ באַשטימטן צוועק. אָבער קאַיזערס הומאָריסטישע לידער זיינען, על פּי רוב, אויך סאָ־ציאַלע לידער. דער לירישער עלעמענט, ווידער, אָטעמט אין כמעט אַלע זיינע לידער. דעריבער — טיילן זיינע לידער אין דריי גרופּעס גיט אונדז גיכער אַ מעגלעכקייט אַנאַליזירן זיינע לידער.

די טעמע פון זיין סאָציאַל ליד איז: נויט, פּראָטעסט, רופן און וועקן צום קאַמף, ווי אויך אויפדעקן דעם אמת הינטער דעם פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער די דאָזיקע טעמע איז אין אַנהייב ביי אים אַנדערש ווי ביי אַ סך אַנדערע סאָציאַלע פּאָעטן.

נ ו י ט - ל י ד ע ר

קאַיזערס נויט־לידער זיינען זייער אָפט געשריבן אין אַ פאָלקס־טימלעכן טאָן. אין אָט־דעם טאָן זיינען געשריבן יענע לידער, וואָס אין זיי פילט מען די משכילישע טראַדיציע. באַזונדערס — די צונזער־און גאָלדפאַדען־טראַדיציע. ווען מ׳קוקט זיך צו צו זיינע נויט־לידער זעט מען צוויי מינים נויט־מאָטיוון: משכילישע און פּראָלעטאַרישע.

פאַראַן ביי אים אַ ליד „צום נייעם יאָר״. דאָס איז אַ קלאָרער

מוסטער ווי אַזוי עס האָט ביי אים אויסגעזען אַ משכּילישער נויט־מאָטיוו. דאָס דאָזיקע ליד האָט ער אָפּגעדרוקט אונטערן נאָמען יצחק זאב איזראַעל (וויליאַם קאַיזער). געדרוקט איז דאָס ליד אין „אתרוג״ („לאַנד חכם״־נומער), דעם 15טן אָקטאָבער, 1894. מיר ציטירן די ערשטע און די לעצטע סטראָפעס:

צום נייעם יאָר

דער לעבנס־וועג ציט זיך אַלץ ברייטער און גרעסער,
באַמערקלאָז פאַרפליען די טעג,
דאָס נאַרישע מענטשל, ער האָפט אַלץ אויף בעסער,
אויף פריילעכע, גליקלעכע טעג.
ער האָפט — און דאָך לויפן די יאָרן פאַריבער,
די צייט ניט אויף איין מינוט שלאָפט,
און יעדער טאָג לאָזט אים נאָר צרות פיל איבער
דער מענטש אָבער... האָפט אַלץ און האָפט...

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

דער אַלטער יאָר נעמט זיך פון אונדז שוין אָפּשיידן,
אויף אייביק... באַטראַכט אים נאָר גיך,
און זעט וויפיל שמערצן, יסורים און ליידן,
ער האָט דאָרט פאַרבאָרגן אין זיך.

פיל זיינען פון הונגער אין אים אומגעקומען
פיל זיינען געשטאָרבן אין נויט?...
פיל האָבן אַליין זיך דאָס לעבן גענומען,
ווייל זיי האָט געפעלט אייגפאַך ברויט.

וועט אַלץ אַזוי זיין? — אָ, עס ווילט זיך נישט גלויבן,
ווי ביטער און שווער ס'איז צו זען,
דו, גאָט, זאָלסט זיך קאַלטבלוטיק קוקן פון אויבן
און לאָזן דיין וועלט זאָ גיין...
גענוג שוין, גאָטעניו, גענוג אונדז צו שטראָפן,
מיט שמערצן, מיט צרות און פיין,
צום נייעם יאָר, איצטער, ווילט זיך אונדז דאָך האָפן:
אָ, אפשר וועט פאָרט בעסער זיין?...

ענלעך צו דעם נאָרוואָס־ציטירטן ליד, איז דאָס ליד „מיט גליק צו 1898!", הגם דאָ פילט זיך ווייניקער צונזערס אָדער גאָלדפאַדענס השפּעה. דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם ערשטן יאַנואַר, 1898, אונטערן מחברס איינאָפּעאישן נאָמען, איזאַק איזראַעל. דאָס זעלביקע ליד איז געווען אַ צווייט מאָל געדרוקט, אויך אין „פאָר־ווערטס", דעם ערשטן יאַנואַר, 1903, אונטערן נאָמען — א. איזראַעל. דער נאָמען פון ליד איז געווען אַן אַנדערער — „1903 — 1902". מיר ציטירן בלויז עטלעכע לעצטע סטראָפעס:

איך קוק אויפן יאָר, וואָס איז נאָרוואָס פאַרשוואונדן,
איך זע נאָר... אַ כמאַרע, אַ שוואַרצע דאָרט שוועבט,
וואָס איז פון פיל טרערן צוזאַמענגעגאָסן,
פון כליפּעס, פון זיפצן צוזאַמענגעוועבט.

אָ, וויפל קרבנות האָסטו צוגענומען,
פיל זיינען געשטאָרבן אין דיר פאַר דער צייט,
פיל האָבן — פון הונגער, פון נויט און פון צרות —
זיך ענדלעך אַליין פון דעם לעבן באַפרייט!

צוזאַמען מיט דיר זאָל אויך ווערן פאַרשוואונדן
דער קומער, די עלנט, די צרות גאַנץ ווייט,
און דיזער יאָר, וועלכער איז איצט אָנגעקומען,
זאָל ברענגען אַ פרייע, אַ גליקלעכע צייט.

אין די משכּילישע נויט־לידער איז ביי אים די נויט — אַ געדאַנק, אַ פאַראַלגעמיינערטער געדאַנק. פאַראַן, אָבער, ביי אים נויט־לידער, וואו ער רעזאָנירט ווייניקער און שילדערט מערער. אין אַזעלכע לידער אָדער סטראָפעס דערציילט ער ניט סתּם וועגן נויט אָדער וועגן די סיבות פון נויט, נאָר ער שילדערט בילדער. דאָס מערקט מען אין ליד „אַ זומערליד פאַרן אַרבעטער", אונטערגעשריבן — אַ יונגער אַרבעטער". דאָ איז שוין דער מאָטיוו ניט סתּם אַ משכּילישער, נאָר אַ פּראָלעטאַרישער.

אַ זומער ליד פאַרן אַרבעטער

אין גאָרטן, זע, וואָס עס וואַר פאַרפלאַנצט
וי אַלעס וואַקסט און בליט;
די זאַנגע שטראַלט, די זאַנגע גלאַנצט,
און אַלעס פרייט זיך, לעבט און טאַנצט,
נאָר דו — ...דו פרייסט זיך ניט.

דיר גייט ניט איין קיין פריידע איצט
דו ווייסט ניט פון דעם וואָרט...
דער שאַפ, אַוואו דו שאַפסט פאַרשוויצט,
וואָרט וואו דו האָסט דיין קראַפט פאַרניצט
איז דיין „פאַרגניגנס אָרט”

גלייך ווי דו שטייסט נאָך אויף פון בעט
לויפסטו שוין דאָרטן גיך;
דו אַרבעטסט שווער פון פרי ביז שפעט
דערפאַר ביסטו ווי אַ סקעלעט
קיין שטיקל פלייש אויף זיך.

וואָס גייט דיך אָן אַ בלום, אַ בלאַט?
קוק זיך אויף זיי ניט אום!
דו האָסט קיין גוטע שעה געהאַט,
ביסט דאָך מיט שמערץ און צרות זאַט,
וואָס טויג דיר דען אַ בלום?

אין גאָרטן, זייענען איבעראַל
פיל לייט אויפן שפאַציר,
עס שפריצט פאַר זיי אַ קלאָרער קוואַל,
און דאָרטן זינגט די נאַכטיגאַל
פאַר זיי... נאָר ניט פאַר דיר.

נאָכמער זעט מען עס אין די לעצטע סטראָפעס פון ליד „נאָך דעם וועטער”:

נאָך דעם וועטער

האָסטיק, רוישנד גיסט דער רעגן
בייז און שטורמיש ברומט דער ווינט...
אַך ווי שטורמדיק, ווי שמוציק
און ווי נאַס איז דאָ אַצינד!...

די וואָס האָבן נאָך באַוויזן
צו באַצאָלן פאַר אַן אָרט, —
לויפן שנעל, מיט אַלע קרעפטן,
צו דעם „רום“, צו זייער אָרט.

זאָגט מיר, אָבער, ברידער: וויפל
זיינען דאָך פאַראַנען פאָרט,
וועלכע האָבן ניט קיין וואוינונג,
וואָס באַזיצן ניט קיין אָרט?!...

גאָר מיט דיזע איז, אין דער צייט
ניט געשמאַק צו שטיין אין סטריט, —
קומט אַלזאָ דאָך, ליבע לעזער,
אין אַ הויז — איך נעם אייך מיט.

קומט מיט מיר אויף פינף־זעקס טרעפּן,
דאָרט אין פינצטערן, קליינעם רום, —
קומט, אָט דאָ... איר זעט, ווי שרעקלעך
הערשט דער דלות אומעטום!

אויף דער ערד שפּילט זיך אַ מיידל
נעבן איר דאָ, אויף דער באַנק,
ליגט איר יונגע, שוואַכע מוטער —
אָרעם, עלנט, שוצלאָז, קראַנק...

וואָס? ...איר קענט דאָ מער ניט בלייבן?!...
גייט אין צווייטן הויז אַריין! —
איר וועט זיך גלייך איבערצייגן:
דאָרט וועט אויך ניט בעסער זיין!...

„וועקן די מאַסן"

די סאָציאַלע פּאָעטן אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן האָבן, כידוע, געשריבן קאַמף-, וועק- און רופלידער. דאָס איז, באמת, געווען דאָס געבאָט פאַר יעדן סאָציאַלן דיכטער. דער ציל איז געווען — „וועקן די מאַסן". אויך ביי קאַיזערן איז דאָס געווען אַ וויכטיקע עובדה אין פּאָעזיע, און אפשר די וויכטיקסטע עובדה. קאַיזער איז ליריש, סענטימענטאַל, רירנדיק, אָבער ער איז ניט ראָמאַנטיש. ער איז ניט רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטיש. ביי עדעלשטאַט, למשל, האָט דער רע־וואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם פאַרוואַנדלט זיינע וועק- און רופלידער אין הויכער עקזאַלטאַציע. אָבער אָן דער ראָמאַנטישער עקזאַלטאַציע זיינען קאַיזערס וועק- און רופלידער — אויפריכטיק, סענטימענטאַל און רירנ־דיק.

דאָס ליד „דער פרייהייט־פלאַם" איז דאָ און דאָרטן אַ ביסל רע־זאָנירנדיק. דאָך איז עס אַ גוטער מוסטער. געשריבן האָט קאַיזער דאָס ליד אין אויגוסט, 1896. געדרוקט האָט ער עס אין „אַרבייטער צייטונג", דעם 6טן סעפּטעמבער, 1896:

דער פריייהייטס־פלאַם

דורך די גרויסע שוואַרצע וועלן
פון דעם שטורמיש טיפן ים,
וועלכער הייסט ביי אונדז „דאָס לעבן"
שיינט עס דורך אַ העלער פלאַם.

כאָטש ער ווייזט אויס קליין, דאָך וועט ער
אונדז באַלייכטן מיט דער צייט —
ווייסט איר ניט, אַז גרויסע שטערן
זעען קליין אויס פון דער וויט?...

דער, וואָס האָט נאָר קלאָרע אויגן,
דער וואָס קען נאָר זען פאָרויס
יענער זעט אין אים אַ פייער,
וואָס איז ליכטיק, שטאַרק און גרויס;

יענער וועט אין אים אַ פייער,
וואָס וועט ברענגען אויף דער וועלט,
פרייהייט, גלייכהייט, רוע, פרידן
גליק אין יעדערן געצעלט.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ברידער, עפנט אויף די אויגן,
קוקט נאָר גוט, דאַן זעט איר גלייך,
אַז דער העלער פרייהייטס־פייער
גליט און רופט, און ווינקט צו אייך.

עפנט אויף די אויגן, ברידער,
וועט איר דעמאָלסט זעלבסט פאַרשטיין,
אַז צו ברענגען דאָ די פרייהייט
ווענדט זיך נאָר אָן אייך אַליין...

וויניקער רעזאָנירנדיק איז דאָס ליד „דער נייער וועג", געדרוקט אין „אַרבייטער צייטונג", דעם ערשטן נאָוועמבער, 1896:

דער נייער וועג

פון שטיבל גייען וועגן דריי
דער ערשטער וועג גייט, ברידער,
צום פעקטאָרי, וואָס איז געבויט
פון טרערן, שווייס און גלידער.

דער צווייטער גייט זיך גלייך צום שענק,
וואו מע פאַרטרינקט די צרות;
דער דריטער... אָ, דער דריטער גייט
אַוועק צום בית הקברות.

אין ערשטן וועג, פון פרי ביז שפעט,
גיבט קיין מינוט קיין שטילע —

מאַשינען רוישן, קלאַפּן שטאַרק
באַגלייט מיט זיפצן פילע;

אין צווייטן הערט מען נאָכאַנאַנד
ניגונים פון שכורים,
נאָר פון דעם „זינגען" שרייט אַרויס
אַ ים פול מיט יסורים;

דערפאַר איז אין דריטן שטיל,
אַ רו הערשט אין די קברים
אַט דאָרטן איז שוין יעדער גלייך:
צי וואָר ער רייך, צי אָרעם.

עס זיינען יאָרן אָן אַ צאָל,
ווי שטונדן שנעל פאַרשוואונדן.
נאָר ענדלעך האָט אונדז קאַרל מאַרקס
אַ נייעם וועג ערפונדן;

ער האָט באַוויזן אונדז אַ וועג,
וואָס וועט אונדז ברענגען פרייִדן,
וואָס וועט אונדז פירן מיט דער צייט
צום ערדישן גן עדן;

אַ וועג, וואָס וועט אונדז פון דער נויט,
פון צרות פיל באַפרייען...
זאָ שלאָפט שוין מער ניט, אַרבעטער,
מאַרשירט אין וועג, דעם נייעם.

פאַרבינדט זיך אַלע האַנט אין האַנט,
פאַראייניקט זיך מיט טרייהייט,
און קומט מיט אונדז אין וועג, וואָס פירט
צו גלייכהייט, און צו פרייהייט.

דאָס פּאָליטישע ליד

ניט ביי אַלע סאָציאַלע פּאָעטן איז דאָס סאָציאַלע ליד געגאַנגען האַנט אין האַנט מיטן פּאָליטישן ליד. ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך — דאָס פּאָליטישע ליד איז שטענדיק געווען אויך אַ סאָציאַל ליד. אָבער דאָס סאָציאַלע ליד האָט דווקא ניט געמוזט זיין קאָנקרעט לאָקאַליזירט אין אַ באַשטימטער פּאָליטישער געשעעניש. עס האָט ניט געדאַרפט זיין צוגעשפּיצט צו אַ פּאָליטישער פּראָבלעם. דאָס פּאָליטישע ליד איז ניט אַזוי פאַראַלגעמיינערט ווי דאָס אַלגעמיין־סאָציאַלע. דאָס פּאָליטישע ליד איז צייטלעך. דערצו — שאַרף, שלאָגפאַרטיק, באַשטימט און קלאָר. אַ סך פּאָעטן האָבן בשעתם געשריבן פּאָליטישע לידער. מער ווי אַלע האָט אַזעלכע לידער קולטיווירט נעיטן לעמפּערט. זיין עלעמענט איז געלעגן אין פּאָליטישן ליד און אין פּאָליטישן פעלעטאָן אין גראַמען. וויליאַם קאַיזער האָט אויך געשריבן עטלעכע פּאָליטישע לידער. די פּאָליטישע לידער האָט מען דעמאָלט אָפט געדרוקט אינ־איינעם מיט קאַרטונען, וואָס האָבן אויסגעדריקט דעם זעלביקן געדאַנק.

אין „פאָרווערטס" האָט קאַיזער געשריבן עטלעכע פּאָליטישע לידער. איבער די לידער זיינען געווען קאַרטונען. איין קאַרטון טראָגט דעם נאָמען „מיט דעם שווערד פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". אין סאַמע הינטערגרונט זעט מען די הימלקראַצערס פון צוויי שטעט, ברוקלין און ניו־יאָרק. זיי זיינען פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ בריק, וואָס זעט אויס ווי דער ברוקלין־בריק. אין פאָרנט שטייט אַ העלדישער גלאַדיאַטאָר, דער זיגער איבער דער שלאַנג „קאַפּיטאַל". אין זיין לינקער האַנט האַלט דער זיגער דעם קאַפּיטאַלס אָפּגעהאַקטן קאָפּ (דעם „טראָסט"). זיין זיגרייכע רעכטע האַנט שטרעקט אויס הויך די שווערד — „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". פון דער שווערדס קלינג טריפן בלוט־טראָפּנס פון דער נאָרוואָס באַזיגטער שלאַנג — „קאַפּיטאַל".

אונטער דעם קאַרטון קומט קאַיזערס ליד אויף דער זעלביקער טעמע:

מיט דעם שווערד פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע

אומגעדרייט אי ברייט, אי לאַנג,
זעט איר די שרעקלעך־בייזע שלאַנג,

וואָס רופט זיך קאַפּיטאַל?
זי האָט אַ לאַנגע שוואַרצע נאַכט
מיט איר העכסט גיפטיק'ווילדע מאַכט
געוועלטיקט איבעראַל.

⁂

זי האָט פאַרגיפטעט אונזער וועלט
און האָט אונדז יעדע ליכט פאַרשטעלט
דורך אירע רויבערייי;
די מאָנאָפּאָלס, איר יעדער טראָסט,
האָט אונדז פיל שווייס און בלוט געקאָסט
און לעבנס אויך דאַביי.

דאָ קומט דער סאָציאַליזמוס שנעל
און מאַכט פון דיזע שלאַנג אַ תל
וואָס האָט געוועלטיקט לאַנג;
מיטן שילד פון וואָרהייט אויף זיין זייט
קומט ער אַליין נעענטער, ביז ער שניידט
די קאָפּ אַראָפּ פון שלאַנג.

⁂

עס שפּאַרט פון שלאַנג אַרויס אַ טייך
פון דאָלערלעך און בלוט צו גלייך, —
די ערד אַרום ווערט רויט,
און שטאָט די וועלט פון צרות, לייד
וועט הערשן פרייהייט, רו און פרייד,
ווען דיזע שלאַנג ווערט טויט.

אַן אַנדער קאַרטון („פאָרווערטס״, דעם 6טן סעפּטעמבער, 1897), ווייזט אונדז ווי אַ העלדין האָט צעשטערט די פעסטונג „קאַפּיטאַליז־מוס״, און זי באַפרייט פון דאָרט די מאַסן. אויבן אויף דער פעסטונג שטייען אויפגערייצטע קאַפּיטאַליסטן און שיקן קללות דער באַפרייערין. זי האַלט אין דער לינקער האַנט אַ שווערד — „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״, און מיט דער רעכטער האַנט רופט זי, די יונגפרוי „פאָרווערטס״, וואָס טראָגט אַ רויטע פאָן:

פאָרוועדטס, שטאָלץ, מיט פעסטע טריט,
גיי שטאָלץ, דיין וועג איז זיכער,
און טרעפסטו דערנער — וואַרט־זשע ניט:
ראַם זיי פון וועג אָפּ גיכער.
הייב אויף גאַנץ הויך די רויטע פאָן,
צייג אָן די מאָרגנס־שטראַלן
און וויז, אַז ס׳קומט דער טאָג באַלד אָן,
ווען טיראַניי מוז פאַלן.

דער סימבאָל „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״ דערשיינט אין אַ קאַרטון אי־בערן ליד „פון שרעקלעכע משא, גאַנץ טיף איינגעבויגן...״ („פאָר־ווערטס״, דעם 7טן נאָוועמבער, 1898). אין קאַרטון איז געשילדערט אַן אַרבעטער, ווי ער טראָגט אַ קאָרב אויף זיך. אין דעם קאָרב זיצן דריי חברה־לייט: דער גלח, די רעגירונג און דער באָס. די פרוי „סאָציאַל־דעמאָקראַטיע״ געפינט זיך אויפן קאַרטון. דאָס דאָזיקע ליד קאַיזערס איז צוגלייך אויך אַ רופליד צום אַרבעטער, ער זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך די דאָזיקע פינצטערע פאַלשע שלעק:

גענוג דיר צו שלעפּן דעם באַסקעט (קאָרב), דעם שווערן
גענוג דיר צו גלויבן אין דומהייט און ליגן,
אַראָפּ וואַרף די משא, גלייך אויס דיינע ביינער,
ביז דו וועסט די פרייהייט, די אמתע קריגן!

„משוגע, אָבער ניט אינגאַנצן״ איז דער נאָמען פון נאָך אַ קאַרטון. אונטער דעם דאָזיקן קאַרטון איז געדרוקט קאַיזערס אַ פּאָליטיש ליד, וואָס איז שוין דירעקט פאַרבונדן מיט צייט־געשעענישן. אין קאַרטון זעט מען פיגורן, וואָס קוקן אַרויס פון הינטערן פאַרקאַן. די פערזאָ־ניפיצירטע פיגורן זיינען: רוסלאַנד, כינע און ענגלאַנד. אין פאָרנט שטייט דער דייטשער קייזער, הייבט אויף פאַרן קאָלנער „האַאיטי״. אין דער רעכטער האַנט האַלט ער „די שווערד פון מיין העלדישן זיידע״:

דער זעלטענער קענער פון דיזן יאָרהונדערט,
דער רעדנער, דער מאָלער, דער שפּילער, דער שרייבער,
וואָס וויל שטאַרק פון אַלעמען ווערן באַוואונדערט

ביי מענער אויך ווי, להבדיל, ביי וויבער;
דער שרעקלעכער גבור, דער מעכטיקער קיזער,
וואָס וויל, אַז זיין מאַכט זאָל ניט האָבן קיין גרענעץ,
די וועלט זאָל זיך שרעקן פאַר זיינעם אַ בייזער,
זאָל ציטערן גלייך ווי ער גיט נאָר אַ גענעץ, —
ער האָט איצט באַוויזן ווי שטאַרק און ווי מוטיק
ווי העלדיש ער איז (זאָל אים גאָט דערפאַר בענטשן!)
ער קעמפט מיט דער מעכטיקער האַאיטי בלוטיק
וואָס האָט אַ באַפעלקערונג פון... דריט האַלבן מענטשן!

***

פון שטרייט האָבן איצטער די שונאים פאַרשטאַנען,
אַז ער איז נאָך פאָרט ניט משוגע אין גאַנצן,
אַזוי פיל פאַרשטאַנד איז ביי אים נאָך פאַראַנען
מיט „גרויסע" דעם בלוטיקן טאַנץ ניט צו טאַנצן...

פאָרטרעט-שילדערונג

מיטן עצם שרייבן פאָליטישע לידער איז קאַיזער געווען אַנדערש ווי אַ טייל סאָציאַלע פאָעטן. ער איז אויך געווען אַנדערש אין דעם אופן ווי אַזוי ער האָט געשילדערט געשטאַלטן. כמעט אַלע סאָציאַלע פאָעטן האָבן געמוזט דערגיין צו אָט־דעם מין שילדערן. שילדערן געשטאַלטן איז געווען ממש אַ מוז ביים שרייבן רעאַליסטישע נויט־לידער אָדער ראָמאַנטישע לידער וועגן העלדן. אינגאַנצן דאָס אויס־מיידן — דאָס איז ניט געווען מעגלעך פאַר פּראָלעטאַרישע פאָעטן. די פּראָלעטאַרישע פאָעזיע האָט עס כמעט ווי אַרויפגעצוואונגען אויף אירע פאָעטן. אויך קאַיזער האָט עס ניט געקענט אויסמיידן.

עס איז וויכטיק זיך אָפּשטעלן געענוי אויף דער פּראָבלעם גע־שטאַלט־לידער. זינט דעם פּיאָנער ווינטשעווסקין האָבן געשטאַלט־לידער געהערט צו דער עסטעטיק אין דער פּראָלעטאַרישער פאָעזיע. די פּראָלעטאַרישע פאָעטן האָבן בשעתם וועגן דעם ניט געוואוסט. עס איז אָבער דעמאָלט ניט געווען קיין יידישער פּראָלעטאַרישער פאָעט, וואָס האָט זיך ניט פאַרנומען מיט פאָרטרעטיסטיק, אָדער מיט שילדערן געשטאַלטן, על פּי רוב קרבנות פון נויט. ווי דערמאָנט פריער — אויך העלדן האָט מען געשילדערט. וואָס סאָציאַל־באַוואוסטזיניקער,

וואָס רעוואָלוציאָנערער איינער איז געווען, אַלץ אַ גרעסערע נטיה האָט ער געהאַט צו שילדערן רעוואָלוציאָנערע העלדן, מאַרטירער און רעבעלן. אַלע פּאָעטן האָבן באַגריפן דעם סאָציאַליזם אויך ווי אַ סטיכיע. דאָס אומגליקלעכע לעבן, האָבן זיי געוואוסט, שאַפט די פאַרשאָלטענע קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם. די גרייטקייט צו ווערן אַליין אַ קרבן, אַ מאַרטירער, אַן עקזאַלטירטער רופער — דאָס האָבן אַ סך פּאָעטן פאַרמאָגט. טייל — בלויז פּאָעטיש, טייל — אַקטועל. געוויסע פּאָעטן האָבן דאָס געפילט, ווען אַ מאַרטירער־שטימונג האָט זיי באַוועלטיקט. ביי אַנדערע איז דאָס געווען ממש דער טאָג־טעגלעכער טרוים אין זייער לעבן. די אויסגעחלומטע געשטאַלט, דער עקזאַלטירטער יחיד, דער פאָלקס באַפרייער — וועגן דעם דאָזיקן סימבאָל האָט אַזוי טרעפלעך געזונגען מאָריס ראָזענפעלד אין זיין ליד „פריההייטס־אייביקייט״:

צו ווייניק אייזן אין דער ערד,
צו ווייניק פלאַקס אויף אירע בייטן,
צו מאַכן שטריק און ביקס און שווערד
אַ פאָלקס־באַפרייער אויסצוטייטן.

דער גייסט ווערט קיינמאָל ניט פאַרעלנדט,
עס קאָן די גרוב אים ניט פאַרשלינגען.
די תליה איז זיין מאָנומענט,
פון וועלכע יונגע דורות זינגען.

ביי קאַיזערן זיינען פאַראַן נויט־לידער, אַפילו וועק־ און רופלידער. אָבער פאַר אים זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש לידער וועגן רעוואָלוציאָנערע העלדן, ביי וועמען „די תליה איז דער מאָנומענט, פון וועלכע יונגע דורות זינגען״. די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, די מאַרטירער־ראָמאַנטיק — דאָס איז טאַקע אַלעמען געפאַלן. דאָס האָט מיטגעריסן די גאַנצע יוגנט. ביי עדעלשטאַטן, למשל, איז עס אָבער מער ווי דאָס. פאַר אים איז דאָס געווען אַן אומגעצוימטע בענקשאַפט, אַ ניט־איינגעשטילטער דאָרשט, אַ הויכער, מיסטישער ליריזם. ביי אַנדערע איז עס ניט געווען קיין אָרגאַנישע העלזעריי, נאָר אַ שטימונג.
אַזוי, דאַרפן מיר עס אָננעמען, איז עס געווען ביי קאַיזערן. פאַראַן

ביי אים אַ ליד „אין מלחמה". כל זמן עס איז דאָ דעם אַרבעטערס שונא — דער קאַפּיטאַל, „גיי איך אַרויס, איך שטעל מיין קאָפּ, מיין לייב, מיין לעבן גיב איך אָפּ... צעקאַכט וועל איך אין קאַמף אַריין, הויך האַלטנדיק די רויטע פאָן". און ער דערקלערט: „אויב אַ קאַנאָן וועט מיך טרעפן, ווען איך וועל פאַלן פון די פיס, — אָט די מינוט וועט מיר זיין זיס: כ'וועל בענטשן יעדערן סאָלדאַט, וואָס האָט אין קאַמף מער גליק געהאַט, און טראַכטן, קוקנד אויף דער פאָן, אַז איך האָב עפּעס אויפגעטאָן..." דאָס דאָזיקע ליד „אין מלחמה" איז ביי קאַיזערן דאָס איינציקע ליד פון דעם מין.

אַגב, אַ ראָמאַנטישן מאַרטירער־הויך, העלזועריי און סאָציאַלן מיס־טיציזם פילט מען ניט אין דעם נאַרוואָס־דערמאָנטן ליד. אַזוי איז עס דאָס רוב געווען ביי רעאַליסטן, אַפילו ביי סענטימענטאַלע רעאַליסטן. און קאַיזער איז כמעט אין אַלע לידער געווען אַ רעאַליסט. נאָך אַ וויכטיקער שטריך — קאַיזערס לידער האָבן אין זיך אַ סך מרה־שחורה. דאָך איז ער ביי די נאָענטסטע פאַררעכנט פאַר אַ פריילעכן חברה־מאַן, אַ וויצלער, אַ פלינקן גראַמען־פלעכטער, אַ שטיפער. אַז דאָס איז אמת, איז פאַראַן אַ שטאַרקער באַווייז. קאַיזער האָט ווייניק־וואָס פאַרמאָגט די נטיה, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע סאָציאַלע פּאָעטן: — סאַטירע. ער איז געווען אַ געבוירענער הומאָ־ריסט, אָבער נישט קיין סאַטיריקער. דאָס האָט אויך געשטימט מיט זיין גאַנץ וועזן. ער איז געווען אַ גוטער אין כאַראַקטער, אַ מילדער, אַ צאַרטער, אַ סענטימענטאַלער. אַגב, ער האָט דאָך טאַקע געשריבן הומאָריסטישע לידער. איז ניט קיין וואונדער, וואָס קאַיזער האָט בדרך כלל ניט געשילדערט די עקזאַלטירטע רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, דעם רעבעלישן הויכן זשעסט. די רעוואָלוציאָנערע עקזאַלטירטע, די רעבעלישע העלזועריי — דאָס איז ניט געווען אָרגאַניש פאַר אים, אָבער ווי אַ שטימונג האָט עס געקענט אויפלויכטן אין אים. און ערלעך אין זיין דיכטונג איז ער געווען. דער דאָזיקער ערלעכער דיכטער האָט אויסגעדריקט דאָס, וואָס איז געווען פאַר אים אָרגאַניש — רעאַ־ליסטישע בילדער און סענטימענטאַלע געפילן: נויט, דאָס גרויע לעבן, דאָס האַרציקע און שטילע געוויין. דאָס אַלץ געפינט מען אין זיינע לידער.

די געשטאַלט־לידער ביי ווינטשעווסקין, ראָזענפעלדן, עדעלשטאַטן און אַנדערע פּאָעטן האָבן דורכגעפירט אַ שליחות. נאָט — זעט די

נויט, דאָס אומגליק, זעט וואָס עס ווערט פון מענטשן אין דעם קאַפּי־טאַליסטישן אומיושר. אָדער — זעט דעם מאַרטירער, דעם העלד. בדרך כלל האָט דער פּאָעט אין דעם ליד ניט געגעבן קיין פּאַרטיקן נמשל. דער נמשל האָט דער לייענער אַליין אַרויסגעלייענט. ער האָט אַליין זיך אָנגעשטויסן אויף אים. אויף אַזאַ אופן איז דער אויס־פיר געווען שטאַרק. ווי טרויעריק דאָס ליד האָט זיך ניט געענדיקט, איז דעם לייענערס אויספיר געווען פאַרנומען מיט פאַרשיידענע מחשבות. זיי האָבן געפירט צו רעוואָלוציאָנערע איבערצייגונגען. אַזוי נאָך האָבן די טרויעריקע נויט־לידער געפירט צו אַ געפיל־אויפברויז אינעם לייענער. וועגן רוף־ און וועקלידער, אָדער מאַרטירער־לידער — וועגן זיי איז ניטאָ וואָס צו ריידן. זייער שליחות איז געווען אומ־פאַרמיטלט, דירעקט. מיר ריידן דאָ וועגן דער רעוואָלוציאָנערער ווירקונג, וואָס טרויעריקע נויטלידער האָבן געהאַט.

ביי קאַיזערן זיינען די געשטאַלט־לידער געווען גאָר אַנדערע. אָט איז אַ ליד „דער שוץ־ענגעל", וואָס קלינגט ווי אַן אַלעגאָריע אויף פילאַנטראָפּיע. אָט־דער שטריך איז ביי פּראָלעטאַרישע פּאָעטן ניט געווען. דאָס ליד „דער שוץ־ענגעל" הייבט זיך אָן ווי די נויט־לידער ביי ווינטשעווסקין:

אַ שרעקלעכע, קאַלטע און פינצטערע נאַכט...
דאָרט הויך, אין אַ רום, זיצט אַ מוטער פאַרשמאַכט,
דערביי זיצן קינדערלעך צוויי;
אַ דריטע, אַ קליינינקע, ליגט ביי דער ברוסט,
זי קוקט אויף די קינדער, זי גלעט זיי און קוסט
נאָר עסן — האָט זי ניט פאַר זיי.

פּלוצעם באַווייזט זיך אַ מלאך אין טיר. ער האָט געבראַכט „עסנ־וואַרג פיל". די עלנטע אלמנה פרעגט אים ווער ער איז. און דער מלאך ענטפערט: „חוץ דיך האָב איך פילע פון הונגער באַשיצט.. מיין נאָמען איז: „משכיל אל דל".

אַן אַנדער געשטאַלט־ליד איז „אַן אַלטע פראַגע". דער גאַנצער הינטערגרונט איז — נויט. ביי אַ באַנק „שטייט אַ קבצן — שמוציק, חושך, איינגעבויגן, שוואַך און קראַנק". ער קוקט דורכן פענצטער: זעט די גאָלדענע מטבעות, ווערטפולע פּאַפּירן, דעם באַנקיר. און

ער פרעגט דעם רבונו־של־עולם די אייביקע פראַגע: פאַרוואָס איינער האָט אַלץ, און דער צווייטער האָט גאָרניט. און דאָס ליד ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

נאַריש מענטשל! דיזע פראַגע האָט מען שוין גאַנץ לאַנג געהערט,—
אָבער, לײדער, האָט מען זי דאָך נאָך ביז היינטע ניט ערקלערט.

וויליאַם קאַיזער איז אַנדערש אין זיינע געשטאַלט־לידער מיטן אויספיר: „משכיל אל דל" און מיט דעם ניט־דערקלערטן ענטפער פאַרוואָס איינער האָט אַלץ און דער צווייטער גאָרניט. ער ענדיקט אָפט אַ געשטאַלט־ליד אינגאַנצן דעפּיטיסטיש. פאַראַן ביי אים אַ ליד „מיין ברודער". ער זעט דעם ברודערס אומגליקן, זיינע ליידן. ער וויים, דער ברודער נייטיקט זיך אין הילף — „נאָר איך דיר העלפן... אַ, בלויז מיט אַ קרעכץ". דאָס ליד ענדיקט זיך:

איך וואָלט אָפּגעגעבן מיין לעבן מיט פריידן
ווען ב'זאָל דערמיט אויפטאָן פאַר דיר עפּעס רעכטס,
דערמיט, אָבער, וועל איך ניט שטילן דיין ליידן —
און טאַקע דעריבער גיב איך אויך אַ קרעכץ...

דעפּיטיסטיש און סענטימענטאַל איז דאָס נאַרוואָס דערמאַנטע ליד. פון אַן אַנדער מין איז דאָס ליד „אַ פינישערין" (וואָס פאַרענ־דיקט די אַרבעט ביי מלבושים). אין באַסינס אַנטאָלאָגיע „500 יאָר יידישע פּאָעזיע" הייסט דאָס ליד „אין גאָלדענעם לאַנד". מיר ציטירן דאָס ליד נאָכן אָריגינעלן נוסח ווי קאַיזער האָט עס לכתחילה אָנגע־שריבן אין פעברואַר, 1895:

אַ פינישערין

אין שאַפּ, צווישן מיידלעך, מיט טרערנדע אויגן,
זיצט זי אין אַ ווינקל, אין דרייען געבויגן,
זי אַרבעט, זי נייט... און גאַנץ אָפט פון איר הערצן
אַ זיפץ רייסט אַרויס זיך, און הילכט אָפּ מיט שמערצן.
אין שאַפּ רוישן און רוישן, מאַשינען, מאַשינען —
און פון אירע אייגעלעך טרערן פיל רינען...

זי נייט — און זעט, ווי אין אַ שפּיגל אַ קלאָרן
די בילדער פון אירע פאַרגאַנגענע יאָרן:
אַ מיידעלע שפּילט זיך... די עלטערן — רייכע...
ווער איז דאַן געווען צו איר נאָך אַ גלייכע?...
און היינט?... מוז זי לויפן אין שאַפּ, שוין באַגינען, —
און פון אירע אייגעלעך טרערן פיל רינען...

זי זעט יעצט איר היימאַט: אַ זילבער־קלאָר טייכל...
פיל בלומען און פרוכטן — זיי שמעקן — אַ מאכל;
זי לויפט מיט אַ קערבעלע שפּילציג, מיט עסן...
וואַר זי דאַן ניט גליקלעכער פון אַ פּרינצעסין?
און איצטער?... פאַר עסן — מוז זי גאָר היינט דינען —
און פון אירע אייגעלעך טרערן פיל רינען...

אַ טאָג נאָך אַ טאָג — פילע יאָרן פאַרלאָפן,
אויף גאָלדענע צייטן זי פאַנגט אָן צו האָפן...
די עלטערן זיינען שוין שוואַכער געוואָרן,
נאָר זי אָבער איז אין די בליענדע יאָרן...
אָ, אוממעגלעך יעצט יענע טעג צו געפינען, —
און פון אירע אייגעלעך טרערן פיל רינען...

און נאַכהער — געדענקט זי — די ווילדע סקאַנדאַלן,
ווי פּויערים זיינען דאָס הויז דאַן באַפאַלן
און האָבן צעבראָכן, צעשטאָכן די כלים,
געראויבט און געגזלט — געמאַכט אַ תל עולם...
ס'הייבט אָן ביים געדאַנקען זיך מישן איר זינען —
און פון אירע אייגעלעך טרערן פיל רינען...

די עלטערן זיינען נאָכדעם קורץ געשטאָרבן,
ס'וואַר אַלעס צעראויבט, וואָס זיי האָבן ערוואָרבן;
מיט וואונדן אין הערצן, מיט טרויער, מיט וויימוט
האָט זי דאַן אויף אייביק פאַרלאָזן איר היימאַט
אין „גאָלדענעם לאַנד״, דאָרט איר גליק צו געפינען...
— — — — — — — — — — — — — — —
און פון אירע אייגעלעך טרערן פיל רינען...

„די פינישערין" איז שוין אַ געשטאַלט־ליד נאָכן אַנגענומענעם ווינטשעווסקי־ אָדער ראָזענפעלד־נוסח. דאָס איז אַ טרערן־ליד. אין דעם ליד איז ניטאָ קיין נמשל וועגן פילאַנטראָפיע, אָדער גאָר דע־פּיטיזם. ס'איז אַ טרערן־ליד, וואָס האָט געשילדערט נויט און אומ־גליק. אַזעלכע לידער האָבן בשעתם גערירט דעם עולם. און דאָס איז שוין געווען אַן אויפטו. אַזעלכע לידער האָבן סוף־כל־סוף געפירט צום אַרבעטערס באַוואוסטזיין, צו רעוואָלוציאָנערע מחשבות.

צאָרן און גאַל

וויליאַם קאַיזער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט עטלעכע לידער, וואָס האָבן פאַרזיכערט זיין אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע. דאָס זיינען לידער, וואָס כלומרשט שטימען זיי ניט מיט זיין גאַנצן מילדן כאַראַקטער און מיט זיין שרייבן. פאַרוואָס שטימען זיי ניט? ווייל מיר האָבן אַ באַשטימטן באַגריף וועגן דער געשטאַלט — וויליאַם קאַיזער. אונדז לייגט זיך ניט אויפן שכל: אַט־דער סענטימענטאַלער רעאַליסט, אַט־דער רך־לבֿ און הומאָריסט, — ער זאָל פּלוצעם אָנ־שרייבן לידער, וואָס זיינען פיל מיט זודיקן האַס. דער אימפּעט אין זיי איז שטאַרק. זיי זיינען דינאַמיש; פול מיט „צאָרן און גאַל". ער האָט דאָך געהאַט אַ נטיה צו גרויע פאַרבן. זיין טאָן איז אַ דערשלאָ־גענער, אָדער — אַ הומאָריסטישער. און דאָ פּלוצעם — אַן אימ־פּעטיק־צאָרנדיקער גאַנג. דערצו נאָך — אַ הויכער גאַנג. אַזאַ איז דאָס ליד —

משא רומעניע

פאַרפלוכטעס לאַנד, אָ, בלוטיקע מדינה,
דו גרוב פון צרות, פינצטערניש און האַס;
אין יעדן ריר דיינס ליגט אַ ים מיט שנאה,
דיין יעדע טאַט ברענגט ציטערניש און כעס.

דו ביסט דער אַפּאַל, ביסט די פעלקער־פּסולת,
דו ביסט געשטיצט אויף רויבזוכט, מאָרד און פּעסט,
דיר קליגגען זיס דעם יידנס הויכע קולות,
וואָס דו דערשטיקסט ביי זיך אין שלאַנגען־נעסט.

דו ביסט אַ פלעק אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
דעריאָגסט שוין רוסלאַנד מיט דיין „פּאָליטיק״;
און יעדער מענטש מיט האַרץ מוז זיין פאַרוואונדערט
באַטראַכטנדיק, ווי שנעל דו לויפסט — צוריק.

איך זוך ביי דיר כאָטש איין אָרט צו געפינען,
וואָס זאָל אַזוי ניט אויפרעגן מיין האַרץ, —
אומזיסט! איך זע נאָר בלוט און טרערן רינען,
וואוהין איך גיב אַ בליק — איז פינצטער, שוואַרץ.

דו נעמסט אַ רואיק פאָלק, נאָר שוואַך און אָרעם
און ציסט אַרויס זיין לעצטן טראָפּן בלוט,
דו גראָבסט אויף מיילן־ווייט אַזוי פיל קברים —
און ווייזסט זיך פאַר דער וועלט נאָך פיין און גוט.

אָ, זיי פאַרפלוכט, דו מצח אשה זונה!
עס רינט נאָך איצט דאָס בלוט פון דיינע הענט.
פאַר אַלע דיינע מעשים די געמיינע
וועסטו באַצאָלן — צאָלן מיט פּראָצענט!

באַטראַכט וואָס איז פון שפּאַניען איצט געוואָרן, —
איר שטאָלץ, איר גדולה זעסטו מער שוין ניט;
אויך דיר וועט לאַנג פאַרפאָלגן אונדזער צאָרן,
נקמה וועט דיר נאָכגיין טריט ביי טריט.

דו וועסט פאַראָרעמט, וועסט פאַרהונגערט ווערן,
ווען זי בייט נאָר אויס איר געדולד אויף פאַרשטאַנד,
און דאָך ווי זי טרינקט זיך אין ים פון דעם דלות,
ווי זי קריגט די פסולת פון „גאָלדענעם״ לאַנד...

די קינדער דיינע וועלן זיך נאָך שעמען
פאַר דיר, דו פינצטערע געמיינע לאַנד, —
און וועלן לאַנג פאַרדאַמען יענע נעמען
וואָס וועט אויף דורות מאַכן זיי צו שאַנד!

נאָך שטאַרקער און אימפּעטיקער איז דאָס ליד:

וואו נעם איך?

וואו נעם איך אַ ריזיקע כוואַליע פון פייער
אַ רעגן פון פלאַמען, אַ מבול פון בראַנד? —
צו קענען באַווייזן דער פינצטערער מאַסע,
ווי גרויס איז איר גבורה, ווי שטאַרק איז איר האַנט.
ווי גליקלעך זי קען אירע יאָרן פאַרברענגען,
ווען זי בייט נאָר אויס איר געדולד אויף פאַרשטאַנד,
און דאָך ווי זי טרינקט זיך אין ים פון דעם דלות,
ווי זי קריגט די פסולת פון „גאָלדענעם" לאַנד...

וואו נעם איך אַ ריזיקע כוואַליע פון פייער?
איך וואָלט עס געטראָגן אַוואו ס'איז נאָר שוואַרץ!
באַלויכטן וואָלט איך דאַן דעם פאָלקס בלינדע אויגן
געצונדן וואָלט איך אַ פאַרלאַנג אין זיין האַרץ.
און ווי נאָר עס וועט אין זיין מוח ערוואַכן
זיין טעמפּער באַוואוסטזיין, וואָס שלאָפט אַזוי לאַנג,
דאַן וואָלט פון זיין ברוסט (אָנשטאָט זיפצן און קרעכצן)
זיך הויך אויסגעגאָסן אַ פרייהייטס־געזאַנג.

וואו נעם איך אַ פייער צו קענען פאַרניכטן,
אַלץ וואָס איז דום, וואָס איז פאַלש, וואָס איז שלעכט?
איך וואָלט דאַן צעשמאָלצן אויף שטיקער די קייטן,
וואָס האַלט אונדז געבונדן און מאַכט אונדז פאַר קנעכט;

איך וואָלט ביז אויף קויל און אויף אַש דאַן פאַרברענען
די וואַנט, וואָס צעטיילט אונדז אין אָרעם און רייך,
קיין זכר זאָל בלייבן פון וועגט און פון צאַמען, —
זאָלן אַלע זיין מענטשן און אַלע זיין גלייך!...

גאָר אַ גוט ליד, אין דעם זעלביקן סטיל ווי די נאָרוואָס ציטירטע לידער, איז זיין „מאָנאַט מערץ" (1897). דאָ איז שוין פאַראַן אַן עקזאַלטירטער טאָן, ראָמאַנטישער גאַנג און רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס:

דער מאָנאַט מערץ

דער הייליקער מאָנאַט! ער איז אָפּגעפאַרבן
מיט בלוט פון טיראַנען, ווי אויך בראַווע לייט;
ער האָט אין געשיכטע אַ שם זיך דערוואָרבן
אַלס קעמפּער פאַר פרייהייט און ברידערלעכקייט.

אין אים האָט גענומען די פרייהייט העל שטראַלן, —
אין אים האָט אויך פראַנקרייך איר מאָרגן ערהעלט;
אין אים איז אַ צאַר פון די רוסן געפאַלן,
וואָס האָט פאַר דער פרייהייט אַ גאַלגאַן געשטעלט.

ציטר אָן, מערץ, דיין גלייכהייט צווישן די מאַסן,
מיט ליבע צו פרייהייט פיל אָן יעדעס הערץ,
און דאַן וועט ערהילכן אַ שטים אין די גאַסן,
געבענטשט זיי, דו הייליקער, בלוטיקער מערץ.

ווי פריער דערמאָנט — אָט די לידער זיינען ניט כאַראַקטעריס־טיש פאַר קאַיזערס גאַנץ שרייבן. דאָך וועלן זיי פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין אונדזער פּאָעזיע.

ה ו מ אָ ר

אַ גאָר וויכטיקער טייל אין קאַיזערס שאַפן איז געווען דאָס הומאָ־ריסטישע ליד. ביי אים זיינען אפשר פאַראַן לידער, וואָס לויכטן־אויף מיט סאַטירע. ליגט, אָבער, דאָרטן מער הומאָר ווי סאַטירע. סאַטי־רישע לידער זיינען ביי אים אַן אויסנאַם. הומאָר, ווי שוין דערמאָנט, איז בדרך כלל ניט געווען אָנגענומען אין פּראָלעטאַרישן ליד. פּראָ־לעטאַרישע פּאָעטן האָבן זייער שטאַרק קולטיווירט דאָס סאַטירישע ליד. קאַיזער האָט געשריבן פריילעכע, הומאָריסטישע לידער מחמת אַ פשוטן טעם: דאָס איז געווען זיין עלעמענט. אין אָט דעם מרה־שחורהדיקן דיכטער האָט געשלאָגן אַ הומאָריסטישער אָדער. ער איז טאַקע געווען אַ מרה־שחורהניק. ער איז, אָבער, אויך געווען אַ שאַר־פער וויצלער, אַ פלינקער גראַמען־שפינער, אַ קיבעצער, אַן אומ־

שולדיקער נאָכשפּעטער און סתם אַ פרײלעכער לונג־און־לעבער. די פּאָרשטאָרבענע מרים שמ״ר־צונזער האָט דעם שרײבער פון די שורות איבערגעגעבן עטלעכע פּרטים וועגן קאַיזערן. זײ כאַראַקטעריזירן טרעפלעך קאַיזערן דעם דינאַמישן יונגנמאַן.

אײנמאָל, שפּעט בײנאַכט, איז קאַיזער אַרײן צו זײ אין הויז. דאָס איז געווען גלײך נאָך אַ פאָרשטעלונג פון איבסענס „נאָראַ״, וואָס קאַי־זער האָט געזען אין יידישן טעאַטער. אָט די פאָרשטעלונג האָט אים גוואַלדיק באַגײסטערט. דערצײלט ער ווי אַזוי די אַקטיאָרן האָבן געשפּילט — און אָט מאַכט ער נאָך די העלדן. ער שפּילט אָפּ גאַנצע סצענעס, טאַנצט פאַר זײ „די טאַראַנטעלאַ״, מיט ברען, מיט אימפּעט. נאָכשפּעטן דעם „טאַראַנטעלאַ״־טאַנץ — דאָס איז אַרײן אין אים ווי אַ דיבוק. פון דעמאָלט אָן האָט מען אים זײער אָפט געזען ווי ער גיט זיך אַ לאָז טאַנצן די „טאַראַנטעלאַ״ ממש משוגענערווײז.

קאַיזער האָט געאַרבעט בײ שמרן, אין דער רעדאַקציע פון „לאַנד־חכם״, דעם „יידישן פּאַק״ א״אַ אויסגאַבעס. בײטאָג פלעגט שמר גײן אַהײם זיך צושפּאַרן. קאַיזער האָט אויסגענוצט די דאָזיקע שעהען. פונקט דעמאָלט האָט ער אײנאײנעם מיט חנן מיניקעסן געשריבן אַ פּיעסע פאַרן יידישן טעאַטער. איז ווי נאָר ער האָט אָנגעשריבן אַ גוטן זאַץ, אַ פײנעם דיאַלאָג, פאַרענדיקט אַ סצענע — האָט ער מיט אַ ווילדן געפּילדער זיך אַ ריס געטאָן פון בענקל, פאַרריסן די הויזן, ווי אַ טענ־צערין פאַררײסט דאָס קלײד, און מיט קולות ובקרים זיך אָוועקגעלאָזט טאַנצן דעם טאַראַנטעלאַ״־טאַנץ. הומאָר, פרײלעכקײט, ווי מיר זעען, איז געלעגן אין זײן כאַראַקטער. איז ניט קײן וואונדער, וואָס ער האָט געדרוקט — באַזונדערס אין „יודישן פּאַק״, אין „לאַנד־חכם״ — סתם־הומאָריסטישע לידער. אַזעלכע לידער זײנען למשל „אַ בילד פון „חזיר־מאַרק״ („לאַנד־חכם״, יאַנואַר, 1894), „באַשולדיקט״ („דער פּאַק״, דעם 1טן מערץ, 1895), „וואונדערט זיך ניט״, „די יודישע מוזע אָדער מײנע פאַרדינסטן״ (געדרוקט אין זײן ביכל לידער), „גע־האַלטן וואָרט״, „פּאַקס קאַלענדאַר — יאַנואַר״.

קאַיזער איז, אָבער, געווען אַ סאָציאַלער דיכטער. האָט ער אין סתם הומאָר געזען אַ סאָציאַלע פונקציע. אויך הומאָר דאַרף זײן או־טיליטאַריש, ניצלעך. הומאָר, האָט ער געהאַלטן, גיסט „פרײד אין שמערצן־בעכער״, „פאַריאָגט די זאָרג פון אונדז געשווינד״, „פאַרטרײבט דעם טרויער מיט דעם ווינט״ („צום פּאַק״, דעם 6טן אָקטאָבער, 1895).

קאַיזער זעט טאַקע אין הומאָר דעם „עלעגאַנטן פּוץ". אַזוי דאַרף זיין, האַלט ער, כּדי הומאָר זאָל ווירקן. אָבער חוץ דעם „עלעגאַנטן פּוץ", ברענגט הומאָר „אויך אַ וואָרן נוץ, געמישט מיט פאַרגעניגן". „דו ווייזט אונדז אָן — ווענדט זיך קאַיזער צום הומאָריסטישן זשור־נאַל „פּאַק" — ווי מיר זאָלן שלעכטס פאַריאָגן ווייט, און דאָס גוטס צו קריגן"...

קאַיזער באַמיט זיך באַווייזן ווי וויכטיק עס איז סאַטירע. ער טוט עס אין ליד „פּאַרוואָס דער פּאַק לאַכט" (דעם 10טן נאָוועמבער, 1895). ער אַליין, אָבער, האָט געשריבן זייער ווייניק סאַטירע. ער האָט מער געשריבן הומאָריסטישע לידער, טאַקע אין דעם זעלביקן „פּאַק".

יידישע מאָטיוון

געוויסע סאָציאַלע לידער קאַיזערס זיינען אין איין פּרט געווען אַנדערש ווי די סאָציאַלע לידער ביי אַ סך קאָלעגן זיינע. דער פּרט איז — דער יידיש־טראַדיציאָנעלער עלעמענט. דאָס רוב סאָציאַלע פּאָעטן אין אַמעריקע זיינען געווען רוסיש־ריידנדיקע, אָדער אינגאַנצן אַסימילירט. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט יידיש ביי די יידישע מאַסן. טייל האָבן זיך געהאַלטן פאַר רוסן, רוסישע פּאַטריאָטן. אין דער זעלבער צייט זיינען זיי געווען קאָסמאָפּאָליטן. זיי זיינען לחלוטין ניט געווען אַריינגעוועבט אין טראַדיציאָנעלער יידישקייט, ניט אין אמונה, ניט אין לעבנס־שטייגער. דער טיף־יידישער אידיאָם האָט זיי געפעלט.

געווען צווישן זיי אויסנאַמען. די דאָזיקע געציילטע האָבן ניט זעלטן אַריינגעבראַכט דעם יידישן אידיאָם און דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין זייער סאָציאַל ליד. אַזעלכע אויסנאַמען זיינען געווען בנימין ראָזענבלום, נייטן לעמפּערט. אַזאַ אויסנאַם איז אויך געווען וויליאַם קאַיזער. ביי אים געפינט מען טאַקע לידער, וואָס זייערע נעמען אַליין דערציילן אונדז וועגן דעם פּאָעטס שייכות צום טראַ־דיציאָנעל־יידישן לעבנסשטייגער, ווי, למשל, „זמר לפורים", „כּפּרות", „על הנסים", דאָס דריידל א"אַ. אָבער זיי זיינען אַלע סאָציאַלע לידער, געבויט אויף אַ סאָציאַלן מוסר־השכל. עס פאַרשטייט זיך, אַזעלכע לידער זיינען על־פּי־רוב אַ ביסל פאַרשטאָכן מיט סאַטירע, לכל־הדעות שטעקט אין זיי אַ משל און אַ נמשל. אין דעם פּרט דערמאָנען זיי אַ ביסל אין צונזערן און גאָלדפאַדענען. פאַר אַ כשרן סאָציאַלן פּאָעט,

אַ פּאָעט פֿון ראַדיקאַלן לאַגער, איז דאָס אַ שטיקעלע חידוש. די איינציקע דערקלערונג דערפֿאַר געפֿינט מען אין דעם, וואָס קאַיזער איז אין אָנהייב ניט געווען אויסשליסלעך סאָציאַל, ניט שאַרף סאָציאַל. מיר האָבן דאָס געזען אין די ערשטע לידער זיינע אינעם ביכל, אין די יחידישע, אינדיווידואַליסטישע לידער... מיר זעען דאָס אויך אין דעם, וואָס ער האָט זיך געדרוקט אין דער באַלעבאַטישער פּרעסע, ווי „די יודישע גאַזעטן", „דער יודישער פּאָק" א"אַ. אַזעלכע צוויי פּרטים האָבן געמיינט זייער אַ סך אין יענע יאָרן. זיי האָבן געמיינט — ער איז צוגעבונדן צום יידישן עבר.

אין ליד „דריידל" דערציילט ער, למשל, ווי אַזוי ער האָט אין קינדהייט געשפּילט אין דריידל. „מיין דריידעלע האָט זיך געקייקלט, געדרייט זיך, און איך האָב געוואונען פֿון יעדערן געלט". ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט ער דערזען ווי „די באָסעס, די סוחרים... באַאַמטע, באַנקירן" דרייען די וועלט און נעמען צו „פֿון יעדערן הויפּנס מיט געלט".

אין ליד „כּפּרות" רופֿט ער די ברידער, מען זאָל אויפֿשטיין, עס טאָגט שוין... מען דאַרף כּפּרות שלאָגן. מען דאַרף עס, אָבער, טאָן מיטן „פּאַק צרות", מיט „פּריצים" און „שררות".

אין ליד „זמר לפּורים" עצהט ער זיינע „ברידערלעך", זיי זאָלן שוין אויפֿהערן „קלאַפּן... דעם לאַנג שוין־פֿאַרשטאָרבענעם המנען. מען דאַרף זיך נעמען צו די איצטיקע המנס „וואָס קויפֿן מיט זילבער דיין לייב און דיין לעבן".

דער מוסר־השכּל אין יעדן ליד אויף יידישע טעמעס איז ביי קאַיזערן אַ סאָציאַלער. דער אידיאָם, דער אָנדייט אויפֿן יידישן לעבנסשטייגער — דאָס אַלץ איז טראַדיציאָנעל־יידיש.

יידיש־נאַציאָנאַלע טענער

ניט נאָר סאָציאַלע לידער, געשריבן אין טראַדיציאָנעל־יידישן נוסח, געפֿינען מיר ביי קאַיזערן. מיר געפֿינען ביי אים אויך לידער, וואו מען הערט נאַציאָנאַליסטישע טענער. אַזאַ ליד איז „דער שופֿר". אַזאַ ליד איז אויך „צו מיין פֿריינדין (אין איראָפּע)". געדרוקט אין זיין ביכל. אין אָט דעם ליד דערציילט ער ווי „אין דער אַלטער וועלט", אַזוי גוט ווי „אין דער נייער וועלט", געפֿינט ער נאָר צרות, יסורים,

נאַר שמערצן און פּײַן..." ער דערציילט דאָרטן וועגן דעם שווערן אימיגראַנטישן לעבן. די אונטערשטע שורה — ער איז אַנטלאָפן פון העלישן פייער" „און איז... אין וואַסער אַרײַן"... צווישן אַט־די סאָציאַלע טענער הערן זיך ריין־נאַציאָנאַליסטישע קלאַנגען: „און איך האָב געליטן, ניט פרעגנדיק קיין פראַגע, ווייל איך האָב געוואוסט גוט, אַז איך בין אַ ייד". אָדער אַזאַ סטראָפע: „נאַר שטעל זיך פאַר, פריינ־דין, ווי מיר איז געוואָרן, אַלס איך האָב אויך דאָ, אין דעם „גאָלדענעם לאַנד", דערזען, אַז מיין האָפענונג איז, נעבעך, פאַרלאָרן: אויך דאָ איז דער יידל צו שפּאָט און צו שאַנד". „ס'איז אמת — שרייבט קאַיזער — דאָ הערט מען קיין „זשיד" ניט, נאַר „שיני", נאַר וואָס איז דער חילוק, כ'פאַרשטיי, אָסור, ניט?..."

וואָס מער ער שרייבט לידער, אַלץ ראַדיקאַלער ווערט ער. די יחידישע לידער, ווי אויך די נאַציאָנאַל־געשטימטע לידער, האָט ער כמעט אַלע געדרוקט אין דער באַלעבאַטישער פרעסע, אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן. שפּעטער פאַרלירן זיך ביי אים די ריין־נאַציאָנאַלע טענער.

דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר זיינע נאַציאָנאַל־געשטימטע לי־דער איז דאָס ליד „לכבוד חנוכה", וואו מיר פילן, אַגב, דעם דיכטערס דינעם הומאָריסטיש־טרויעריקן שמייכל. ר' יודל האָט אין זיין לאַנגן גלות דורכגעלעבט כלערליי צרות, אָבער זיין איינציקן בגד (אמונה, יידישקייט) האָט ער פאַרהיט, און דער זעלביקער בגד האָט אים פאַר־היט. אָט שטייט ער ווידער, אַ פריילעכער שמייכל שפּילט זיך אויף זיין געזיכט און ער זינגט „על הנסים".

אין זיין ליד „דער ווינטער" („דער אתרוג", „לאַנד־חכם", דעם 15טן אָקטאָבער, 1894) געפינען מיר אַזאַ סטראָפע:

אָ, ביימעלער, איך ליב אייך דאָך,
כאָטש איך דערזע קיין טאָלק, —
ווייסט איר דען, אַז איך זע אין אייך
דעם שיקזאַל פון מיין פאָלק?...

יחידישע און סאָציאַלע ליריק

קאַיזערס הומאָריסטישע לידער לאָזן זיך טיילן אויף סתם־הומאָ־ריסטישע און אויף סאָציאַל־הומאָריסטישע לידער. אַזוי לאָזן זיך

אויך טיילן זיינע סתם יחידישע און סאָציאַל־יחידישע לידער. אַגב, דער לירישער עלעמענט, על־פּי־רוב, אין אַ סענטימענטאַלן לבוש, פּילט זיך ביי אים כמעט אין אַלע לידער. די ריין־לירישע לידער זיינען געווען צווישן די ערשטע, וואָס ער האָט געדרוקט. זיי זיינען געווען אויך צווישן די לעצטע, וואָס ער האָט געדרוקט. אין זיין ביכל זיינען כמעט אַלע לידער דורכגענומען מיט אַ פיין ליריש געפיל. אַזוי זיי־נען די לידער „עלעגיע", „הערבסט", „אַ יודישע מעלאָדיע", „אַ הערבסט ליד". אַזוי זיינען אויך די לידער „האָפענונג", „פרילינג", „אויפן שיף". אין זיי גיסט אויס דער דיכטער זיין האַרץ, זיינע געפילן וועגן ריין־יחידישע איבערלעבונגען. די דאָזיקע אינדיווידואַליסטישע שטי־מונגען, וואָס קאַיזער האָט נאָך אויסגעדריקט אין די יאָרן 1892־1895, זיינען דעמאָלט ניט געווען קיין צו־אָפטע און צו־אָנגעלייגטע געסט אין דער יידישער פּאָעזיע. געהערשט, כידוע, האָט דעמאָלט דאָס סאָ־ציאַלע כלל־ליד. בולטע יחידישע סימנים האָבן געהאַט געוויסע לי־דער זיינע. באַזונדערס — די לידער וואָס געהערן צו אַ שפּעטערדיקער פּעריאָדע, אַזוי שפּעט ווי אין יאָר 1903.

דאָס ליד „אויפן שיף" איז אַ ליבע־ליד. אויף דער שיף־דעק, „ווייט פון אַלע... מענטשן", „אָפּגעזונדערט, אין אַ ווינקל" שטייט ער דורכגענומען מיט מחשבות.

אויבן גלענצן העל די שטערן
ווי בריליאַנטן אַלערליי;
פון דעם הימל, אויך פון וואַסער,
שיינען דאָ לבנות צוויי...

רואיק שווימען די לבנות
זיי באַלייכטן שטיל דעם ים —
זיי דערמאָנען מיר די אויגן
מיט דעם העלן, ליבן פלאַם.

דאָס גאַנצע ליד איז דורכגעדרונגען מיט בענקשאַפט, טרערן און טרויער.

אַזוי איז אויך זיין ליד „פרילינג". „אַרום שטעקט מיט פרישקייט און לעבן — עס פילט זיך דער זומער שוין קומען, און באַלד וועט די

ערד זיך באַנייען, מיט גראָז, מיט בלעטער, מיט בלומען״. אָבער זיין ווינטער דערנעענטערט זיך צום סוף — ער האָט שוין פאַרלאָרן דעם פרילינג, דעם זומער, דעם אָסיען.

אין גאַנצן זיך באַפרייען פון סאָציאַלן מאָטיוו האָט קאַיזער ניט געקענט. און אין זיינע מערסטע לירישע לידער זיינען פאַראַן סאָציאַלע טענער. דאָ און דאָרטן הערט זיך ביי אים „און זאָלן פון בעכער כאָטש עטלעכע טרערן אַראָפּטריפן ברענענד אין פאָלק, וואָס שלאָפט לאַנג״. קאַיזער האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט טראַכטן אין טערמינען פון סאָציאַלן יושר. ער האָט אָבער אויך קיינמאָל ניט פאַרלאָרן אין זיך יענעם ריינעם לירישן קוואַל, וואָס האָט באַרייכערט כמעט אַלע זיינע לידער. ווי לידער פון סאָציאַלער ליריק קענען מיר ברענגען די צוויי ווייטערדיקע מוסטערן:

לידער פון האַרצן

מיין פידל, מיין אַלטע, פאַרחושכטע פידל,
ווי לאַנג וועסטו הענגען אַלץ שטיל אויף דער וואַנט?
איך וועל דיך איצט נעמען צו זיך אויף מיין האַנט
און איך וועל אויף דיר אויסשפּילן ווידער אַ לידל.

איך וועל דיינע טענער, וואָס זיינען דערשטיקטע,
צוזאַמען מיט מיין גרויסן, ביטערן שמערץ,
וואָס פרעסט מיין געמיט און דריקט שטאַרק מיין הערץ,
אין איינעם אויסגיסן פאַר אַלע געדריקטע.

און זאָלן די טענער צעגיסן זיך העכער,
פאַרשפּרייטן זיך מערער, גאַנץ ווייט, איבעראַל,
דען פול ביז צום ברעג שוין און ביטער ווי גאַל
איז איצט מיינע טרערן אין שמערצפולן בעכער.

און זאָלן פון בעכער כאָטש עטלעכע טרערן
אַראָפּטריפן ברענענד אין פאָלק, וואָס שלאָפט לאַנג.
זאָל איינעם כאָטש וועקן מיין שטילער געזאַנג,
ווען ער וועט די שמערצפולע טענער דערהערן...

צו מיר קום, געליבטע

צו מיר קום, געליבטע, און גיב מיר דיין האַנט,
דיין האַנט, וואָס איז גלאַט, ווי אַ ראָזעווע בלאַט,
און לאָמיר פון דאַנען אַוועק אין אַ לאַנד,
וואָס האָט נאָך קיין צרות קיין מאָל ניט געהאַט;
אַ לאַנד, וואו ס׳הערשט פרייהייט אַרום און אַרום,
וואו ס׳פליסט זיך דאָס לעבן אָן זאָרג, אומגעשטערט;
אַ לאַנד, וואו עס האָט נאָך קיין בוים און קיין בלום
קיין מענטשלעכן זיפץ אָדער קרעכץ ניט געהערט.

— — — — — — — — — — — — — — —

הייב אויף דיינע אויגן, די פייערן צוויי,
די ברענענדע אויגן, זאָ העל און זאָ שוואַרץ,
וואו ס׳שפּיגלט זיך קלאָר אָפּ דיין אומשולד אין זיי, —
די אויגן וואָס האָבן געפאַנגען מיין האַרץ.
פאַרטרוי זיך אויף מיר — און מיר וועלן בייטאַנד
אין לעבן אַריין אָן געפאַר, אָנע שרעק, —
אָ, וואַרט ניט, מיין טייערע, גיב מיר דיין האַנט
און לאָמיר פון דאַנען וואָס ווייטער אַוועק...

דעם שרייבער פון די שורות זיינען ניט באַקאַנט קיין שום לידער קאַיזערס צווישן די יאָרן 1903 און 1906. באַקאַנט איז אים, אָבער דאָס ליד —

פאַרוואָס

די וועלט איז רייך מיט גליק און אומגליק,
מיט פרייד און צרות אָן אַ שיעור, —
טאָ זאָגט מיר, פריינד: פאַרוואָס קומט אויס אַלץ
דער שלעכטער חלק — גראַדע מיר?!

פאַרוואָס פאַרפאָלגט מיך אַלץ דאָס לעבן
אויף יעדן טריט אויף יעדן שפּאַן?
פאַרוואָס טרעט איך אויף דערנער אימער,
כאָטש ס׳זיינען בלומען פיל פאַראַן?

שוין לאַנג, צייט מיינע קינדער־יאָרן,
האָט מיך דער שיקזאַל שווער באַשטראָפט:
אומזיסט האָב איך געהאָפט אויף רוע,
אומזיסט האָב איך אויף פרייד געהאָפט.

די לעבנס־כוואַליעס האָבן קיין מאָל
געלאָזן לאַנג מיך רואיק זיין:
אָפט פון אַ הויכן באַרג מיט צרות
געוואָרפן מיך אין גרוב פון פיין...

און שרעקלעך מיד, און שטאַרק צעבראָכן
פיל איך דער שוואַרצער סוף קומט אָן...
אַך, וואָס האָט מיר די וועלט געגעבן
און וואָס האָב איך דאָ אויפגעטאָן?

איך האָב געטרוימט פון גליק און פרידן,
פון זיסער צוקונפט, ריין און העל, —
דיווירקלעכקייט איז באַלד געקומען
און האָט פון אַלץ געמאַכט אַ תל...

— — — — — — — — — — —

אָ, פריינדע! גיט מיר צו ערקלערן
(איך פיל עס ברעכט אין מיר דאָס האַרץ);
בייטאָג איז זון, ביינאַכט — לבנה —
פאַרוואָס־זשע איז מיין לעבן שוואַרץ?...

צווישן זיינע לירישע לידער איז דאָס דאָזיקע ליד געווען דאָס רירנדיקסטע און שענסטע. דאָס איז מעגלעך געווען אויך זיין לעצט ליד. געדרוקט איז דאָס ליד געווען אין יאָר 1906, 34 יאָר פאַר זיין טויט.

אַננאַ ראַפּפּאָרט

— 1872

אַננאַ ראַפּפּאָרט

אַרײַנפיר

די פּאָעטעסע אַננאַ ראַפּפּאָרט געהערט צו די פּאָעטן־פּיאָנערן אין דער יידישער אַמעריקע. אין די 90ער יאָרן איז זי געווען די באַ־קאַנטסטע פּאָעטעסע, אָבער ניט די איינציקע. זי איז אויך ניט געווען די ערשטע. געווען יידישע שרייבערינס מיט עטלעכע יאָר פריער אײדער אַננאַ ראַפּפּאָרט האָט זיך באַוויזן אָנהייב נײַנציקער יאָרן, אין 1893. פינף יאָר פריער האָט בערטאַ נאַגלע אָפּגעדרוקט איר ערשט ליד אין דעם „פאָלקסאַדוואָקאַט", דעם 14טן דעצעמבער, 1888. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די שורות „עס איז אַ וועלט מיט עגאָאיסטן! אַלע ווילן זיין קאַפּיטאַליסטן". אַנדערע לידער אירע טרעפן מיר אין דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקסצייטונג", אין אָקטאָבער און נאָוועמ־בער, 1889. אין דער זעלביקער צייטונג האָט דאָראַ מאַגילאַנסקי אָפּ־געדרוקט אַ ליד „ליב דעם פּאָעט", דעם 18טן יאַנואַר, 1889. אין דער יידישער פּאָעזיע איז, אָבער אַננאַ ראַפּפּאָרטס נאָמען מער באַקאַנט. מען געפינט איר נאָמען אין מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע „פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע", אין ע. קאָרמאַנס „יידישע דיכטערינס" און אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן".

ביאָגראַפישע פּרטים

אַננאַ ראַפּפּאָרט איז געבוירן געוואָרן אין קאָוונע, דעם 15טן אויגוסט, 1870, אין אַ פאַרמעגלעכער, יחוסדיקער פאַמיליע. איר זיידנס נאָמען איז געווען ר' שמשון קלמן. דער פאָטער האָט דעריבער געהייסן קאַלמאַנאָוויטש. ביז זי איז געקומען קיין אַמעריקע, איז איר נאָמען געווען אסנת קאַלמאַנאָוויטש. דער פאָטער איז געווען אַ ייד אַ משכיל, אַ פאַרערער פון שפּינאָזע, אַ לייענער פון ווירכאָוס „קראַפט און שטאָף". ער האָט געגעבן זיינע קינדער אַ גוטע דערציאונג. די טאָכטער אסנת האָט ער צו עלף יאָר געשיקט אין גימנאַזיע.

דעם פֿאָטערס באַשעפֿטיקונג ווי אויך זײַן ליבע צו ליטעראַטור האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די קינדער. געבוירן אין באַל־טאַמאַנץ, ווילנער גובערניע, האָט ער אָבער זײַן יוגנט פֿאַרבראַכט אין קעניגסבערג. דאָרטן איז ער געווען אַן אָנגעשטעלטער אין וואָלס באַנק. וואָל האָט דעם געבילדעטן און גוט־דערצויגענעם יונגנמאַן רעקאָמענדירט צו זײַן שווער ר׳ מיכל גינזבורג. אין גינזבורגס באַנק איז אַננאַ ראַפּפּאָרטס פֿאָטער געווען באַשעפֿטיקט ווי אַ בוכהאַלטער און קאַסירער.

איר פֿאָטערס ליבע צו ליטעראַטור האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין לייענען די העברעאישע, דײַטשע און רוסישע ליטעראַטור. דער פֿאָטער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נטיה צו פּאָעזיע. ער האָט געהאַט בײַ זיך אַ גאַנץ בוך אייגענע אָנגעשריבענע לידער. די זעלביקע נייגונג צו ליטעראַטור האָט זיך באַוויזן בײַ זײַנע קינדער. אַננאַס על־טערער ברודער, דער צוקונפֿטיקער ד״ר הענרי זיף, האָט צו 19 יאָר אָנגעשריבן אַ דראַמע אין דײַטש: „ליבע און לעיבע״. די דראַמע האָט ער קיינמאָל ניט אָפּגעדרוקט. אין 1887 איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק צו גאַסט צו זײַנע קרובים. ער איז שוין פֿאַרבליבן אין ניו־יאָרק און געענדיקט דאָרטן דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט אין קאָלאָמ־ביאַ אוניווערסיטעט. אַננאַ איז טאַקע געקומען צו אים. געווען איז דאָס אין 1890, צוויי יאָר נאָכדעם ווי זי האָט געענדיקט גימנאַזיע אין קאָוונע.

קיין סך פּרטים וועגן איר קינדהייט וויס מען ניט. מען ווייס בלויז, אַז איר מוטער איז איר געשטאָרבן בעת אַננאַ איז געווען זיבן יאָר אַלט. אין דער מאָדערנער משכּילישער קאַלמאַנאָוויטש־משפּחה האָט מען זיך געגרויסט מיטן פֿעטער, דעם טאַטנס ברודער, דעם דווינסקער רבֿ, ר׳ מאיר שמחה כּהן.

די צוקונפֿטיקע סאָציאַלע פּאָעטעסע און שאַרפֿע קעמפֿערין פֿאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט האָט יונגערהייט געהערט צו דער ציוניס־טישער גרופּע „בנות ציון״. איר ערשט ליד איז טאַקע געווען אַ ציון־ליד: „מײַן חלום״. געשריבן האָט זי דאָס ליד אין רוסיש. דעם אינ־האַלט פֿון ליד האָט זי שפּעטער פֿאַרגעסן. אין איר זכּרון איז געבליבן בלויז דער אײַנדרוק, אַז דאָס ליד האָט שטאַרק אויסגענומען. אַפֿילו איר שאַרפֿסטער קריטיקער, איר ברודער, איז געווען באַגײַסטערט פֿון דעם דאָזיקן ליד.

ווען אַננאַ ראַפּאָפּאָרט איז געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון צוואַנציק יאָר, איז זי, ווי אַלע אימיגראַנטן אין יענער צייט, אַוועק גלייך אַרבעטן אין אַ שאַפּ. געהייסן האָט זי שוין דעמאָלט ניט אַננאַ קאַלמאַנאָוויטש, נאָר אַננאַ זיף. דעם נאָמען זיף האָט זי איבערגענומען פון איר ברודער. אין אַמעריקע האָט ער זיך אָנגעהויבן רופן מיט דעם דאָזיקן נאָמען. און אַזוי ווי דער ברודער, זיף, האָט אַראָפּגעבראַכט די שוועסטער און איז פאַר איר ערוב געווען, האָט זי שוין אויך געטראָגן דעם נאָמען זיף. דאָס איז געווען איר מוטערס מיידלשער נאָמען.

אין די ניו־יאָרקער שוויץ־פאַבריקן האָט די היימישע גימנאַזיסטקע און טרוימערין זיך באַקענט מיטן ברוטאַלן, רעאַליסטישן לעבן פון אַ שקלאַפן־אַרבעטער. אין דער היים זיינען אירע באַליבטסטע פּאָעטן געווען נאַדסאָן און פרוג. זי האָט גוט געקענט די רעאַליסטישע און ראָמאַנטישע פּאָעטן אין דער דייטשער און דער רוסישער ליטעראַטור. דאָ, אין אַמעריקע, האָט זי שוין ניט בלויז מיטגעפילט מיט די דערשלאָגענע און געפאַלענע. דאָ האָט זי זיי געזען און דערקענט. זי אַליין איז עס געוואָרן. זי האָט אָנגעהויבן טיף באַגרייפן די וואָרצלען פון דער סאָציאַלער קראַנקייט. דאָס סאָציאַלע אומגליק האָט זי שנעל און גוט דערלערנט. די יידישע סאָציאַלע פּאָעטן האָט זי אָבער ניט געקענט. אין יאָר 1893, אַ יאָר נאָך עדעלשטאַטס טויט, איז אין אַמעריקע געווען אַ גערעטעניש אויף סאָציאַלע פּאָעטן. דער שאַרפער קריזיס אין לאַנד האָט צוגעטראָגן צו דער דאָזיקער גערעטעניש. אַננאַ ראַפּאָפּאָרט האָט אָפּגעדרוקט איר ערשט ליד אין יאָר 1893.

דער שאַרפער קריזיס אין יענעם יאָר האָט איבערגעלאָזט טיפע סימנים אין יעדן איינעם, באַזונדערס צווישן די שקלאַפן פון די שוויץ־שעפּער. אין יענעם הונגער־יאָר האָט איר שטיפמוטער איר איבערגעגעבן אַ טראַגישע סצענע, וואָס זי האָט דעמאָלט בייגעוואוינט אין שפּייז־קרעמל, ניט ווייט פון זייער וואוינונג אויף צען מאָנראָו סטריט, אין דער סאַמע געדיכטער איסט־סייד. אַ פרוי איז אַריין אין קראָם, האָט גענומען אַ ברויט און געהייסן פאַרשרייבן. דאָס מאָל האָט דער קרעמער שוין ניט געקענט מער אויסהאַלטן פון די חובות, וואָס מען איז אים געבליבן שולדיק. נאָך אַ טראַגישער סצענע, האָט ער אַרויסגעריסן דאָס ברויט פון דער פרויס הענט. אין דער דאָזיקער סצענע האָט אַננאַ ראַפּאָפּאָרט דערזען דאָס גרויסע אומגליק דירעקט, בילדלעך און טיף. אונטער דעם דאָזיקן שווערן איינדרוק האָט זי אָנגעשריבן

איר ערשט ייִדיש ליד. דאָס ליד האָט טאַקע געטראָגן דעם גרויליקן און נאַטירלעכן נאָמען „אַ בילד פון הונגערס־נויט אין 1893", אונטער־געשריבן אַננאַ זיף:

די צייט גייט נאָר פאָרויערטס, זי שטעלט זיך ניט אָפּ,
אויף ווייטער רוקט זיך דער ווייזער...
שרעקלעכע סצענען שפּילן זיך אָפּ
אין טויזנטער טענעמענט הייזער.

דאָרט אין אַ צימער פאַרבראָכן די הענט
זיך ראַנגלט אַ מאַן מיט דעם טויט.
אָ, הימל! סאיז שרעקלעך, אָט דאָס איז מיין ענד,
צו שטאַרבן פון הונגער און נויט.

אָ, פאָטער! פאַרלאָז ניט דיין איינציקעס קינד,
גאַנץ עלנט, אַליין בין איך היר,
אָ, שטאַרק זיך, פיליכט וועסטו ווערן געזונט.
אַך! בעטלען גיין וויל איך פאַר דיר.

אַבער אַנשטאָט איר איין אַנטוואָרט צו געבן,
ליגט ער זיין האַנט אויף איר קאָפּ,
פאַרשטיקט איז זיין שטימע, ער גיט איר זיין זעגן,
נאָר אַ טרער פון זיין אויג פאַלט אַראָפּ.

נאָך פינצטערער ווערט אין דעם טונקעלן צימער,
מיט טרויער איז פול דאָ די לופט...
דער אָר׳מער איז טויט פאַר אימער און אימער,
אומזיסט וואָס זיין טאָכטער אים רופט.

אָ, אָרעמע מיידל, וואוהין וועסטו גיין?
דו קענסט דאָך דאָ אימער ניט ליגן.
דו ביסט אין דער גרויסער וועלט איינע אַליין,
קיין אַרבעט קענסטו אויך ניט קריגן.

עס זיינען דאָ פילע, נאָך פילע צו דיר,
וואָס ווילן דאָס ברויט נאָר פאַרדינען;
זיי קלאַפּן אומזיסט וואו עס איז נאָר אַ טיר,
זיי קענען קיין אַרבעט געפינען.

וואָס העלפט דיר דיין וויינען, וואָס העלפט דיר דאָס קלאָגן?
ווער וועט דיר דו אָרעמע פאַרשטיין?
צי ווייסט וועמען אָרן ווען דו ווייסט זיך פלאָגן,
אָדער פון הונגער אויסגיין?

ווער קען הען פילן דיין שרעקלעכן שמערץ,
דו ביסט פאַר די וועלט נאָר איין שטויב.
פאַרשלאָסן פאַר דיר איז יעדערנס הערץ,
און יעדערנס אויער איז טויב.

עס זיינען דאָ פילע, נאָך פילע צו דיר,
וואָס שטאַרבן פאַר הונגער און נויט.
זיי קלאַפּן אומזיסט, וואו עס איז נאָר אַ טיר,
זיי זוכן אומזיסט זייער ברויט.

אַננאַ ראַפּפּאָרט, דעמלט נאָך אַננאַ זיף, האָט דאָס דאָזיקע ערשטע ליד אירס באַוויזן אַ יונגן באַקאַנטן. ער האָט זי פאַרזיכערט, אַז די רעדאַקציע פון דער „אַרבייטער־צייטונג" וואָלט זיכער אָפּגעדרוקט דאָס ליד. האָט זי אַליין איבערגעגעבן דעם רעדאַקטאָר דאָס ליד. און דאָס ליד איז טאַקע גלייך געוועזן געדרוקט דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1893. אין אַ וואָך אַרום האָט זיך אין דער זעלביקער צייטונג באַוויזן איר צווייט ליד. אויך אַ ליד פון יאוש. די טעמע איז שוין ניט קיין אָביעקטיווע. דאָ רעדט שוין די דיכטערין וועגן זיך אַליין. זי דערציילט וועגן איר לעבן אין עמק הבכא. דאָס ליד הייסט „אין שאָפּ", געדרוקט דעם 8טן סעפּטעמבער, 1893:

גראָדע אַזוי ווי אַ טייוול באַזעסן
רוישן דאָ אַלע מאַשינען,
ווען איך זאָל כאָטש קענען מיין ווייטיק פאַרגעסן,
פאַריאָגן דעם טרויער פון זינען.

אָבער צוגלייך מיט די אַלע מאַשינען
רוישן אויך מײַנע געפילן.
ווער ווייס צי איך וועל ווען דאָס גליק נאָך געפינען
און לעבן נאָך אייגענעם ווילן.

איך האָב אַזוי ווייניק געלעבט אין סך הכל,
און וואָס האָב איך שוין ניט הערלעבט !
אין מיר איז פאַרלאָשן פון האָפנונג דער פאַקעל,
מײַן מוט איז שוין אויך לאַנג פאַרשוועבט.

דער שלימזל גייט מיר אַלץ נאָך פאַר אַ היטער,
איך האָב מײַן אומזיסטיקן וועכטער ;
אין מיר פלאַצט די האַרץ, איך מוז ווײַנען ביטער,
ביי אים איז דאָס גאָר אַ געלעכטער.

צווישן אירע לידער, וואָס זײַנען אונדז באַקאַנט, איז דאָס כמעט דאָס איינציקע ליד מיט אַ סוביעקטיוון טאָן. אין דעם דאָזיקן ליד רעדט זי וועגן זיך אַליין ווי אַ קרבן פון שאַפּ. די אַנדערע לידער אירע זײַנען שוין מער אָביעקטיווע. זיי זײַנען טעמעס, וואָס האָבן באַוועלטיקט איר גאַנץ וועזן. אירע אַנדערע לידער האָבן שוין ניט אין זיך קיין ביאָגראַפישע פּרטים. דאָס איינציקע, וואָס אירע ווייטערדיקע לידער ווייזן אונדז, איז איר אינטערעס אין סאָציאַלע פּראָבלעמען און איר טראַכטן וועגן עקספּלואַטירטע, וועגן „דערנידעריקטע און באַליי־דיקטע״.

אַכט יאָר צייט האָט די פּאָעטעסע געלעבט אין בעיאָן, ניו־דזשורזי, פון 1897 ביז 1905. איר מאַן, ראַפּאַפּאָרט, איז דאָרטן געווען אַן אָנ־געשטעלטער אין אַ פאַרזיכערונג־קאָמפּאַניע. צוליב איר מאַנס קראַנ־קייט האָט די משפּחה זיך אַריבערגעצויגן אין מאַסאַטשוזעטס, אין די בוירקשיר בערג. דאָרטן האָבן זיי געלעבט ביז 1912. נאָכדעם האָט זיך די משפּחה באַזעצט אין ניו־יאָרק. איר מאַן איז געשטאָרבן אין 1929.

אירע לידער

די אָביעקטיווע טעמעס אין אירע לידער זיינען דער גרונט־מאָטיוו אין איר פּאָעטישן האָב־און־גוטס. געשריבן האָט זי זיי ביזן יאָר 1894. נאָכדעם האָבן זיך ווידער באַוויזן אירע לידער אינעם יאָר 1903. פון די יאָרן 1893־1894 זיינען צו אונדז דערגאַנגען די צוויי פריער־ציטירטע לידער און נאָך דריי לידער. איינס פון די לידער איז אַ וועק־ליד, געדרוקט דעם 22טן סעפּטעמבער, 1893, אין דער „אַרבייטער־צייטונג״, אונטערן נאָמען:

צום נייעם יאָר

אָ, ווי שנעל די יאָרן פליען!
אָט איז נאָך אַ יאָר אַוועק...
„לוינט עס זיך דען צו באַמיען,
צו ערגרייכן וועלכן צוועק,
ווען זאָ קורץ איז אונדזער לעבן?״
פרעגן מיר זיך אָפט אַליין.
יאָ, מע מוז אַלץ וויטער שטרעבן,
אימער פאָרווערטס גיין.
זאָנסט וואָלט לעסטיק אונדז געוואָרן,
אומערטרעגלעך אונדזער לעבן.
יאָ, מיר זיינען נאָר געבאָרן
אום צו ווירקן, אום צו שטרעבן.

ווען פיליכט אין אַלטן יאָר
האָט אונדז ניט אַזוי געלונגען,
און זיך אָפּצושטעלן גאָר,
זיינען מיר געווען געצוואונגען —

לאָמיר נייע קרעפטן קלייבן,
אום צו גיין מיט פעסטע טריט;
לאָמיר ניט אויף איין אָרט בלייבן,
לאָמיר גיין וואוהין אונז ציט —

דען עס זיינען דאָ פיל וועגן
אין דער גרויסער, גרויסער וועלט,
אויסקלייבן דעם וועג מיר מעגן,
וועלכער אונז אַליין געפעלט.

ווער פון וועג אַלץ אָפּצוראַמען
האָט זיך פעסט נאָר פאַרגענומען,
דער וועט קיינמאָל ניט פאַרזאַמען,
צום געווינטשטן ציל צו קומען.
לאָמיר אונדזער מוט ערוועקן,
לאָמיר נאָר ניט גיין צוריק:
ווען מיר וועלן זיך ניט שרעקן,
וועלן קומען מיר צום גליק.
אָ, די יאָרן, ווי זיי פליען!
יאָ, די צייט גייט שנעל פאַרביי,
אָבער אונדזער מוט זאָל בליען
און זאָל בלייבן אייביק ניי.

אין דעם דאָזיקן וועקליד זיינען אויך פאַראַן דידאַקטישע שורות, וואָס לערנען אונדז אַ מוסר־השכל. אין אַ וועק־ליד מוז דווקא ניט זיין אַ מוסר־השכל אָדער שורות, וואָס גיבן אָן די סיבה פאַרוואָס מען דאַרף וועקן מענטשן צו טאָן, צו קעמפן. אויב עס זיינען יאָ פאַראַן אַזעלכע שורות, איז עס פשוט אַ באַוויז, אַז דער מחבר האָט באַוואוסטזיניק געוואָלט באַלערנען אָדער — דאָס איז זיין נייגונג. אין די שורות פון דעם נאָרוואָס ציטירטן ליד קומען־אויף באַלערנדיקע געדאַנקען. די זעלביקע נטיה זעט זיך אין דעם ליד, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט גלייך נאָך דעם נאָרוואָס־ציטירטן ליד. דאָס איז געווען אַ פאַבל „דער וואָלף אַלס שאָף". אָט־די פאַבל האָט אין זיך אַ באַקאַנטן סוזשעט, וואָס האָט דור־דורות געלעבט אינעם וועלט־פאָלקלאָר און איז דורכגעגאַנגען פאַרשיידענע גלגולים.

אַ וואָלף האָט אין אַ שאָפּנפעל
זיך אָנגעטאָן: „אַי, ווי איך קוועל,"
האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין;

„יעצט קען איך דרייסט צום בויער (פויער) גייִן.״
איך זאָג אַליין, דאָס איך בין קלוג ;
דער בויער ווייס פון קיין באַטרוג,
איך וועל אים אויך אַ ליגן זאָגן,
וועל מיך שטאַרק פאַר אים באַקלאָגן,
אַלס שאָף וועט ער באַטראַכטן מיך,
וועט צונעמען מיך באַלד צו זיך ;
דער בויער, ווייס איך , האָט קיין גאַל ;
ער וועט מיך נעמען אין זיין שטאַל,
וועט זעצן מיך דאָרט אויבנאָן,
דאַן וועל איך וויסן וואָס צו טאָן.

אַזוי איז טאַקע געווען. דער איבערגעטאָנענער וואָלף האָט זיךביים פויער געבעטן :

„ערבאַרעם דיך״, האָט ער געזאָגט
און האָט דאַביי אויך שטאַרק געקלאָגט,
„בעפאָר דו טרייבסט מיך פון דיין הויז,
בעט איך דיך, מענטש, הער מיך נאָר אויס :
נעם מיך צו דיר אין שטאַל אַריין,
איך וועל דיר אימער דאַנקבאַר זיין,
איך בלאָנדזשע, נעבעך, געפין קיין אָרט,
איך שווער דיר ביי מיין ערנוואָרט :
איך וועל דיר טריי זיין ווי אַ הונט,
נאָר וואַרהייט אימער שפּריכט מיין מונד.
לאָז מיך אָפּרוען, דען איך בין מיד,
איך קען ניט רירן מיט קיין גליד.״

דעם פאַלשן וואָלפס ווערטער רירן דעם פויערס האַרץ. דער וואָלף האָט זיינס אויסגעפירט. דער פויער האָט אים אַריינגענומען אין שטאַל צווישן די אַנדערע שעפּעלעך.

דעם וואָלף האָט אויך דאָס מאָל באַגליקט, —
די שעפּעלעך האָט ער דערשטיקט

און איז אויך באַלד אַוועקגעלאָפֿן,
מע זאָל ניט קענען אים באַשטראָפֿן.

און די דיכטערין ענדיקט די פֿאַבל מיט אַ מוסר־השכל:

אַזעלכע העלפֿן, ווען מיר אַפּט,
צו אונדז זיי קומען אומפֿאַרהאָפֿט;
מיר נעמען אָן זיי פֿאַר ראַיעל,
ווייל זיי טראָגן אַ שאַפּנפּעל.

(„פֿאָלקסאַדוואָקאַט", דעם 24סטן נאָוועמבער, 1893)

צו דער זעלביקער צייט געהערט אויך אַננאַ ראַפּפּאָרטס ליד „איין לעבנסליד". געווען איז דאָס ליד געדרוקט אין „פֿאָלקסאַדוואָקאַט", דעם 19טן יאַנואַר, 1894. דאָס ליד שילדערט דעם שטייגער לעבן צווישן די עמיגראַנטישע אַרבעטער אין יענע יאָרן. אייגנטלעך, איז עס אַ דראַמע אין דריי טיילן, געשריבן אין פֿערזן.

דער ערשטער טייל — „בעפֿאָר זי גייט אין שאַפּ". פֿאַרטאָג וועקט די מוטער די יונגע טאָכטער — זי דאַרף דאָך גיין אַרבעטן אין שאַפּ. די טאָכטער כאַפּט זיך אויף אין אַנגסטן: „עס האָט געטרוימט מיר, דאָס מיין גוטער באָס האָט מיך געסעקט (אָפּגעזאָגט פֿון דער שטעלע — נ. ב. מ.)". די מוטער בעט זיך ביי דער טאָכטער, זי זאָל ניט ברענגען אַזעלכע רייד פֿאַרן מויל: „מער ווי דאָס ניט פֿעלט". דאָס וועט דאָך זיין אַ גרויס אומגליק — אין שפּייז־געוועלב קומט מען געלט, מען דאַרף צאָלן פֿאַר דער דירה. און זי באַרואיקט די טאָכטער: „דו ביסט פֿלייסיק, איך בין זיכער, דיך וועט מען ניט סעקן".

דער צווייטער טייל פֿון ליד הייסט: „נאָכדעם זי קומט פֿון שאַפּ". די טאָכטער קומט אַהיים זייער אַ צעטראָגענע. די מוטער וואונדערט זיך. דערציילט די טאָכטער, איר איז זייער שווער געווען צו קומען אַהיים, ווייל מ'האָט ביי איר אַראָפּגענומען אַ דריטל שכירות. די מוטער רעדט איר צו, אַז דאָס קליינע חנהלע זאָל אויפֿהערן גיין אין שול און זאָל אַוועק אַרבעטן אין שאַפּ. די מוטער רעדט איר שטאַרק צו, און דערווייל כאַפּט זיך ביי איר אַרויס פֿון מויל: „און פֿיליכט קען מאַכן זיך אַ שידוך נאָך פֿאַר דיר".

דאַן בלייבן מיר דאָך גאַנץ אַליין,
און איך בין קראַנק און שוואַך,
אין שאַפּ מוז חנהלע שוין גיין
און לערנען זיך אַ פאַך.

די מוטער פרעגט איר טאַקע דערביי, וואָס זי טראַכט וועגן דעם יונגנמאַן, וואָס בעט איר האַנט. זי וויל אָבער ניט חתונה האָבן. אַזאַ גליק קען זי צו יעדער צייט געפינען —

דער מאַן, שיינט מיר, איז זייער רוי
און אונוויסנד דאַצו,
און איך זאָל ווערן זיינע פרוי!
לאָז מוטער מיך צורו.

די מוטער ענטפערט איר, אַז זי קען ניט די וועלט: „ניט דער מענטש די ראָלע שפּילט, דער דאָלער נאָר, דאָס געלט". די מוטער טענהט מיט איר אײַן: „אַלץ שוואַכער ווערסטו דאָך, מיין קינד, דען אַרבעטסטו מיט שווייס",

. . . דו ווערסט ניט דאַרפן ביים מאַשין
אַ גאַנצן טאָג דיך קוועלן,
ווערסט צוגעוואוינען זיך צו אים,
דאַן וועט ער דיר געפעלן.

די דריטע סצענע איז „נאָך דער האָכצייט". די מוטער זעט די טאָכטער אַ פאַרוויינטע, און זי פרעגט זי: „אפשר האָט אין גאַנצן דער שידוך ניט געלוינט?" די טאָכטער עפנט פאַר איר דאָס צעוויי־טיקטע האַרץ, זי וויל גטן דעם מאַן:

אַן אוממענטש איז, אָ מוטער, הער,
וואָס רופט זיך אָן מיין מאַן,
אַך, ליידן קען איך שוין ניט מער,
דען ער איז אַ טיראַן.

נאָך ניט געגוג וואָס קיינע רו
האָב איך פון קינד און הויז,
ציילט ער מיר יעדן פעני צו
און טיילט מיר צרות אויס.

זי האָט געוואָלט זיך באַפרייען פון שוויצפאַבריק, איז זי פון איין גיהנום אַריינגעפאַלן אין אַ צווייטן.

דאָס, וואָס אַננאַ ראַפּפּאָרט האָט פאַרגעשטעלט אין דעם דאָזיקן ליד איז געווען אַ געטריי בילד פון אימיגראַנטישן לעבן אין די 80ער און 90ער יאָרן. דאָס איז ניט נאָר געווען אַ יחידיש אומגליק פאַר יונגע פרויען, נאָך אַ שווערע סאָציאַלע פּראָבלעם.

די אַלע לידער, וואָס מיר האָבן ביז איצט ציטירט, האָט אַננאַ ראַפּפּאָרט געדרוקט צווישן דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1893, און דעם 19טן יאַנואַר, 1894. צי זי האָט געדרוקט לידער אין די ווייטער־דיקע ניין יאָר, איז אונדז ניט באַקאַנט. דעם 28סטן פעברואַר, 1903, דערשיינט אין „פאָרווערטס" אירס אַ ליד „די (דער) מאַשינס קלאַגע". במשך די ווייטערדיקע זעקס יאָר דרוקן זיך אירע לידער אין „פאָר־ווערטס" און „צוקונפט".

טייל לידער פון אָט־דער צווייטער פעריאָדע האָבן אין זיך אויך יענע מאָטיוון, וואָס עס האָבן אירע ערשטע לידער אָנהייב 90ער יאָרן. דאָס זיינען שאַפּ־מאָטיוון, שקלאַף־מאָטיוון. איינס פון די לידער איז אַ מאַנאַלאָג אין דער פאָעטישער פאָרם. דאָס איז אַן אָנקלאָג. די מאַ־שין באַקלאָגט זיך אויף איר גורל. אָבער די מענטשן זיינען שולדיק אין דער מאַשינס אומגליק. און די מאַשין האָט געקענט ברענגען גליק. און זי ברענגט גאָר אומגליק. דאָס איז דאָס ליד, וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט — „די מאַשינס קלאַגע": דאָס ליד איז געשריבן אויפן מאָטיוו פון עלאַ ווהילער ווילקאָקס. אויך ש. ז. רובין האָט געשריבן אויפן זעלביקן מאָטיוו זיין ליד „דער מאַשינס פּראָטעסט". מיר גיבן דאָ איבער אַננאַ ראַפּפּאָרטס ליד:

אַז איך וואָלט געוואוסט ווי מע וועט מיך באַנוצן, —
באַקלאָגט זיך די גרויסע מאַשין —
אַז איך וואָלט געוואוסט ווי מע וועט מיך באַשמוצן,
מיסברויכן מיין ציל און מיין זין,

װאָלט בעסער געבליבן איך אײזן אָן לעבן,
יעס, אײנפּאַכעס אײזן און האַלץ,
ניט דאָס איז געװעזן מײן ציל און מײן שטרעבן,
ניט דאָס האָט געװאָלט זײן מײן שטאָלץ.

װאָס טויג מיר מײן קראַפט, אָ, װאָס טויג מיר מײן כּוח,
פרעגט װעמען האָב איך דאָ געפעלט,
צו װאָס האָט מען גאָר זיך געבראָכן דעם מוח,
באַשאַפן מיך דאָ אויף דער װעלט?

דער מענטשהייט, דורך מיר האָט געזאָלט װערן בעסער
אַ טעמפּל פון פרידן געבויט;
צום סוף דין איך גאָר אַלס אַ חלף, אַ מעסער
צו שנײדן, צו שינדן די הויט.

און װאָס איך װער שטאַרקער און װאָס מער מע טרײבט מיך,
אַלץ רינט מער און גיסט זיך די זאַפט
פון די, װעלכע האָבען געזאָלט איצט געניסן
די פרוכט פון מײן אַרבעט און קראַפט.

אין די װײטערדיקע, די לעצטע, צװײ סטראָפעס, װענדט זיך די פּאָעטעסע צו דער מענטשהייט מיט האָפענונג־רײד. זי האָפט, די מענטשהייט װעט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף. זי װעט דעמאָלט אויך באַ־גרײפן דער מאַשינס ציל און שטרעבן. די מאַשין איז דאָך געבוירן געװאָרן פאַר דעם מענטשנס גוטס און בלויז צוליב אים:

דאָך מענטשהייט, איך האָב נאָך מײן מוט ניט פאַרלאָרן,
איך גלויב אין מײן שׂכל און האָף,
דאָס דו, װעלכע האָסט מיך געטראָגן, געבאָרן,
װעסט אויפשטײן אַמאָל פון דײן שלאָף,

און באַגרײפן מײן ציל, און באַגרײפן מײן שטרעבן
און אָפּגעבן רעכט מיר און דיר,
פאַר דיר נאָר בין איך דאָ געבאָרן צו לעבן,
אָ, מענטשהייט, איך לעב צוליב דיר!

דער דאָזיקער פּערזן־מאָנאָלאָג פון דער מאַשין האָט געקענט אויפקומען נאָר אין דער אינדוסטריעלער תקופה, ווען די מאַשין איז געוואָרן אַן אומגליק פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן. אין איר „קלאָגן״ דערציילט די מאַשין ווי מען האָט „מיסברויכט״ איר (זי) און איר זין. זי וויקלט פאַנאַנדער דעם געדאַנק, וואָס פון איר איז געוואָרן, וואָס פאַר אַ צרות מען פאַרשאַפט דער מענטשהייט בעת מען נוצט זי אויס פאַר גאָר פאַרקערטע צוועקן ווי מען וואָלט באמתן באַדאַרפט. איר „קלאגן״ איז אינגאַנצן סאָציאַל. דורך איר רעדט דער גאַנצער מיענ־דיקער קלאַס.

נאָך בולטער זעט מען דאָס סאָציאַלע אומגליק אין ראָפּפּאָרטס ליד „ווער קען זיין דאַקעגן?״ געדרוקט אין „פּאָרווערטס״, דעם 10טן נאָוועמבער, 1906. דאָס דאָזיקע ליד איז אַ מין דיאַלאָג אין פּערזן. ריכטיקער — דיאַלאָגן אין פּערזן; פראַגעס און ענטפערס. יעדע סטראָפע איז אַן אַנדער ענטפער. מיר הערן ענטפערס פון פאַרשיידענע אַרבעטער. די דאָזיקע דיאַלאָגן וואָלט מען געקענט אויסנוצן פאַר מאַסן־דעקלאַמאַציע.

דער פּערזן־דיאַלאָג איז אַן אָנגענומענער זשאַנער אין אַלע לי־טעראַטורן נאָך פון אַלטע צייטן. אַזעלכע וויכוחים־לידער זיינען שוין זיכער געווען אין דער מיטלעלטערלעכער יידישער ליטעראַטור. עס איז גענוג צו דערמאָנען זלמן סופרס „זרע גפן״ — די מחלוקה צווישן וויין און וואַסער. זלמן סופר האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט 15טן יאָרהונדערט. אין אַלע ליטעראַטורן זיינען געווען לידער וועגן פּערזאָניפיצירטע אייגנשאַפטן אָדער נאַטור־כוחות. די מאָטיוון — יצר הרעה און יצר טוב, די נשמה און דער גוף, גוטסקייט און רשעות, זומער און ווינטער, מענטש און חיה, טאָג און נאַכט, לעבן און טויט אאַז״וו. ביי אַננאַ ראָפּפּאָרט באַקענען מיר זיך מיט אָט־דעם זשאַנער אין זיין אינדוסטריעל־סאָציאַלן לבוש. דאָ רעדן שוין פאַרשקלאָפטע אַרבעטער. די טעמע איז דאָ ווייניקער פּערזאָניפיצירט. זי איז קאָנ־קרעט, רעאַליסטיש. דאָס ליד איז אויך אימיגראַנטיש־אַמעריקאַניש. מיר גיבן דאָ איבער דאָס ליד בשלימות:

ווער קען זיין דאַקעגן?

אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס,
זאָגט דאָס שפּריכוואָרט גאַנץ געוויס.

שטימט דען ווער הערמיט ניט איין ?
קען ווער דאַקעגן זיין ?

ווער קען זיין דאַקעגן ? — „מיר",
ענטפערט אַן אַפּרייטער מיר ;
„אין דעם שאָפּ גייט נאָר אַהין,
זעצט זיך אַוועק ביים מאַשין,
פאַנגט נאָר אָן אויף אים צו נייען.
הערט ניט אויף די ראָד צו דרייען,
וועט איר בלייבן גאָר אָן פּיס,
העט איר וויסן ווי ס'איז זיס."

ווער קען זיין דאַקעגן ? — „מיר",
זאָגט אַ פינישער צו מיר ;
„נעמט אַ מאַנטל אין האַנט אַריין,
נייט פון זיבן כאָטש ביז ניין,
האַלט דעם רוקן איינגעבויגן,
קערט ניט אָפּ פון אים די אויגן,
וועט אַריין אין קאָפּ דאָס בלוט,
וועט איר וויסן ווי ס'איז גוט".

ווער קען זיין דאַקעגן ? — „מיר",
זאָגט אַ קוילנגרעבער מיר ;
„גייט אַרויס פון אייער שטוב,
קומט אַראָפּ צו מיר אין גרוב,
קוילן נאָר צו גראָבן פּרואווט,
אָטעמט איין די מינען־לופט,
וואָס איז גיפטיק, שטיקנד פייכט,
וועט איר וויסן ווי ס'איז לייכט".

ווער קען זיין דאַקעגן ? — „מיר",
ענטפערט דאָ אַ פּעדלער מיר ;
„פּרואווט נאָר גיין פון הויז צו הויז,
ווען מע וואַרפט אייך אָפּט אַרויס,

קריכט אַרויף אויף הויכע טרעפּ,
קריגט אַמאָל נאָך אַ פּאָר קלעפּ,
קריכט אָן ווילן און אָן מוט,
וועט איר וויסן ווי ס'איז גוט."

ווער קען זיין דאַקעגן ? —„מיר",
זאָגט אַ יונגע פרוי צו מיר ;
„הייראַט נאָר אַן ארבעטסמאַן,
וועלכער דיך קוים ערנערן קאָן,
נעם דריי באָרדערס אין דיין הויז,
קאָך און וואַש פאַר זיי נאָך אויס,
זיי אַ מוטער און אַן אַם,
וועסטו פילן פון אַ טעם."

ווער קען זיין דאַקעגן ? — „מיר",
זאָגט אַ מאַטאָרמאַן צו מיר ;
„שטיי אין קעלט און שטיי אין היץ,
שטיי אין דונער און אין בליץ,
וואַטש (היט) די קינדער אויפן סטריט,
יעדן פון אַן אומגליק היט,
שטיי צוועלף שטונדן אויף די פיס,
וועסטו וויסן ווי ס'איז זיס."

פאַראַן ביי אַננאַ ראַפּפּאָרט אַ ליד אונטערן נאָמען „תחית המתים" („צוקונפט", אַפּריל, 1905). צווישן אירע געדרוקטע לידער איז דאָס אַן אויסנאַם. זי רעדט דאָרט וועגן אונדזערע ברידער, און מיינט דערביי — די יידן. כמעט אַלע אויסגעהאַלטענע סאָציאַלע פּאָעטן אין אַמעריקע אין די 90ער יאָרן האָבן זיך ווייניק־וואָס אָפּגעגעבן מיט דער ריין־יידישער פּראָבלעם. געוועז קליינע אויסנאַמען. די פּראָבלעם „ייד" האָבן זיי ניט אויסגעטיילט. דער ייד וועט באַפרייט ווערן ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט זיין באַפרייט. מען קען סיי־ווי ניט באַפרייען דעם יידן בעת עס וועט ניט זיין קיין אַלגעמיינע פרייהייט אויף דער וועלט.

די פּאָעטעסע דערציילט אין איר ליד ווי דער ייד האָט אויסגעגליכן

דעם רוקן — ער איז ניט מער געפאַלן ביי זיך. ער האָט דערפילט, ער האָט אַ רעכט „צו לעבן, שאַפן, צו דענקען, צו קעמפן".

עס הייבט זיך און הייבט זיך אַלץ העכער און העכער
דער רוקן פון אונדזערע ברידער;
און גלייכער, און שטאַרקער, און שטראַמער (קרעפטיקער) אַלץ ווערן
דעם יידנס צעבויגענע גלידער.

דער קאָפּ, וועלכער האָט צו דער ערד זיך געבויגן —
ער קוקט אין דער הויך איצט אַרויף;
דער פנים, אין וועלכן אַ קינד האָט געשפיגן —
מיט שטאָלץ איצט באַלייכט ער זיין גוף.

ער קריכט ניט, ער לעקט ניט די האַנט וועלכע שלאָגט אים,
ער ווייס דאָס ער האָט אויך אַ רעכט
צו לעבן, צו שאַפן, צו דענקען, צו קעמפען,
ער פילט זיך ניט מער ווי אַ קנעכט.

די שקלאַפן־פסיכאָלאָגיע מאַטערט אים ניט מער. ער איז „אַ מיטגליד דער מענטשהייט". און „ווי אַ מיטגליד דער מענטשהייט" שטעלט ער זיך קעגן אַלע רשעותן אין דער וועלט. דירעקט קעמפט ער „קעגן פינצטערניש", „פאַר דער פרייהייט", „קעגן דלות און נויט". אומדירעקט וועט עס אים באַפרייען ווי אַ יידן. „ער העלפט דעם פראָגרעס אויף פאַרשיידענע וועגן".

פאַר זיינע פאַרפאָלגער, און פיינדע, און דריקער,
בייגט ער זיך ניט מער אין דרייען;
ער שטעלט זיך אַנטקעגן אַלס מיטגליד דער מענטשהייט,
און לאָזט ניט אין פנים זיך שפייען.

ער נוצט אויס זיין קראַפט און זיין מאַכט וואו ס'איז מעגלעך,
ער שרעקט זיך ניט אָפּ פאַר דעם טויט;
ער קעמפט קעגן פינצטערניש, קעמפט פאַר דער פרייהייט,
קעמפט קעגן דלות און נויט.

און דאָרט וואו ער קען זיך נאָר פרייער באַוועגן,
דאָ לאָזט ער זיך הערן און זען.
און העלפט דעם פּראָגרעס אויף פאַרשיידענע וועגן
דער ייד איז ניט דאָס וואָס געווען.

ס'איז פאַראַן ביי איר אַ ליד געווידמעט מאָריס ראָזענפעלדן. דאָס איז, אייגנטלעך, אַ ליד אויף אַן אַקטועלער טעמע, ווי עס זיינען אירע אַלע פּריערדיקע לידער. זי שרייבט ניט דאָרטן וועגן ראָזענ־פעלדס שאַפן, נאָר וועגן „דער פליכט", וואָס מען דאַרף דערפילן לגבי דעם פּאָעט. אין יענער צייט, אין יאָר 1906, איז ראָזענפעלד געווען זייער קראַנק. זיין איינציקער זון יוסף, זייער אַ טאַלאַנטירטער, איז געשטאָרבן אין עלטער פון 15 יאָר. דאָס אומגליק האָט ראָזענפעלדן זייער צעבראָכן. ער איז פּאַראַליזירט געוואָרן אויף אַ האַלבן קער־פּער. אויך זיינע אויגן האָבן אים אויפגעהערט דינען ווי געהעריק. אין דער פּרעסע האָבן זיך באַוויזן ווענדונגען וועגן דעם פּאָעט. אויך אַננאַ ראַפּאָפּאָרט האָט זיך אָפּגערופן מיט אַ ליד. דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 15טן דעצעמבער, 1906, אונטערן נאָמען:

דער שטומער זינגער

(געווידמעט מאָריס ראָזענפעלדן)

פאַרשטומט איז זיין האַרפע, די סטרונעס צעשפּרונגען,
דער זינגער זינגט ניט מער זיין ליד;
זיין האַרץ ווערט צעריסן, עס בענקט נאָך די טענער,
נאָר שוואַך איז דער דיכטער און מיד...

פאַרשפּרייט האָט די נאַכט אירע פליגלען די שוואַרצע,
אַ טונקעלע נעץ אויסגעוועבט,
פאַרוויקלט דעם זון פון דער מוזע אין טרויער,
אין עלנט, אין חושך פאַרוועבט.

עס פילט נאָך זיין הערץ, און עס וויינט און עס קרעכצט נאָך,
דאָך אויסגיסן קען עס ניט מער

דעם ווייטיק דעם שאַרפן, דעם טרויער דעם גרויסן . . .
זיין איינציקע טרייסט איז אַ טרער.

ניט גיסט ער קיין באַלזאַם מער מיט זיינע לידער
אין אונדזערע הערצער אַריין . . .
דאָך מוזן מיר זען צו ערהאַלטן ביים לעבן
פון הייליקן פייער דעם שיין.

אָ, קומט, לאָמיר אַלע צוזאַמען ערפילן
די פליכט, לאָמיר עפענען ברייט
די הענט און די הערצער, דעם ווייטיק צו שטילן,
צו העלפן דעם דיכטער אין נויט.

די לעצטע דריי לידער אירע, וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען, געהערן אויך צו לידער אויף אַקטועלע טעמעס. זיי פאַרמאָגן ווייניקער שילדערונג, און מער באַטראַכטונג.

אין איר ליד „אָ, לאָמיר געניסן". („צוקונפט", יוני, 1908) דערציילט זי וועגן דער וואונדערלעכער נאַטור־אייניקייט. די נאַטור האָט אונדז געגעבן אַזויפיל עשירות... און אָט קומט אַ שורה, וואָס מאַכט קלאָר די אומגליקלעכע סאָציאַלע אומשטענדן אין אַזאַ שיינער וועלט: „אָבער פאַר וועמען, אָט דאָס וויל איך וויסן". אַלץ איז דאָ אויף דער וועלט, „דאָך ווערן פון זיפצן די הערצער צעריסן". דער תוך פון ליד איז — אויפמונטערן „אַלע מענטשן":

פייגעלעך טאַנצן און זינגען און פליען,
בלימעלעך שפּראָצן און וואַקסן און בליען,
טייכעלעך רוישן און מורמלען און פליסן . . .
קומט מענטשן אַלע, אָ, לאָמיר געניסן!

העל שיינט די זון איבער וויזן און פעלדער,
מונטער ערשאַלט דער געזאַנג אין די וועלדער,
טאָלן און בערג וואַרטן אייך צו באַגריסן . . .
קומט מענטשן אַלע, אָ לאָמיר געניסן!

שיין איז די וועלט, — פול מיט פראַכט און מיט לעבן,
רייכטום האָט אונדז די נאַטור פיל געגעבן,
אָבער פאַר וועמען, אָט דאָס וויל איך וויסן...
קומט מענטשן אַלע, אָ לאָמיר געניסן!

אַלעס איז דאָ אין דער וועלט אונדז צו קוויקן,
שיינהייט און קונסט און מוזיק — צום ענטציקן.
דאַך ווערן פון זיפצן די הערצער צעריסן!...
קומט מענטשן אַלע, אָ לאָמיר געניסן!

אין די ווייטערדיקע סטראָפעס זאָגט די דיכטערין אַרויס עפּיקו־ראַאישע געדאַנקען — „לעבט בעסער היינט, און ניט לייגט אָפּ אויף מאָרגן". און זי זאָגט זיי אַרויס אין פאָרם פון אַפאָריזמען:

מאַכט אויף די אויגן און הערט אויף צו זאָרגן,
לעבט בעסער היינט און ניט לייגט אָפּ אויף מאָרגן;
שטופּט ניט די צייט, ווייל עס וועט אייך פאַרדריסן...
קומט מענטשן אַלע, אָ לאָמיר געניסן!

מאַכט לויז די הענט, וועלכע זיינען געבונדן,
שטילט אייער ווייטיק און היילט אויס די וואונדן.
הערט אויף צו קלאָגן און טרערן פאַרגיסן...
קומט מענטשן אַלע, אָ לאָמיר געניסן!

דאָס דאָזיקע עפּיקורעאישע ליד ענדיקט זיך איינגאַנצן ווי אַ סאָ־ציאַל ליד. קיין יושר איז אויף דער וועלט ניטאָ. מען קען נאָר גע־ווינען דעם קאַמף, דאָס לעבן, — ווען מען צעברעכט אַליין די קייטן. און דאָס ליד ענדיקט זיך ווי אַ צורוף — „פאָרווערטס! מיר טאָרן קיין צייט ניט פאַרלירן".

זוכט ניט קיין יושר — איר וועט ניט געפינען,
צעברעכט איר די קייטן — דאַן וועט איר געווינען.
ניט קוקט וואָס דער שונא איז שטאַרק און פאַרביסן,
קומט מענטשן אַלע, אָ לאָמיר געניסן!

פאָרוועהטס! מיר טאָרן קיין צייט ניט פאַרלירן.
וואַרט ניט! — געגוג שוין געלאָזט זיך פאַרפירן.
מונטער! מיר מוזן דאָס לעבן פאַרזיסן...
קומט מענטשן אַלע, אָ לאָמיר געניסן!

דאָס שענסטע ליד אירס האָט אַננאַ ראַפּפּאָרט אָפּגעדרוקט אין „צוקונפט", פעברואַר, 1909, אונטערן נאָמען „די זון גייט אויף". דאָס איז אַ נאַטור־ליד. אָבער אין תוך איז עס אַ סאָציאַל ליד. אַלע סאָציאַלע פּאָעטן האָבן ליב געהאַט פּערזאָניפיצירן נאַטור־כוחות און דערשיינונגען ווי סאָציאַלע געשעענישן. זיי האָבן ליב געהאַט שאַפן אַלעגאָריעס דורך דעם, וואָס זיי דריקן אויס אין באַקאַנטע בילדער זייער עצם געדאַנקען און געפילן. נאַכט, פינצטערניש, שטערן, בלאַסער שטראַל, העלקייט, זון — דאָס זיינען אָנגענומענע בילדער. איז דורך אָט־די בילדער גרינגער אַנצואַווייזן אויף די פּאַרהעלטענישן אין אונדזער סאָציאַל לעבן. דאָס ליד איז אויף אַזאַ אופן געוואָרן פּאָעטישער, איבערצייגנדיקער און דערהויבן. אין דער זעלביקער צייט האָט עס געווירקט שטאַרק עמאָציאָנעל. דער העכערער פּאָעטישער שליסל קומט פון דער בילדלעכקייט, אָן שום צומיש פון דידאַקטיק. מיר גיבן דאָ איבער דאָס ליד בשלימות:

די זון גייט אויף

דער מאָרגן גרויט, עס ווערט אַלץ העלער, העלער;
אַ שטראַל פון ליכט ברעכט דורך זיך דורך דער נאַכט;
די זון גייט אויף, זי שטייגט אַלץ העכער, העכער
און פון זיין לאַנגן שלאָף דער מענטש ערוואַכט.

פון שלאָף? אָ ניין! דאָס איז קיין רו געוועזן;
געטריבן פון אַן אומגעהויערער מאַכט,
איז ער געאַנגען פאָרווערטס, אָן אַן אויפהער,
אַ נאַכטוואַנדלער, מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט.

ער האָט געזוכט אַ וועג וואָס זאָל אים פירן
צום גליק, צום לאַנג־געוואונטשטן — ניט ערדרייכטן גליק...

און אומבאַוואוסט איז ער געגאַנגען ווייטער,
און האָט זיך קיינמאָל ניט געקערט צוריק.

דאָך אין דער פינצטער האָט ער קוים דערזעגט זיך;
געבלאָנדזעט און געאירט אַלץ יאָר נאָך יאָר;
האַלב־וואַכנד, האַלב אין שלאָף האָט ער געוואַנדערט,
געקעמפּט מיט שוואַרצע שאָטנס האָט ער נאָר.

און פלעגט אַ שטערן צייטנווייז ערשיינען
און וואַרפן אויפן וועג אַ בלאַסן שטראַל,
דאַן איז דעם מענטשנס גאַנג געוואָרן שנעלער;
דאָך טונקל איז געוועזן איבעראַל.

נאָר ענדלעך צייגט זיך ליכט, עס ווערט אַלץ העלער,
עס קומט דער טאָג, די נאַכט ציט זיך צוריק,
די זון שטייגט הויך און שיקט אַראָפּ די שטראַלן,
דער וועג צייגט בולט זיך — דער וועג צום גליק...

אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט האָט זי געשריבן אין יידיש נאָך איין ליד: „אַ טרייסט־וואָרט". געדרוקט האָט זי דאָס ליד אין „פאָר־ווערטס", דעם 7טן אָקטאָבער, 1909. דאָס איז אַ מין סאָציאַל־הומאַניסטיש ליד. דער עץ הדעת — וויסן — דאָס איז דאָס גאַראַנטירטסטע. דורך וויסן רייסט זיך דער מענטש אַרויס פון פינצטערניש. ער לאָזט הינטער זיך אַלע אָבערגלויבענישן, ער דאַרף ניט קיין הילף פון אילוזיעס, ער שאַפט זיך ניט קיין הילף פון אילוזיעס, ער שאַפט זיך ניט קיין „בייזן, ראַכע־גאָט". דער מענטש — דאָס איז דאָס העכסטע. דער, וואָס קען העלפן און טרייסטן דעם מענטשן, דער, וואָס ברענגט נוצן דער וועלט, — דער האָט ניט אומזיסט געלעבט. די גאַנצע מענטאַליטעט פון דעם ראַציאָנאַליסטישן ראַדיקאַל סוף לעצטן און אָנהייב הײנטיקן יאָרהונדערט איז אויסגעדריקט אין דעם דאָזיקן ליד:

אַ טרייסט־וואָרט

ווער אויף דעם עץ הדעת הייבט זיך אויף
און האַלט זיך אין אַ שטאַרקן צווייג,

און קוקט אַרויף ווי ווייט זיין בליק פאַרכאַפּט
און רייסט אַרויס זיך פון זיין ענגן שטייג,
און פון דער הויכקייט פון דעם בוים
זעט ער די ווייטקייט דאַן פון צייט און רוים
און אויך פון דער נאַטור די גרויסע מאַכט,
און איבער אירע סודות זיך פאַרטראַכט —
דער זוכט קיין שוץ און טרייסט אין גאָט,
און ווייט פון אים איז איראָני און שפּאָט.

ווער אין אַ מענטשן נאָר דעם מענטשן זעט,
און דאָס נאַטירלעכע אין דער נאַטור;
ווער זיך קיין בייזן ראַכע־גאָט באַשאַפט;
און זעט פון שד און רוחות ניט קיין שפּור;
ווער עטוואָס גוטן ברענגט דער וועלט,
און זיך אַנטקעגן יעדער אומרעכט שטעלט,
ווער אַ טרייסט געפינט פאַר יענעמס לייד
און אויך אַן אָנטייל נעמט אין יענעמס פרייד —
דער האָט אַ הימל זיך געוועבט,
און ניט אומזיסט אויף דר׳ערד געלעבט.

אין דעם סכום אַננאַ ראַפּאָפּאָרטס לידער זעען מיר דעם איבערגאַנג פון סוביעקטיווע סאָציאַלע לידער, צו אָביעקטיווע שילדערונגען, די־דאַקטישע ווערק און רופלידער, פּאָעטישע אַלעגאָריעס אויף סאָציאַלע טעמעס און צולעצט — הומאַניסטישע ראַציאָנאַליסטישע באַטראַכ־טונגען.

כאַראַקטער-בילדער און אַפאָריזמען

עס זיינען אויך באַקאַנט אירע צוויי כאַראַקטער־בילדער, געשריבן אין פּראָזע. איין בילד הייסט „מיסיס יענטע יאַכנין" („פאָרווערטס", דעם 18טן סעפּטעמבער, 1906). מיסיס יענטע יאַכנין איז אַ קאָזאַק אַ יידענע. זי איז די ערשטע פאַנאַנדערצוטראַגן אַלע רכילותן — שנעל און טיכטיק. אַלץ קומט ביי איר אַרויס קיילעכדיק און שפּיציק. ווי נאָר זי ווערט דערשמעקן, אַז איר ספּקט זיך אין אירע רכילותן, ווערט

שוין אייך מער גאָרניט פעלן. איר וועט שוין דערפילן דעם גיהנום ווי נאָר איר׳ט אַריינפאַלן אין איר מויל.

דאָס צווייטע כאַראַקטער־בילד איז „חיים טרייטעלסאָן״ („פאָר־ווערטס״, דעם 6טן יאַנואַר, 1907). אָט איז זיין פּאָרטרעט: „צווי קליינע שוואַרצע אויגן קוקן אַרויס כיטרע פון אונטערן קורצן שטערן און שטענדיק קוקט ער אויף אייך ווי ער וואָלט וועלן מאַכן פון אייך חוזק״. טרייטעלסאָן האַנדלט מיט צוגעניצטע אָדער אַ ביסל צעשע־דיקטע סחורות. ער קויפט זיי אָפּ אויף ליציטאַציעס, אויף ספּעציעלע אויספאַרקויפן. שטענדיק שווערט ער זיך מיט מאָדנע שבועות, אַז ער פאַרקויפט אונטערן קערן. ער איז זייער איבערגלויבעריש, דאָך פאַרקויפט ער אום שבת. זיין קרעמל איז האַלב אָפּן. דאָס געלט רירט ער ניט אָן. ער שאַרט עס אַראָפּ פון טומבאַנק אין טישקעסטל. „אויף דעם לעבן אין אַלגעמיין קוקט מיסטער טרייטעלסאָן אָן אינטערעס. – אָט וואָס דאַרף אַ מענטש איינגאַנצן? ווען ער קען זיך נאָר צושלאָגן צו אַ האַיזקע, וואָלט אים שוין קיין זאַך ניט געאַרט״.

די פּאָרטרעטן זיינען גוט געמאָלן, קלאָר און קרעפּטיק.

אין 1910 האָט זי געוואונען אַ פּרעמיע פאַר אַן אַרטיקל וועגן קינדער־דערציאונג. דעם קאָנקורס האָט דעמאָלט אויסגעשריבן דער „פאָרווערטס״.

אין ענגליש האָט זי געשריבן עטלעכע לידער אויף טאָג־פּראַגעס, אַפּאָריזמען און עפּיגראַמעס. זי האָט זיי געדרוקט אין דער סאָציאַליס־טישער צייטונג „דהי קאָל״.

מאַטוועי ראָם

? — 1858

מאַטוועי ראָם

זיין אומבאַקאַנט לעבן

וועגן מאַטוועי ראָמס לעבן זיינען כמעט ווי ניטאָ קיין ידיעות. מיר ווייסן אומגעפער ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט, אָבער ניט ווען דער טויט האָט אים באַפרייט פון זיינעליידן. אַלץ וואָס מיר ווייסן וועגן זיין לעבן געפינען מיר אין זיינע לידער. מיר דערפילן זיין געמיט אין זיין יעדן ליד. און צווישן זיינע שטימונגען פאַרנעמען מיר אָפט שורות, וואָס דערציילן אונדז וועגן אַ שווער לעבן: „ווי מיד, ווי מיד מיין טרויעריקער גאַנג; און דער וועג וואָס איך גיי — ווי לאַנג, ווי לאַנג!...״ „דער טויט איז דער פרידן, וואָס מיר האָט געפעלט, נאָך וועלכן מיין האַרץ האָט געבענקט״. אין זיין „פינצטערן בליק אָן פאַרלאַנגען, אָן מוט״ קען מען דערקענען „ווי שווער מיין לעבן איז געווען, ווי שווער זיין לאַסט אויף מיר נאָך רוט״.

איז וועגן זיין פּערזענלעכן לעבן ווייסן מיר ניט קיין גענויע פּרטים. זיין אָפּשטאַם, אָבער, איז שוין אונדז גענוי באַקאַנט. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם אין זלמן רייזענס „לעקסיקאָן״, אין דעם אַרטיקל וועגן ר׳ ברוך בן יוסף ראָם. ר׳ ברוך בן יוסף איז געווען דעם פּאָעטס עלטער־זיידע. ר׳ ברוך איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אויפגעשטעלט די באַרימטע ראָם־דרוקעריי אין ווילנע סוף 18טן יאָרהונדערט. די דרוקעריי איז אַריבער פון פאָטער צום זון, ביז מאַטוועי ראָמס פאָטער, ר׳ דוד, האָט זי איבערגענומען, אינאיינעם מיט זיינע ברידער. ר׳ דוד איז געווען דער הויפּטפירער. נאָך זיין טויט איז די דרוקעריי אַריבער אין די הענט פון דעם פּאָעטס מוטער, די אלמנה דבורה.

ר׳ דוד, גיט איבער זלמן רייזען, איז געשטאָרבן צוויי יאָר נאָך זיין פאָטערס טויט. דער פאָטער ר׳ יוסף ראובן איז געשטאָרבן אין 1858. ר׳ דוד, הייסט עס, איז געשטאָרבן אין 1860. זלמן רייזען גיט אָן ווייטער, אַז מאַטוועי איז געבוירן געוואָרן אין 1858. דאָס מיינט, אַז אונדזער פּאָעט איז געבליבן אַ יתום צו צוויי יאָר.

מ׳האָט מאַטוועי ראָמען געהאַלטן פאַר אַן אַוואַנטוריסטישער נאַטור, וואָס האָט דער משפחה פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. מען דאַרף

געדענקען ווי פרי ער איז געוואָרן אַ יתום. זיין מוטער, אַן אמתע אשת חיל, איז געווען, אַ דאָמינירנדיקע נאַטור, פאַרנומען מיט פירן אַזאַ גרויס געשעפט ווי די ראָם־דרוקעריי. האָט זי זיך זיכער ניט געקענט אַליין אָפּגעבן מיט דערציען דעם יתום. מאַטוועי ראָם איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פעאיקער, אָבער אַ צעליטענער: די פּלייצע איז אים געוואָקסן צו הויך. אָט־דער געקריוודעטער יתום איז געווען שטאַרק צוגעבונדן צו דער מוטער. זי איז געווען זיין איינציקע אחיזה אין לעבן. און די מוטער איז גאָר פאַרטראָגן אין גרויסע געשעפטן. האָט דעם צוקונפטיקן דיכטער געפעלט דער מאַמעס צאַרטקייט. ער קען אַן איר ניט לעבן, און ער האָט ניט קיין שום אָנשפּאַר און זיכערקייט, וואָס מוטער־צאַרטקייט פאַרשאַפט. און דאָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם אין אַ גאָר גרויסער צאָל לידער זיינע.

זיין בוך לידער „דאָס לעבן" האָט ער געווידמעט זיין מוטער. פריער קומט די ווידמונג אויפן שער־בלאַט: „דער טייערער מוטער אין ליבע און פאַרערונג געווידמעט". אונטער דעם קומט די סטראָפע:

דו פלעגסט מיך פאַרוויגן מיט לידער פון שטערן
פון זונענשיין, פון פריידן און גליק...
דיין קינד האָט נאָר לידער פון שמערצן און טרערן
צו זינגען דער מוטער צוריק.

ווען די ערשטע צוויי שורות איז שווער צו זאָגן צי זיי זיינען אין גייסט פון וואוילבאַקאַנטן פּאַטעטישן שטייגער צי ניט. אויב ניט — בלייבט נאָך אַלץ אַ געפיל וועגן דעם פאַעטס שאַרפער בענקשאַפט נאָך צאַרטקייט. אַלע זיינע ליבע־לידער זיינען אַן עדות. און ליבע גייט ביי אים שטענדיק מיט טיפעליידן.

איז ער געווען פאַרטריבן פון דער היים? איז ער אַליין אַוועק, פול מיט ליבשאַפט און האַס, ניט קענענדיק דערקלערן דעם פלאָנטער פון ביידע געפילן? קיין סך אָביעקטיווע לידער וועט מען ביי אים ניט געפינען. ער איז געווען צו צענטרירט אויף זיך אַליין און אין זיך. הערן מיר, דעריבער, אין זיינע לידער אַ סך רמזים וועגן זיין אייגענעם גורל. אַזאַ ליד איז „די מושל":

פון ים, פון איר היימאַט געשיקדן איז לאַנג
די מושל — און דאָך איז פאַרבליבן

אין איר אַ געדרויש, ווי אַ טרויער־געזאַנג,
אין וויינט ווי אַ קינד, אַזוי שטיל, אַזוי באַנג,
ווען ס'איז פון זיין מוטער פאַרטריבן.

און קען דען אַ האַרץ זיך פאַראייעגן צוריק
מיטן האַרץ, וועלכע האָט איר באַטראָגן?
דאָך שעלטן וועט'ס אימער זיין פינצטער געשיק
און טרוימען פון ווייטן, פאַרלאָרענעם גליק
ווי לאַנג עס וועט לעבן און שלאָגן . . .

דאָס דאָזיקע ליד לאָזט זיך זייער גרינג אָנווענדן אויטאָביאָגראַפיש אויף אונדזער דיכטער. נאָך קלערער וועגן זיין מוטער שרייבט ער אינעם ליד

דאָרט לעבט מיין מוטער

ווען שמערצן, פריידן, טרערן
פאַרדעקט די שטילע נאַכט,
דאַן גנבט זיך דער קומער
צו מיר אַריין גאַנץ זאַכט.

און איבער בערג און טאָלן
מיין האַרץ דאַן שוועבט און פליט ———
דאָס בענקען נאָך מיין היימאַט
פאַרלאָזט מיך קיינמאָל ניט!

וואָרום איז, היימאַט, טייער
מיר יעדער הויך פון דיר!
וואָס האָב איך דאָרט צו זוכן?
וואָס וואַרט דאָרטן אויף מיר?

בלאָס זיינען דיינע שטערן,
דער הימל בלייך ווי טוך,
בלייך זיינען דיינע בלומען
אַן חן און אַן גערוך.

און דאָך איז, היימאַט, טייער
מיר יעדער הויך פון דיר...
וואָרום ? — דאָרט לעבט מיין מוטער —
צו איר ציט מיך, צו איר !

אין זיינע פערזן „געדאַנקען־שפּענער״ לייענען מיר : „האָסטו דיין גליק אין דער היימאַט פאַרפעלט — דאַן זוכסטו אומזיסט עס אַרום אין דער וועלט״. רירנדיק איז דאָס ליד „שטום די סטרונעס פון מיין זעלע״. דערינערונגען זיינען ביים דיכטער גאָר אָפטע געסט. און די דערינערונגען זיינען כמעט שטענדיק פאַרבונדן מיט זיין היים. אין דעם פאַרגלייכן זיך מיט אַ „שפּעטן בלימל״, וואָס קוקט „פון דעם ערשטן שניי אַרויס״, דערקענען מיר, אַז דאָס בלימל איז דער פּאָעט. אַזוי זעט ער זיך. דאָס איז דער סימבאָל פון אומשולד, צאַרטקייט, ליידן און, דער עיקר, עלנט און אומבאַהאָלפנקייט. דאָס בלימל איז אַ קינד, און ער, דער פּאָעט, איז עס. האָבן מיר דאָ — דירעקטע פאַר־בינדונג מיט דער היים ; אומדירעקטע פאַרבינדונג — מיט דער מוטער.

שטום די סטרונעס פון מיין זעלע.
שטום און בלאַס איז לייד און לוסט ;
די נאַטור שלאָפט שטיל און טרויריק,
טרויריק, שטיל איז אין מיין ברוסט.

נאָר אין גייסט ביי מיר דעם מידן,
אייביק אַלט און אייביק יונג,
ווי אַ שטערן אין ווינטער־הימל
פינקלט די דעריננערונג.

זיסער שמערץ ציט דורך מיין האַרצן,
אַלטע בילדער שטייען אויף ;
פון מיין יוגנט, פון מיין היימאַט,
פון מיין שווערן לעבנס לויף...

אַזוי שוועבט אַ הויך פון לעבן
אין אַ לאַנג פאַרלאָזענעם הויז,

אַזוי קוקט אַ שפּעטע בלימל
פון דעם ערשטן שניי אַרויס...

ווען מיר לייענען זיין ליד „גריס דיר, היימשטאָט...״ פילן מיר דאָס זעלביקע. ער רעדט, דאַכט זיך, וועגן זיין היים. דאָס וואָרט „מוטער״ דערמאָנט ער ווי אַ סינאָנים צו היים. דאָס געפיל, אָבער, בלייבט — אינאיינעם מיט דער היים מיינט ער די מוטער. אין אָט דעם זין איז דאָס דערמאָנטע ליד אַ סך סימבאָלישער ווי די פריערדיקע מוטער־בענקשאַפט־לידער.

גרוס דיר, היימאַט און מוטער ! עס האָט מיך דאָס גליק
פאַרלאָקט און פון דיר אָפּגעשיידן ;
איך האָב דיך פאַרלאָזן, איצט קער איך צוריק
צעהרגעט אין קאַמף מיטן שווערן געשיק,
אָן האָפנונג, אָן ליבע, אָן פרידן ! ...

היימאַט, הייליקע מוטער ! פאַרשטויס ניט דיין קינד,
דערלויב מיר ביי דיר צו פאַרבלייבן !
דער רויש פון די וועלדער אין וואַרעמען ווינד,
דיין זון, וועלכע שטראַלט אַזוי ווייך, אָזוי לינד,
וועט שנעל מיינע שמערצן פאַרטרייבן.

לאָז מיך קניען פאַר דיר, לאָז מיך וויינען, באַוואוסט,
דאָס דו האָסט דעם זינדער פאַרגעבן,
און לאָז מיך אויף דיין באַרמהערציקער ברוסט
פאַרגעסן אין קינדישער, פריידיקער לוסט
מיין נוצלאָז פאַרלאָרענעם לעבן !...

דער אַלגעמיינער איינדרוק פון דעם ליד איז — דער פּאָעט בענקט אַהיים. פלוצעם — „פאַרשטויס ניט דיין קינד, דערלויב מיר ביי דיר צו פאַרבלייבן״. האָט ער פון וויטן וואָגל זיך אומגעקערט אַהיים ? ווייסן מיר גאָרניט וועגן דעם. אַ סך זאַכן זיינען ניט קלאָר וועגן אָט־דעם אומגליקלעכן דיכטער. זיינע רוסישע לידער שטאַמען פון יאָר 1893, געשריבן און געדרוקט אין ניו־יאָרק. זיינע יידישע לידער הייבן זיך אָן

באַווייזן אין דער ניו־יאָרקער פּרעסע ערשט אין 1894. פּלוצעם שטויסן מיר זיך אָן אין זיינס אַ ליד, געשריבן אין לאָנדאָן. האָט ער געלעבט אין לאָנדאָן איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע? אָדער נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר אין ניו־יאָרק? מיר ווייסן ניט... אין זיין ליד „אין דער פרעמד" דערמאָנט ער טאַקע ענגלאַנד. דאָס ליד הייבט זיך אָן ווי אַ וואַנדערונג־בריוו: — „ליבנסווירדיקע דאַמען" פון ליטע שרייבן אים:

זיסער דיכטער, דיינע לידער
זיינען פּשוט צום אַנטציקן!
לייִדער ביסטו ווייט, מיר וואָלטן
דיך מיט ליבע הייס באַגליקן!"

און ער ענטפערט זיי פון ענגלאַנד:

ווערטע (בעת) ליבנסווירדיקע דאַמען
אַזוי ליבנסווירדיק טראַכטן,
מוז איך, ווייט פון זייערע ליפּן,
אין דער ווילסטער פרעמד פאַרשמאַכטן.

דען — וואָס ניצט אין נאַסן ענגלאַנד,
ליטע, מיר דיין שיינער וועטער?
און פון קושן אין געדאַנקען
ווערט דאָס האַרץ האַרץ ניט פעטער.

אומפאַרשטענדלעך און ניט קלאָר זיינען די שורות, וואו ער דער־ציילט ווי זיין מוטער רופט אים צוריק אַהיים. „ער הערט זי ניט, ער לויפט פון איר". „וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געליבט, טאָר ער ניט ווידער זען!..." די שורות געפינען זיך אין צווייטן ליד „אין דער פרעמד":

ער לויפט אַרום איבער דער וועלט,
ער ווייס זעלבסט ניט וואַרום —
ער הערט אין ווינט אַ שטיל געוויין...
דערשטוינט קוקט ער זיך אום.

עס איז זיין אַלטע מוטערס שטים,
זי רופט איר קינד צוריק:
„א, קער דיך אום, מיך בענקט נאָך דיר,
דו ביסט מיין איינציק גליק!“

ער הערט זי ניט, ער לויפט פון איר,
ער קען ניט בלייבן שטיין;
וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געליבט,
טאָר ער ניט ווידער זען!...

מיר קענען זיך פאָרשטעלן ווי פיינלעך עס איז געווען פאַר דער זייער פרומער מוטער צו לייענען איר זונס לידער: לידער פון ליידן און לידער פון „ליבע און לוסט“. ווען זיין מוטער, די אלמנה דבורה ראָם, האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן איר זונס לידער, האָט זי עס אַרויסגעגעבן ניט אונטער איר זונס נאָמען — מאַטוועי ראָם, נאָר אונטער אַ פסעוודאָנים — מאַטמאָר. דער ערשטער טייל פון פסעוודאָנים „מאַט“ מיינט מאַטוועי אָדער מאַטעס, מתתיהו (איז דאָס געווען זיין יידישער נאָמען?). דער צווייטער טייל פון פסעוודאָנים „מאָר“ איז דער פאַרקערטער נאָמען „ראָם“. פאַר דער משפחה ראָם האָט אפשר ניט געפּאַסט צו דרוקן לידער פון זייער אַ נאָענט־אייגענעם. און דער נאָענט־אייגענער זאָל ניט האָבן קיין איין איינציקן יידישן מאָטיוו. און דאָס רוב מאָטיוון זאָלן זיין וועגן ליבע, לוסט, יסורים, הבל הבלים און וועגן לידער. אַזוינאָך איז דער פסעוודאָנים ניט סתם אַ פסעוודאָנים, נאָר אַ פועל־יוצא פון אַ סך סיבות. די אַרויסגעבער האָבן אַפילו געפונען פאַר נייטיק צו געבן אַ הקדמה: באַטאָנען דעם מחברס פסעוודאָנים, די דערגרייכונגען פון דער יידישער ליטעראַטור און אַ כאַראַקטעריסטיק וועגן די לידער אין דער זאַמלונג. מיר וועלן איבערגעבן די הקדמה בשלימות, מחמת דאָס בוך איז אַ יקר המציאות.

עס איז זייער מעגלעך — דער עקזעמפּלאַר, וואָס מיר נוצן, איז דער איינציקער אויף דער וועלט. ער געפינט זיך אין ניו־יאָרק, אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ. אין ייוואָ איז ער געקומען אינאיינעם מיט די אָפּגעראַטעוועטע ביכער, וואָס מען האָט געפונען ביי די נאַציס. אויפן ביכל זיינען דאָ צוויי שטעמפּלען — איינער: „אוצר ספרי עדת ישראל על יד בהכ״נ הגדול“; דער צווייטער —

„בית הספרים ע״ש הג׳ר, מתתיהו שטראַשון ז״ל; ע״י „הקהלה הווילנאית״.

אַט איז די „פאָררעדע״:

„דער פארליגנדער באנד איז אַ זאַמלונג פון אויסגעוויילטע לירישע געדיכטע פון א דיכטער, וועלכער שרייבט אונטער דעם פסעוודאָנים: מאַטמאָר. אין די לעצטע איניקע צענדלינג יאָרן האָט די יידישע זשאַרגאָנישע ליטעראַטור אויפצאוויזן אַ באַדייטנדן פאָרטשריט אין אַ בעסערע ריכטונג; עס זיינען אויפגעטרעטן שריפטשטעלער, דיכ־טער און פובליציסטן, וועלכע באַזיצן ווירקלעכן טאַלאַנט און טיפע געדאַנקען. אַזעלכע בעלעטריסטן ווי אַבראַמאָוויץ, לינעצקי און דינעזאָן, ווי קאָברין, גאָרדין, קאהאן און דאָליצקי; פובליציסטן ווי קראַנץ, פאליי און פייגענבוים מוזן אַלס ווירקלעכע שריפטשטעלער און דענקער אנערקענט ווערן. און די דיכטונג, וועלכע האָט אויפצוצייגן אַזעלכע פאַרטרעטער ווי ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט, האָט זיך אויך דאָס פאָלע (פולע) בירגעררעכט אין דער וועלט־ליטעראַטור ער־וואָרבן.

„מאַטמאָר איז קיין אייגנטלעכער יידישער דיכטער. ער באַהאַנדלט קיינע טעמען און מאָטיוון פון ספעציעל יידישן כאַראַקטער. די פראַכט און מאַכט פון דער נאַטור, דאָס לעבן מיט זיינע פריידן און ליידן, אַלץ וואָס באַרירט דאָס הערץ, דאָס געפיל — דאָס געפינט אַ נאָכקלאַנג אין זיינע פערזן און שפיגלט זיך אָפּ אין זיינע לידער, ווי אין אַ קלאָרן וואַסער.

„וואָס אָנבאַלאַנגט צו דער פאָרם, צו שיינקייט און קלאַנג פון שפּראַכע און פערז, קענען די דיכטונגען פון מאַטמאָר אַלס מוסטער אָנגענומען ווערן״.

די שמועה וועגן זיין לעבן יאָרנלאַנג אין אַמעריקע — זי איז אַ ריכטיקע. דאָס, וואָס ער האָט געדרוקט זיינע לידער אין דער ניו־יאָרקער רוסישער און יידישער פרעסע איז אפשר ניט אינגאַנצן קיין באַוויז. אָבער פון דער הקדמה אין זיין בוך לידער, איז עס אַ סך קלערער. די אַלע שריפטשטעלער, וואָס מען דערמאָנט דאָרט, זיינען אַמעריקאַנער־יידישע שריפטשטעלער, אַחוץ דריי — מענדעלע (אַבראַ־מאָוויץ), לינעצקי און דינעזאָן.

ווי דערמאָנט פריער — וועגן זיין פערזענלעך לעבן ווייסן מיר אויך גאָרניט. אַלטע אַנאַרכיסטן אין ניו־יאָרק פלעגן דערציילן ווי

אַזוי זיי האָבן אים שטענדיק געזען אין די גאַסן פון דער איסט־סייד אַרומגיין מיט אַ גרויסן שוואַרצן הונט. ער איז געווען איינער פון די איינזאַמסטע מענטשן אין די יידישע ראַדיקאַלע קרייזן. געווען אַן אַלטער בחור. און אין בוך זיינעם געפינט מען גאָר אַ ליד וועגן דעם טויט פון זיינס אַ קינד:

דאָס קינד איז טויט!...

איך האָב קיין שמערץ, האָב קיין געפיל,
איך האָב קיין וואָרט, קיין טרער אַצינד,
איך האָב קיין פלוך, האָב קיין געבעט —
ביים שטאַרבן ליגט פאַר מיר מיין קינד.—

מיין האַרץ איז קאַלט, מיין זון איז שטום,
די גאַנצע וועלט איז בלוטיק רויט —
שטאַרב ניט! ניין! מיט דיר שטאַרבט אַלץ,
מיין לעצטע טרייסט איז מיט דיר טויט!

איז טויט! — אַ קורצער, שוואַכער שריי...
דאָס קעפל זינקט... אַ לעצטער בליק
רוט נאָך אויף מיר.... און צו מיין ברוסט
דריק איך מיין קאַלטן, טויטן גליק!...

פאַראַן אַ ווערסיע וועגן זיין לעבן אין ווילנע:

ער איז געווען אַ גע׳גט׳ער, געהאַט אַ טאָכטער, זי האָט געוואָלט ווערן אַ פוילישע אַקטריסע. האָט ער זייער אַ סך געליטן דערפון. גע־רעדט האָט ער רוסיש. דאָס איז געווען די שפּראַך פון דבורהס קינדער. זיין ברודער אין ווילנע, ד״ר געאָרגי דאַווידאָוויטש ראָם, איז געווען דער פאָרזיצער פון אַ מאַסאָנישער לאָזשע. מאַטוועי איז דאָרטן געווען אַ מיטגליד. דער פאַרדינסטפולער שריפטשטעלער בן־ציון כץ טיילט מיט די דאָזיקע ידיעות אין אַ פּריוואַטן בריוו. וועגן מאַטמאָרס בוך לידער ווייס ניט בן־ציון כץ. ער איז געווען געוואוינט צו טראַכטן וועגן דער אלמנה דבורהס קינדער ווי וועגן רוסיש־ריידנדיקע. קיין יידיש האָבן זיי ניט גערעדט. דעריבער מיינט ער, אַז די לידער האָט

מאַטוועי, מן־הסתם, געשריבן אין רוסיש און מען האָט זיי איבערגע־זעצט. די השערה ווערט אָבער צערונגען, ווען מען באַקענט זיך מיט מאַטוועיס איבערזעצונגען פון רוסיש אין יידיש. טאַקע אין דעם דער־מאָנטן בוך. דאָרט איז פאַראַן אַן איבערזעצונג פון נעקראַסאָווס ליד „וונימאַיאַ אוזשאסאם וואַיני", ווי אויך פון היינעס לידער.

מאַטוועיס עלטערער ברודער אין ניו־יאָרק, ד"ר מאַקסים דאַווי־דאָוויטש ראָם (1856 — 1921) איז אויך געווען אַ רוסיש־ריידנדיקער. ער איז געווען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט און אַ זייער אָנגעזעענער מיט־גליד פון דער ניו־יאָרקער ראַדיקאַלער קאָלאָניע. קלמן מרמר טיילט מיט, אין אַ בריוו, אַז ד"ר מאַקסים דאַווידאָוויטש ראָם האָט אין ווילנע געהערט צו אהרן ליבערמאַנס יידישן סאָציאַליסטישן קרייזל, אין די יאָרן 1874—1875. קלמן מרמרס השערה איז, אַז מ. ראָם, וואָס האָט געשריבן סאָציאַלע לידער, איז דער ד"ר מאַקסים ראָם. דעם שרייבער פון די איצטיקע שורות האָט זיך ניט איינגעגעבן געפינען ד"ר מאַקסים ראָמס לידער. ער האָט אָבער געפונען כמעט אַלע ראָמס געדרוקטע לידער אין דער ניו־יאָרקער פרעסע. די זעלביקע לידער האָט ער גע־פונען אויך אין מאַטמאָרס בוך. איז מ. ראָם געווען ניט מאַקסים, נאָר מאַטוועי ראָם. אויב עס האָט זיך איינגעגעבן עפּעס פעסטשטעלן וועגן מאַטוועי ראָמס לידער, האָט זיך אָבער זייער ווייניק־וואָס איינגעגעבן פעסטשטעלן עפּעס וועגן זיין לעבן.

אויטאָביאָגראַפישע שטריכן

ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף זיך — דאָס קען מען דרינגען פון עטלעכע לידער זיינע. ניט אַלעמאָל מעג מען זיך פאַרלאָזן אויף אַ פּאָעטס ווערטער וועגן זיך אַליין. על־פּי־רוב איז עס מער וואונטש, חלום און דוכטעניש — צו וועלן זיך זען אין אַ באַשטימט ליכט. דאָך קען מען אין דעם פּאָעטס ווערטער אויסגעפינען, ניט דעם אמת וועגן אים, נאָר ווי ער האָט אַליין געקוקט אויף זיך, אָדער — ווי ער וואָלט וועלן אויסזען אין אַנדערע אויגן. אַזעלכע ווערטער זיינען ניט נאָר אויטאָביאָגראַפישע, נאָר אויך — פּסיכאָגראַפישע. מיר געפינען זיי אין ליד

איך וויין ניט

איך וויין ניט. זאָל קיינער ניט זען מיינע טרערן
און קיינער אַנטפּלעקן מיין קומער מיין שווערן.
דאָך — קוקט אייך נאָר איין אין מיין פּנים דעם בלייכן;
דאָ שטייען די צייכן!
אין מיין פינצטערן בליק אָן פאַרלאַנגען, אָן מוט —
אין אים אַליין קען יעדערער לעזן,
ווי שווער מיין לעבן איז געוועזן,
ווי שווער מיין לאַסט אויף מיר נאָך רוט!

באַטראַכטן זיך ווי אַ קינד — דאָס איז געווען אַ טייל פון זיינעם אַ כאַראַקטער־שטריך. דאָס איז אויך פאַרבונדן מיט זיין רחמנות האָבן אויף זיך אַליין. געפירט האָט עס צו סוביעקטיווע לידער, צו אינ־דיווידואַליסטישע מאָטיוון. אין די נײַנציקער יאָרן זיינען זיי געווען אַ זעלטנקייט, באַזונדערס ווען די דאָזיקע מאָטיוון האָבן אויסגעדריקט צו־פערזענלעכע איבערלעבענישן אָדער באַטראַכטונגען. בולט זעט מען עס אין ליד

דאָס קינד איז קראַנק

דאָס קינד איז קראַנק, דעם קינד טוט וויי,
עס מאַכט קיין אייגעלע צו;
עס זיצט די מוטער ביי זיין וויג
און זינגט און וויינט דערצו.

צום זינגען איז זי ניט געשטימט,
דאָך זינגט זי טאָג און נאַכט.
זי זינגט זיך און דאָס קראַנקע קינד
אין פיבער וויינט און לאַכט.

זי וויינט און זינגט. די נאַכט איז לאַנג.
אין דרויסן קלאַפּט דער ווינט.
זי זינגט ביזוועלעך, מאַט און מיד
שלאָפט איין דאָס קראַנקע קינד.

מיין האַרץ איז קראַנק, מיין האַרץ טוט וויי,
עס האָט קיין ראַסט, קיין רו ;
איך זיץ מיר ביי מיין קראַנקע האַרץ
און וויין און זינג דערצו.

צום זינגען בין איך ניט געשטימט,
איך זינג פון פריקר און לוסט. . .
איך זינג. מיין קראַנקע האַרץ דערווייל
פאַרבלוטיקט אין מיין ברוסט.

איך זינג מיין קומער אין געזיסט
פון גליק און זאָנענשיין ;
מיין האַרץ ווערט ענדלעך קאַלט און שטיל
און שלאָפט פאַר (אויף) אייביק איין. . . .

ווען מען לייענט זיינע לידער, על־פּי־רוב וועגן „ליבע און לוסט", זעען אויס די ווייטערדיקע שורות ווי אויטאָביאָגראַפישע פאַרצייכע־נונגען :

נאָר שטורעם האָט די יוגנט מיר געבראַכט
און אַ געמיש פון וויסטער ליידענשאַפט...

דאָס זעלביקע געמיט, נאָר מער פאַנאַנדערגעוויקלט, מיט מער פּרטים, דריקט ער אויס אין זיין ליד „מיין דיכטערגייסט". די רייד וועגן זיך אַליין קענען זיין בלויז פּאָעטישע זשעסטן, „ביירָאָניש"־פּאָעטישע ווידויים. דאָך — אין דעם אַליין זעט מען דעם פּאָעטס תשוקה אויסצוזען אַזוי ווי ער רעדט וועגן זיך. און דאָס איז דאָך זיין באַגריף ווי אַזוי עס דאַרף אויסזען אַ דיכטער פון זיין שניט :

פון קינדהייט אָן האָט ער
געהאַט אַ ליידנשאַפט
פאַר אַלץ, וואָס איז מיט מוט
פאַרבונדן און מיט קראַפט.

דער צווייפל האָט אים שווער
געמאַטערט און געצערט :

װאָס ער האָט היינט געבויט,
האָט מאָרגן ער צעשטערט !

װאָס ער האָט היינט געליבט,
װאָס אים האָט היינט באַגליקט,
האָט מאָרגן ער פאַרהאַסט,
האָט מאָרגן ער דערשטיקט !

אַן אומרואיקער איז ער געװען, אַ פאַרביטערטער, אַ טרויעריקער. און זיין גרויסע אומרו האָט מען, מן־הסתם, אָנגענומען פאַר אַוואַנ־טוריסטישע נייגונגען. געװען איז ער אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף זיך. די טעמאַטיק איז אַ סוביעקטיװע — אַלץ װעגן זיך. און אויב עס זיינען פאַראַן ביי אים אָביעקטיװע לידער, באַטראַכטונגען װעגן װעלט און מענטש — זיינען זיי שטענדיק באַפאַרבט מיט זיין אייגענעם איך. כאַראַקטעריסטיש פאַר זיינע איך־לידער איז די „פינצטערע נאַכט״. דאָס ליד האָט ער, אַגב, ניט אַריינגענומען אין זיין זאַמלונג. געװען איז דאָס ליד געדרוקט אין אַ ניו־יאָרקער צייטונג (דער נאָמען און די דאַטע ניט פעסטגעשטעלט):

פינצטערע נאַכט, שלעפער מיך איין!...

פינצטערע נאַכט, שלעפער מיך איין
און לאָז אין מיין שלאָף קיין חלומות אַריין !
איך דאַרף זיי אויף טויזנט כפרות,
דען יעדער מאָל, װען מיין האַרץ טוט אַ שלאָג,
זייט יאָרן און יאָרן, פון טאָג צו טאָג, —
עס שלאָגט און עס ציילט מיינע צרות !...

לאָז מיין נשמה, פון צרות באַפרייט,
פאַררוען אַ װיילע פון טעגלעכן לייד,
פאַרגעסן איר פינצטערן קומער !
ניט נאָר מיך, איך בעט דיך, מיט בילדער פון גליק, —
צו מיינע קװאַלן (קװעלענישן) װעל איך דאָך צוריק
דערװאַכן פון פרידלעכן שלומער...

זיין אומרו, היים־בענקעניש, זיין ווײנען איבער זיך, זיין באַקלאָגן זיך — די דאָזיקע טענער הערט מען אָפט אין זײַנע שורות. און עס איז ניט קלאָר: איז זיין נע־ונעד געווען אַ געצוואונגענער, האָט ער עס אַליין געוואָלט? ווי די זאַך זאָל ניט זיין — איינס איז קלאָר: ער איז זייער צענטרירט אין זיך אַליין. ער דערציילט אונדז וועגן זיך, ווי דאָס וואָלט געווען אַן אומגעווײנלעכע געשעעניש. „אין דער פרעמד" איז אַזאַ ליד („אַרבייטער־צייטונג", דעם 18טן אָקטאָבער, 1894):

גרויע וואָלקן שווער און געדיכט
פאַרשטעלן דאָס העלע ליכט...
מיין האַרץ איז פול קומער און לייד —
אַלע די ליבן
זיינען ווייט געבליבן —
אַך, ווי ווייט, ווי ווייט!...

איך פיל מיינע קרעפטן שווינדן
און קען קיין אויסוועג פינדן
פון טרויער און שמערץ אַרום מיר...
אין שרעקלעכע באַנגען
איז מיין הערץ געפאַנגען,
זאָרגן הערשטיקן מיך שיר,...

פאַר מיר וויל דאָס ליכט ניט מער שיינען...
ווען איך וואָלט קענען כאָטש וויינען
צו לינדערן מיר מיין לייד —
דאָך מיין לייד איז צו שווער,
עס העלפט אים קיין טרער
ווי אַמאָל אין דער פריערער צייט!...

נאַכט. עס לייגט זיך דער טומל,
דאָך אויבן, אין גרויען הימל
שטראַלט קיין איינציק האָפנונג־שטערן...
אַלע די ליבן
זיינען פערן (ווייט) געבליבן —
אַך, ווי פערן, ווי פערן!...

מאַטוועי ראָם איז אַזוי פאַרנומען מיט זיך, אַז גאָר אין אַ סך לידער איז ער דער צענטער פשוט כמשמעו. סובלימירן עגאָצענטרישע נייגונגען איז אַן אויפטו אין קונסט. אויב זיי ווערן ניט סובלימירט, זעען זיי אויס ווי פריוואַט־פערזענלעכע באַריכטן. ביי מאַטוועי ראָמען קריגן זיי אַן אַנדער אויסזען. ער איז מרה־שחורהדיק, קרענקלעך און פאַרבאָרגן. און ווייל זיין לעבן איז אונדז ניט אינגאַנצן קלאָר, זיינען אַזוי אויך אַ סך שורות זיינע. ער דערציילט וועגן זיינע סודות, אָבער די סודות אַליין וויל ער אונדז ניט אַנטפּלעקן. „מיין געהיימניש" איז אַזאַ ליד:

איך חיין ניט, ניין, מיין אויג איז טרוקן,
איך שמייכל אָפּט־אָפּט לאַך איך גאָר!
קיין איינציק בליק, קיין איינציק מינע
מאַכט מיין געהיימניש העל און קלאָר.

עס ליגט פאַרשטיקט אין שטומע קוואַלן
טיף אויף מיין האַרצנס שוואַרצן גרונד;
ווי הייס, ווי ווילד מיין בלוט מעג קאָכן —
דאָך שטייף פאַרשלאָסן בלייבט מיין מונד.

פרעג דו די קינדער אין די וויגן,
די טויטע פרעג אין קברים־פעלד,
פיליכט וועלן זיי דיר אַנטדעקן,
וואָס כ'האָב פאַרשוויגן פון דער וועלט!...

מאַטיוון וועגן פערזענלעכן אומגליק הערן זיך אין אַ סך לידער זיינע. אין טייל לידער הערט מען זיי זייער בולט, ווי, למשל, אינעם ליד „איך קען ניט אַנשלאָפן": „ווי לאַנג וועסטו מיך פּלאָגן, בלייכע נאַכט?! /וואָרום איז מיט איין מאָל דערוואַכט / אין מיר דער ווייט־פאַרהילכטער קלאַנג, / דער שמערץ, וואָס איך וואָלט אַזוי גערן / פאַרגעסן וועלן?" אַזוי איז אויך דאָס ליד „לעבט וואויל" (ז' 41).

מיר זיינען צוגעוואוינט צו הערן אַזעלכע פערזענלעכע מאַטיוון. די גאַנצע מאָדערנע פּאָעזיע איז פול געוועזן מיט „איך"־מאָטיוון. די דאָזיקע מאַטיוון זיינען, אָבער, געווען זעלטן אַזוי קלאָר און בולט אין די ניינציקער יאָרן לעצטן יאָרהונדערט. אונטערן צייכן פון סאָ־

ציאָלן באַוואוסטזיין האָט זיך געשאַפן די דעמאָלטיקע פּאָעזיע אין אַמעריקע. און אויף יחידישע מאָטיוון האָט מען געקוקט קרום. אונטער די תנאים אין דעם אימיגראַנטישן לעבן האָבן זיי פּאַר קיינעם ניט געהאַט קיין אינטערעס. און קיינער איז ניט געווען פאַרנומען בלויז מיט זיך אַליין, מיט זיך און מיטן אייגענעם „שמערץ״. מאָטוועי ראָם איז, דעריבער, געווען צווישן די געציילטע צוויי־דריי פּאָעטן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט יחידישע לידער.

די רוסישע לידער

מאָטוועי ראָמס רוסישע לידער האָבן זיך באַוויזן אין ניו־יאָרק פריער ווי זיינע יידישע לידער. צו אונדז זיינען דערגאַנגען זיינע פיר לידער אין רוסיש. דריי זיינען געווען געדרוקט אין „רוסקאָ־אַמעריקאַנסקי וויעסטניק״ (רוסיש־אַמעריקאַנער קוריער), סוף 1893. אין דער זעלביקער צייט האָט ער אויך אָפּגעדרוקט אַ פערט ליד אין זיינער אַן אייגענער צייטונג „וויעסטניק״ (אין ענגליש האָט עס געהייסן: „ראָשען העראָלד״).

דאָס ערשטע ליד איז דאָס לענגסטע — „סאָבאַטשיאי גאָדי״ (הינטישע יאָרן). געדרוקט אין „רוסקאָ־אַמער. וויעסטניק״, דעם ערשטן אָקטאָבער, 1893. פאַראַן אַן אונטערקעפּל צום ליד — „אָריענטאַלישע לעגענדע״. דאָס ליד באַשטייט פון 25 סטראָפעס, זעקס שורות אין אַ סטראָפע. דער טאָן איז אַ שפּילעווודיקער און אַ פעלעטאָניסטישער. איבערן ליד שטייט טאַקע אַן איבערקעפּל — „פעלעטאָן״. קאָנטיק, דאָס איז געווען דעם רעדאַקטאָרס אַ באַמערקונג.

דער בורא עולם האָט צונויפגערופן אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, זיי דערציילט וועגן ציל און באַטייט פון לעבן און זיי געעצהט, יעדער זאָל טראָגן זיין גורל. ער האָט אויך אָנגעצייכנט וויפל יעדער איינער דאַרף לעבן. אַלע האָבן דאָס אָנגענומען באהבה. אָבער דער אייזל האָט אָנגעהויבן וויינען פאַר גאָט, שפּעטער אויך דער הונט. און זיי האָבן דערגרייכט, וואָס זיי האָבן געוואָלט. דער אייבערשטער האָט דעם אייזל נאָכגעגעבן זיין בקשה. ער האָט פאַרקירצט דעם אייזלס יאָרן אויף העלפט. דער אייזל זאָל ניט דאַרפן טראָגן אַזאַ שווערן לעבנס־יאָך גאַנצע פערציק יאָר. אַזוי איז עס אויך געווען מיטן הונט.

אויך דעם הונטס גורל האָט גאָט פאַרלייכטערט. ער האָט זיין לעבן געקירצט אויף העלפט.

דעם מענטשן האָט דער אייבערשטער באַשטימט בלויז דרייסיק יאָר צו לעבן. האָט זיך דער מענטש איינגעבעטן, דער אייבערשטער זאָל אים שענקען די יאָרן, וואָס ער האָט אַראָפּגענומען פונעם אייזל און הונט. שולדיק אין דעם איז חוה געווען. זי האָט אים צוגעחעדט דערצו. אָבער די בעסטע יאָרן זיינע, די ערשטע דרייסיק יאָר, זיינען גיך אַריבער. נאָכדעם האָט ער געלעבט די צוואַנציק אייזלשע יאָרן. און גאָר צום לעצט איז אים אויסגעקומען צו לעבן די צוואַנציק הינטישע יאָרן. און אַזוי שטעלט־פאַר מאַטוועי ראָם אָדמס אייזלשע און הינטישע יאָרן: ער אַרבעט שווער, ער איז פול מיט זאָרג, צעקריגט זיך צומאָל מיט זיין ווייב. דאָס איז געווען אַן אייזל־לעבן. און ווען ער איז שוין זייער אַלט געוואָרן, האָט ער שוין געלעבט אַ הינטיש לעבן:

Адам жил дальше. Истощенный,
(Жену совсем он запустил),
Седой, безсильный, надломленный,
Трудом тяжелым изможденный
И жизнью, он Творца молил.

А он все жил. Судьбой убитый,
(Не жил, а смерти ждал)
Больной, лохмотьями прикрытый,
«Венец творения», разбитый
Всем в тягость, всеми позабытый —
Собачьи годы доживал.

(אָדם האָט געלעבט ווייטער. אויסגעמאַטערט / (דאָס ווייב איינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט), גרוי, אָן כוחות, איינגעבראָכן, / אויסגעשעפּט פון שווערער פּראַצע / און לעבן, האָט ער געבעטן גאָט.

און ער האָט אַלץ געלעבט. פון גורל הערשלאָגן / (ניט געלעבט, נאָר דערוואַרט דעם טויט) / קראַנק, מיט שמאַטעס צוגעדעקט, / „די קרוין פון שאַפונג", אַ צעבראָכענער, אַלעמען אַ לאַסט, פון אַלעמען פאַרגעסן, / האָט ער אויסגעלעבט די לעצטע הינטישע יאָרן).

דאָס דאָזיקע פעלעטאָן־ליד איז געשריבן לייכט, פליסיק, מיט סאַטירישע באַמערקונגען. אין יעדער צווייטער שורה איז פאַראַן אין קלאַמערן אַ זייטיקער סאַטירישער זאַג. ווען ער רעדט וועגן דעם הונט קומט די באַמערקונג — „אָן אַ סטראַזשניק איז קיין אָרדענונג ניטאָ". ווען דער הונט האָט אָנגעהויבן וואָרטשען, קומט די באַמערקונג — „וואָס קען מען פון אַ הונט דערוואַרטן?" און ווען דעם איבערשטנס בליק האָט זיך אָנגעכמורעט, קומט גלייך די שורה — „שטעלן זיך קעגן ברענגט ניט צו קיין גוטס".

עפּיגראַמאַטיש איז דאָס ליד „זי איז וואונדערשיין", „אָנאַ פּרעקראַסנאַ":

Она прекрасна — нет сомнений,
Ясна, спокойна, холодна:
Как проза — чужда увлечений,
Как проза — девственно верна.

А та, — как падший ангел рая,
Страстей, желания полна,
Мила, как греза молодая,
Как греза — ветренна, лжива.

(זי איז וואונדערשיין — ניטאָ קיין ספק, / ליכטיק, רואיק, קאַלט; / ווי פּראָזע — פרעמד איר מיטגעריסן ווערן. / ווי פּראָזע — צניעותדיק געטריי. / און יענע — ווי אַ געפאַלענער גן־עדן־מלאך, / איז פול מיט ליידנשאַפט, פאַרלאַנג, / זי איז ליבלעך, ווי אַ יונגער טרוים, / און ווי אַ יונגער טרוים — לייכטזיניק און ליגנעריש).

דאָס דאָזיקע ליד איז געווען געדרוקט דעם 16טן דעצעמבער, 1893, אין „וויעסטניק" (העראַלד), וואָס מאַטוועי ראָם האָט אַליין רעדאַקטירט.

דאָס ליד „צום נייעם יאָר" איז געווען געדרוקט אין „רוסקאָ־אַמעריקאַנסקי וויעסטניק" (דעם 30סטן דעצעמבער, 1893). דאָס געהערט צו די באַקאַנטע טרינקלידער: פילט אָן די באָקאַלן מיט זידנדיקן ווייַן / לזכר דעם אַוועקגייענדיקן יאָר, / פאַרגעסט אויף אַ צייט וועגן געוועזענעם צער, / וועגן תהום דורכגעלעבטע צרות:

Налейте бокалы шипучим вином
В поминки ушедшему году,
Забудьте на время о горе былом,
О бездне прожитой невзгоды.

נאָכדעם קומען די געוויינלעכע מחשבות: מען זאָל פֿאַרגעסן, וואָס עס איז געווען, פֿאַרטרינקען און פֿאַרגעסן. און די אָנקומענדיקע טעג, די פֿריידיקע, וועלן פֿאַרשטעלן די מענגע צערפֿולע און ביטערע טעג. און דאָס ליד פֿאַרענדיקט זיך מיט דער זעלביקער סטראָפֿע ווי אין אָנהייב.

פֿאָעטישער איז דאָס ליד „טעני פּראָשלאָוואָ" (שאָטנס פֿון עבר), געדרוקט אין „רוסקאָ-אַמעריקאַנסקי וויעסטניק", דעם 15טן נאָוועמבער, 1893. דאָס ליד איז אינגאַנצן אין סטיל פֿון אַ נאַדסאָנען אָדער ניקי-טינען. פֿאַראַן דאָרטן אָנגענומענע פּאָעטישע אויסדרוקן, וואָס מיט זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט טייל רוסישע לידער אין לעצטן פֿערטל יאָר-הונדערט. מיר גיבן דאָ איבער דאָס ליד בשלימות:

В безсонные ночи встают предо мною
Виденья ушедших годов,
И прошлого тени унылой толпою
Встают из заглохших гробов.

И станет так тяжко, и с болью сожмется
Душа в наболевшей груди,
И с силою старая скорбь отзовется
Из грустной, таинственной тьмы...

А прошлого тени с тяжелым укором
Тоскливо глядят на меня —
Встает предо мною, покрыта позором
Погибшая жизнь моя!..

О тени, вернитесь к забытым могилам,
Виденья, сокройтесь во мгле!
Даруйте прощенье надорванным силам
И скорбной изнывшей душе.

(אין שלאָפלאָזע נעכט שטייען אויף פאַר מיר / זעאונגען פון פאַרגאַנגענע יאָרן, / און שאָטנס פון עבר אין אומעטיקע מענגעס שטייען־אויף פון פאַרוואַקסענע קברים.

און עס ווערט אַזוי שווער, מיט ווייטיק פאַרקלעמט זיך די נשמה אין דער צעוויטיקטער ברוסט, / און מיט קראַפט לאָזט זיך הערן דער אַלטער צער / פון דער אומעטיקער, סודפולער פינצטערניש. /

און די עבר־שאָטנס, מיט אַ שווערן פאָרוואורף קוקן אומעטיק אויף מיר — / שטייט־אויף פאַר מיר, באַהעקט מיט חרפה, / מיין פאַרלאָרן לעבן !...

אָ, שאָטנס, קערט זיך אום אין די פאַרגעסענע קברים, / זעאונגען, באַהאַלט זיך אין נעפּל ! זייט מוחל די אונטערגעריסענע כוחות / און דער צערפולער, אויס־גייענדיקער נשמה).

קיין קלאָרן באַגריף וועגן זיין רוסישער פּאָעזיע קענען מיר ניט האָבן אויפן סמך פון די פיר דערמאָנטע לידער. אינטערעסאַנט איז אָבער איין זאַך : די עפּיגראַמאַטישע לידער דערמאָנען אונדז אין היינריק היינען ; דאָס טרויעריקע ליד „טעני פּראָשלאַװאָ" — אין נאַדסאָנען, פּעטן.

איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס אין זיין לידער־זאַמלונג זיינען פאַראַן דריי היינע־לידער. איינס איז „דאָס אַלטע לידל" :

געלעבט האָט אַמאָל אַ קעניג, —
ער איז שוין אַלט געווען און גרוי ;
דער אַלטשיקער קעניג האָט נעבעך
גענומען אַ יונגע פרוי.

געלעבט האָט אַ שיינער ריטער
מיט בלאָנדע האָר און לייכטן זין ;
דער ריטער דער יונגער פלעגט האַלטן
די שלעפּ פון דער קעניגין.

ווער קאָן ניט דאָס אַלטע לידל ?
ווי זיס עס קלינגט און באַטריבט !
זיי האָבן געמוזט ביידע שטאַרבן : —
זיי האָבן צופיל געליבט !

דאָס צווייטע ליד אין היינע־טאָן איז „אַן אַלטע שטיק״. שטייט אַ מיידל ביים ים און זיפצט אויף דעם זון־אונטערגאַנג, און דער פּאָעט ענדיקט: „מיין פרײלן, זייט נאָר מונטער, / עס איז אַן אַלטע שטיק: / פון פאָרנט גייט עס אונטער / און קערט פון הינטן צוריק״. און דאָס דריטע ליד איז „זי האָט געלאַכט״: פון שמוץ האָט ער זי גענומען. צוליב איר איז ער געוואָרן אַ גנב. אַריינגעפאַלן אין תפיסה; ער רופט זי פון געפענגעניש. זי האָט אָבער ביי יעדער געלעגנהייט געלאַכט.

אום זעקס אין דער פרי האָט מען אים שוין געקעפּט,
אום זיבן — אין טרונע צום קבר געשלעפּט.
און זי, זיין געליבטע, זי האָט אום האַלב אַכט
דעם זעלבן פרימאָרגן געטאַנצט און געלאַכט.

עס איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס זיין ליד „טעני פּראָשלאַוואָ״ דערמאָנט אין נאַדסאָנען. די זעלביקע רעזיגנאַציע־טענער, מרה שחורה, אָנמאַכט און אומעט — דאָס הערט מען אין נאַדסאָנס אינדיווידואַ־ליסטישע לידער. נאַדסאָניש קלינגען אויך ראָמס אַ סך עפּיטעטן. ראָמס „מיין מוזע איז טויט״ (ז׳ 15) איז אַ פרייע איבערזעצונג פון נאַדסאָנס „אומערלאַ מאָיאַ מוזאַ״ — געשטאָרבן איז מיין מוזע. אויך דאָס ליד „אַ, מיין ברודער״ (ז׳ 33) איז אַ פרייע איבערזעצונג פון נאַדסאָנס „דרוג מאָי, בראַט „ — פריינד מיינער, ברודער...״ אויך שענשין־פעטס אַ קלאַנג הערט זיך אין די שורות:

נאָר ווען קומער און זאָרגן, ווען ביטערער שמערץ
פלעגט מיך מאַטערן, פלאָגן און שטיקן,
פלעג איך קומען צו דיר, אום אויף דיין טרייען הערץ
צו וויינען און מיך צו דערקוויקן.

זיי זיינען טאַקע ווייט פון פעטס „טיעביאַ ליוביט׳, לאַסקאַט׳, אי פּלאַקאַט׳ נאַד טאָבאָי״ — ליבן, דיך, לאַשטשען דיך, און וויינען איבער דיר״. דאָך איז דער ווייטער קלאַנג ענלעך צו דער שורה — „אום אויף טרייען הערץ צו וויינען...״ אַזוי קלינגט אויך נעקראַסאָווס „זאַרידאַוו נאַד נעי אי נאַד סאָבאָי״ — אויפקלאַגנדיק אויף איר און אויף זיך אַליין.

אין דעם נעקראַסאָוו־טאָן איז אויך ראָמס ליד „איך בין צו מיד״

(ז׳ 46). און אַ פרייע איבערזעצונג איז ראָמס ליד „די הייליקע טרער״, געדרוקט אין „אַרבייטער־צייטונג״, דעם 31סטן אָקטאָבער, 1894; אין בוך — ז׳ 40. דאָס איז איבערגעזעצט פון נעקראַסאָווס באַרימט ליד „ווגימאַיאַ אוזשאַסאַם וואָיני״ — צוהערנדיק זיך צו די גרוילן פון מלחמה.

דער פּאָעטישער פּעלעטאָן — דאָ ליגט היינעס איינפלוס. די ליריק פון רעזיגנאַציע און טרויער, געפאַלנקייט און מרה שחורה — דאָ הערן זיך די טענער פון רוסישע טרויעריקע לידער. זיי זיינען דעמאָלט געווען באַקאַנט יעדן רוסישן און רוסיפיצירטן אינטעליגענט. אויך ראָם איז געווען מיט זיי אָנגעזעטיקט.

ליבע און שמערץ

„ליבע און שמערץ״ — ביי ראָמען איז עס געווען ניט נאָר אַ פּאָעטישער אויסדרוק, נאָר די הויפּט־טעמע פון אַ סך לידער זיינע. „ליבע און שמערץ״ איז נאָך זיין מיינונג נאָך, דער סוד פון שאַפן. דאָס איז דער סוד, וואָס זייער „זיסער קלאַנג מאַכט ציטערן דיין הערץ״.

און לידער זיינען דאָ — דו קענסט זיי ניט פאַרשטיין,
דאָך זייער זיסער קלאַנג מאַכט ציטערן דיין הערץ ;
געבוירן זיינען זיי אין קוואַלן (קוועלענישן) און אין ווייען
דורך דער פאַראייניקונג פון ליבע און פון שמערץ !..

אָט־דער פיינלעכער ראָמאַנטיזם איז ביי ראָמען דער אינהאַלט פון לעבן. ער איז צווישן די ערשטע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן גע־שריבן לידער וועגן לידער. ליד איז חלום, ליד איז קראַנק געמיט, ליד איז ליבע און קראַנקע נאַכט, ליד איז דעם „גייסטס עשאַפאָט און טראָן״.

איך קען אַ שמערץ : גראָד ווי אַ יונגנטליד
ווערט עס פון צופאַל אין הער ברוסט געבאָרן.
באַלד פלאַגט ער, ווי אַ קראַנקייט דאָס געמיט,
באַלד ווערט ער, ווי אַ חלום שנעל פאַרלאָרן.

איך קען אַ ליד: גראָד ווי אַ יונגנט־שמערץ
קלינגט צערטלעך אָפּט, און אָפּט איז שאַרף זיין טאָן.
דאָס ליד — עס איז די נאַרונג פאַר דעם הערץ,
דעם לעבנס גייסט, דעם גייסטס שאַפּאַט און טראָן

(„קברים און לידער", ז. 7)

זיין געליבטע איז די מוזע. און זיין יעדער ליבע־געשטאַלט ווערט פאַרוואַנדלט אין דער מוזע. עפּעס קרענקלעכס ליגט אין בענקען נאָך דער מוזעס „גיפטיקן געטראַנק". און ער טרינקט דעם דאָזיקן געטראַנק „מיט פריידן". און אָט־דער סם מילדערט זיינע האַרץ־יסורים. צו די לידער וועגן לידער קען מען צורעכענען אויך דאָס ליד

צו מיין מוזע

ביים העלן טאָג און אין דער שפּעטער נאַכט,
ווי אָפט פלעגסטו, אָ מוזע! צו מיר קומען...
רק טרויעריק, פאַרביטערט און פאַרשמאַכט,
דיין קאָפּ באַפּוצט מיט אָפּגעלעבטע בלומען.

די שטימע שוואַך, דאָס האַרץ געבראָכן, קראַנק,
דיין העלער גייסט אין ליידן טיף פאַרזונקען,
פלעגסט ברענגען מיר אַ גיפטיקן געטראַנק
און איך האָב אים מיט פרייד געטרונקען.

בלייב נאָך ביי מיר! אָ! שענק מיר דיינע לידער!
ווי ליינדערן מיר די קוואַלן (קוועלעניש) פון מיין הערץ:
געליבטע מיין! אָ! קום דאָך צו מיר ווידער
און זינג מיר היילנדיק דיין ליד פון שמערץ!..

דאָס פאַרוואַנדלען מוזע אין ליבע־געשטאַלטען, און פאַרקערט, ווירקט ווי זעאונגען, ווי חלומות. דער שטילער ריטם איז ראָמאַנטיש. אָפטמאָל קומען אומדערוואַרטע בילדער און פּאָעטישע זאַצן:

באַרוישט איז מיין גייסט פון דעם בלייכן, דעם קראַנקן
משוגענעם רייץ פון דער גרינלעכער נאַכט..." (ז' 19)

און אַט שפּראָצן בלומען פון איר מויל — ממש אַן עקספּרעסיאָ־ניסטישער גראָטעסק:

די בלומען, וואָס האָבן געבליט,
געשפּראָצט פון דיין גייסט, פון דיין מוגד,
מיט שטראַלן פון ליבע באַלייכט,
מיט טרערן פון קומער באַפייכט

("גיין! זאָגט מיין האַרץ", ז. 20)

דאָס האַרץ וועט אימער גוט באַגרייפן,
וואָס קומט פאַר טונקל דעם פאַרשטאַנד!

(צו מאַדאַם אַטיליע ב... ז. 35)

דער רעגן וויינט מיט שווערע טרערן...
די נאַכט איז פינצטער, די נאַכט איז קאַלט;
דאָך העל ווי דער טאָג און קלאָר ווי אַ שטערן
לייכט מיר אַנטקעגן דיין צאַרטע געשטאַלט

("נאָר דו אַליין" ז. 35)

##ליידן און טויט

טויט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביי ראָמאַנטיקער. אַנט־רינען פוןווירקלעכקייט איז געווען זייער טרוים. דאָס איז אויך געווען פאַר זיי אַ מוז. די ווירקלעכע וועלט איז געווען פאַר זיי צו קאָמפּלי־צירט און — צו מיאוס. האָבן זיי געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָדער איינגאַנצן לעבן, אין אַ פאַרטראַגענער וועלט. אַזוי איז עס אויך פאַר־געקומען מיט מאַטוועי ראָמען. אָפט הערט מען ביי אים ווערטער וועגן געפינען רו, טרייסט. דער טויט איז ביי אים דער גרויסער סך־הכל, וואָס וועט ברענגען דעם סוף צו אַלע זיינע יסורים. „דער טויט איז דער פרידן, וואָס מיר האָט געפעלט, / נאָך וועלכן מיין

האַרץ האָט געבענקט". דער טויט איז דער גרויסער דערלייזער פון אַלץ — "באַלד — און דו האָסט אַלץ פאַרגעסן ; / באַלד — און אַלץ האָט דיך פאַרגעסן".

ווי ביי אַ סך ראָמאַנטיקער איז אויך ביי ראָמען די ווירקלעכקייט בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. דאָס לעבן גופא איז פאַר־גענגלעך. ניט נאָר דאָס, וואָס לעבט, נאָר דאָס לעבן אַליין איז ניט דער אמת. דער אמת איז — דער טויט. דער טויט איז אייביק. פאַר דעם עגאָצענטריקער איז דאָס אַ דערלייזונג. דאָס איז דאָס לעצטע און דאָס איינציקע, וואָס ער קען אָננעמען. דאָס פירט צו יענער רעזיגנאַציע, וואָס האָט זיך קלאָר געהערט, מיט יאָרן שפּעטער, ביי טייל אונדזערע "יונגע". קיין נייער מאָטיוו איז עס אפשר ניט געווען אַפילו אין די 90ער יאָרן אין אַמעריקע. אָבער דאָס, וואָס דער דאָזיקער מאָטיוו איז ביי איינעם געווען פון די צענטראַלע מאָטיוון — דאָס איז געווען ממש אויסנאַמלעך. און די דאָזיקע טענער הערט מען ביי ראָמען זייער אָפט :

זע ווי די ביימער

זע, ווי די ביימער די נאַקעטע פרירן,
הער נאָר דעם שטורעמס געקרעכץ און געוויין...
לאָז דיך ניט מער פון חלומות פאַרפירן —
צייט איז שוין רוען צו גיין !

שטיל צווישן וואָלקנס אין הימל דעם שוואַרצן
שווימט די לבנה.... ווי קאַלט איז איר שיין !
לאַנגזאַם פאַרשטומען די לידער אין האַרצן —
צייט איז שוין רוען צו גיין !

באַלד קומט דער ווינטער ; זיין הויך וועט פאַרטרייבן
אַלץ, וואָס האָט ביז איצט דיין האַרץ דערפרייט...
אַלץ מוז פאַרבליען, פאַרשווינדן... פאַרבלייבן
קען נאָר דער אמת : — דער טויט!

די רעזיגנאַציע איז אָבער ביי ראָמען געווען אַ פועל־יוצא פון פערזענלעכע איבערלעבונגען. טראַכטן וועגן טויט ווי וועגן אַן אמת,

ווי אַן איינציקן אמת — דאָס איז געווען פאַר אים אַ מוז. דאָס איז געווען פאַר אים אַ צייטווייליקע אָפּרו, אַן אָפּכאַפּן דעם אָטעם. טויט איז דער העכסטער אמת, אָבער כוח צו שטאַרבן — דאָס האָט דער פּאָעט ניט געהאַט, און דאָס האָט אים געפּייניקט. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין כוח צו לעבן. ווי הילפלאָז עס קלינגט די שורה — „אַנשטאָט צו קעמפן, וויין איך ווי אַ קינד". דאָס איז אַלץ איין קאָמפּלעקס — וויינען ווי אַ קינד, מוטער, ליבע, לידער, טויט. און טראַגיש ווערט דער קאָמפּלעקס ביי אַן עלטערן דיכטער. דאָס איינציקע, וואָס מאַכט ווערטפול אַזאַ קאָמפּלעקס, איז — באַגרייפן דאָס אַלץ.

איך בין צו מיד!...

איך בין צו מיד... דאָס לעבן האָט מיך צו פרי פאַרצערט!
דאָס האַרץ — ווי קאַלט, ווי ליידיק און פאַרבליט!
מיין פייער איז פאַרלאָשן, מיין קראַפט איז לאַנג צעשטערט,
און אונטערגעבן מיך — װיל איך נאָך ניט.

עס ווערט אין ווילדן קאַמף אַ ים פון בלוט פאַרגאָסן,
דאָס לעבן קאָכט און רייסט אין שטורעמווינט, —
און איך בין שטום דערביי און שטיי דאָ אומאַנטשלאָסן...
אַנשטאָט צו קעמפן, וויין איך ווי אַ קינד.

האָב איך אַ צוקונפט נאָך? האָב איך צו וואָס צו שטרעבן?
און מיין פאַרגאַנגענהייט? צו שווער, צו שוואַרץ...
צו ווייניק ראַכע איז אין מיר פאַראַן צום לעבן;
צו שטאַרבן — זאָג, וואו איז דיין מוט, מיין האַרץ?...

און ניט קיין פראַזעס זיינען עס געווען ביי ראָמען. דער אומגליקלעכער, צעליטענער און אויסגעוואָרצלטער האָט ניט געקענט אויפנעמען דעם טויט סטאָאיש. ער האָט אויך דאָס לעבן ניט געקענט אויפנעמען. און עס שטייען פאַר אונדז שטענדיק אויף פּסיכאָגראַפישע סימנים: די ענערגישע מוטער, דאָס הילפלאָזע קינד, וואָס מוז זיין צעשיידט מיטן מקור פון זיין זיכערקייט, און דער פיזיש־אומגליקלעכער. אין ליד האָט זיך דאָס אַלץ פאַרוואַנדלט אין ריין־פּערזענלעכע, אין עגאָצענטרישע מאָטיוון.

אין אַ סאָציאַלער ראָם

אונדז איז ניט באַקאַנט צי מאַטוועי ראָם האָט געמוזט פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט. אַלע פּאָעטן אין די 90ער יאָרן אין אַמעריקע זיינען דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום אין דער שוויץ־פאַבריק און אין דער פּעדלעריי־פּרנסה. די שמועות וועגן מאַטוועי ראָמען לאָזן אונדז וויסן עפּעס אַנדערש. זיין מוטער האָט אים געוואָלט האַלטן וואָס ווייטער פון זיך. ער אַליין האָט זיך שטענדיק געוואָרפן צווישן די געפילן פון ליבע און האַס צו איר און דער אַרומיקער וועלט. איז אָט איז ער אין מאָסקווע, אָט — אין לאָנדאָן. אין ניו־יאָרק האָט ער געלעבט יאָרן נאָכאַנאַנד. און אין אַלע זיינע וואַנדערונגען און נע־ווענדן האָט אים זיין מוטער אויסגעהאַלטן. צי דאָס איז זיכער אַזוי, דאָס איז געווי ניט באַקאַנט. אַלע שמועות פירן אָבער צו אַזאַ אויספיר. אויך די לאָגיק פון די אומשטענדן פירן דערצו. איז מעגלעך, אַז ער האָט גאָרניט דורכגעלעבט דעם טראַגישן ווילקיר פון דער דע־מאָלטיקער שוויץ־פאַבריק מיט אירע אַלע פּלאָגן — הונגער־לוין, לאַנגע שעהען, קראַנקייטן, אַרבעטסלאָזיקייט. ער האָט אויך ניט דורכגעלעבט דאָס שווערע, אומגליקלעכע לעבן פון פּעדלעריי. אין זיינע לידער איז טאַקע ניטאָ קיין סימן פון אַזעלכע דערפאַרונגען. דער חידוש איז גרויס דערמיט, וואָס דער גאַנצער ליטעראַרישער קלימאַט פון דער ראַדי־קאַלער אינטעליגענץ איז געווען דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלן באַ־וואוסטזיין, מיט אוטיליטאַרישע התחייבותן צום פאָלק. מאַטוועי ראָם איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין זיך, אַז ער האָט גאָרניט געזען אַרום זיך, אין אַ צייט, ווען דאָס גאַנצע לעבן פון זיין סביבה איז געשטאַנען אַנט־פּלעקט אין זיין פולער טראַגישקייט. און אויב ער האָט יאָ עפּעס געזען אויסער זיך, איז עס געווען — פון דרויסן. ניו־יאָרק האָט ער געזען ווי פון אַ פענצטער. דעם אַרבעטער, דעם געפּאַלענעם, אָדער דעם קעמפנדיקן האָט ער ניט באַמערקט. אַזוי אויך דעם קרעמער, דעם פּעדלער. אַלץ, וואָס ער האָט געזען איז דעם ראָמאַנטישן סימבאָל פון אַ געפאַלן לעבן. איין ליד איז ביי אים פאַראַן, וואָס איז סאָציאַל. אָבער אין אָנגעזיכט פון דער דעמאָלטיקער ניו־יאָרקערווירקלעכקייט איז עס אַ זייטיקער שטריך, אַ צופעליקער ראָמאַנטישער אַקסעסואַר. דאָס ליד הייסט:

דער אָרגלמאַן

ווי אָפט, ווען מיר איז טרויעריק צו מוט,
ווען ס'קאָכט אין האַרץ דאָס קראַנקע בלוט, —
געוויינלעך קומט צום פענצטער דאַן
מיין אַלטער פריינד, דער אָרגלמאַן.
עס מעג זיך לאַכן ווער עס וויל,
איך האָב פאַרן מאַן אַ גרויס געפיל:
איך פאַרגעס די שמערצן, וואָס מיך באַלאַסטן,
ווען איך הער די טענער פון אָרגל־קאַסטן.
דאָך ניט זיין מוזיק דערלייכטערט מיין זין,
גאַנץ אַנדערע פריידן געפין איך דאַרין.
דער אָרגלמאַן פאַרדינט מיין דאַנק,
ווייל ער לערנט די קינדער, וואָס ס'הייסט געזאַנג,
באַטראַכט וויפל לעבן, וויפל געריידער
עס ברענגט דער מאַן מיט זיינע לידער!
די פריילעכע לידלעך רופן אַרויס
די אָרעמע קינדער פון טענעמענס הויז;
הונגער און קעלט און קינדערשער שמערץ —
ס'איז אַלעס פאַרגעסן, מיט פריילעכע הערץ,
די פנימלעך בלאַס, די אויגלעך פול גלאַנץ,
זיי זינגען, זיי שפּרינגען אין לוסטיקן טאַנץ!
יאָ, דיזער מאַן ברענגט מיט זיך מיט
אמתע פריידן אין די אָרעמע סטריט:
און ווען ניט ער, וואָלט איך קוים געגלויבט,
דאָס עס גיט נאָך קינדער איבערהויפּט!

דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין דער „אַרבייטער־צייטונג“, דעם 27סטן מערץ, 1898, ווי אויך אין דעם חודש־זשורנאַל „דער נייער גייסט“, מאַי, 1898. אין בוך איז דאָס ליד דערשינען מיט עטלעכע אויסגעבעסערטע ווערטער: שטאָט „דאָך ניט זיין מוזיק דערלייכטערט מיין זין“ שטייט „דאָך ניט זיין געקלימפּער דערלייכטערט מיין זין“; שטאָט דער אָרגלמאַן ברענגט „אמתע פריידן אין די (דער) אָרעמע(ר) סטריט“ שטייט — „אָרעמע פריידן...“

מער קיין רעאַליסטישע אָדער האַלב־רעאַליסטישע סאָציאַלע לידער, וואָס געהערן צו ראַמס פען, זיינען אונדז ניט באַקאַנט. פאַראַן, אָבער, ביי אים נאָר צוויי לידער, וואָס געהערן שוין אינגאַנצן צו סאָציאַלער ראָמאַנטיק. דערמיט איז געווען דורכגעדרונגען די גאַנצע רוסיש־רעדנדיקע יידישע אינטעליגענץ אין די 90ער יאָרן. איינס אַזאַ ליד הייסט ביי אים „אָ, מיין ברודער!...".

אָ, מיין ברודער, מיין פריינד! לאָז ניט זינקען דעם מוט,
שטיי טריי ביי דער הייליקער פאָן;
ניט אייביק וועט זעצן און זויגן דאָס בלוט
דאָס גאָלדענע קאַלב אויפן טראָן.
ניט אייביק וועט דריקן דעם שוואַכן די מאַכט
פון קנעכטשאַפט, פון צוואַנג און פון געלט —
עס וועט קומען דער טאָג — דאַן וועט שווינדן די נאַכט,
דאַן קומט ליבע צוריק אין די (דער) וועלט!

דאָס ליד האָט נאָך צוויי סטראָפן. אין דעם ריטם, גייסט און געדאַנק איז עס זייער ענלעך צו נאַדסאָנס ליד „דרוג מאָי, בראַט מאָי, אוסטאַלי, סטראַדאַיושטשי בראַט" („פריינד מיין, ברודער מיין, מידער, ליידנדיקער ברודער"). פאַקטיש איז עס אַ פרייע איבערזעצונג פון נאַדסאָנס ליד.

דאָס צווייטע ליד מיטן גלאַנץ פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק איז דאָס ליד „די יוגנט קעמפט". דאָס איז מער אַן אַלגעמיין ליד. פאַראַן דאָרטן ווערטער ווי „אידעאַל", „בראַנד", „קעמפן" און „שטרעבן". אָבער אַזעלכע אויסדרוקן „און (די יוגנט) יאָגט זיך נאָך דעם לעבנס־גליק" פאַרוואַנדלט דאָס ליד פון אַ סאָציאַל אין אַ מער אַלגעמיין, שיר ניט, פערזענלעך ליד. דער דאָזיקער איינדרוק ווערט שטאַרקער מחמת דעם טאָן פון ליד — אַ טאָן פון געפאַלנקייט:

די יוגנט קעמפט און שטרעבט אָן אויפהער
און יאָגט זיך נאָך דעם לעבנס גליק;
זי מוז פאַרגליען. נאָך דער שרפה
בלייבט קאַלטע אַש אין האַרץ צוריק.

דאָך די נשמה זוכט צו רעטן
פון איר צעשטערטן אידעאַל,
וואָס מעגלעך איז: אַ בלאַסן חלום,
אַן אַלטן וואונטש, פאַרשטיקטע קוואַל (קוועלעניש)...

עס האָט דער ווילדער יוגנט־פייער
פאַרברענט, פאַרניכטעט יעדן סליאַד
און נאָך דעם בראַנד איז מער נישט פאַרבליבן
ווי שוואַרצער רויך און שווערער טשאַד!

טריי בלייבט דערינערונג דעם קבר
פון אידעאַל און היט אים גוט, —
אַזוי ווי קינדער דעם בית עולם
אויף וועלכן זייער מוטער רוט...

פאַרלויפער פון די „יונגע"

ניט געקוקט אויף מאַטוועי ראַמס עטלעכע סאָציאַלע און רעוואָ־לוציאָנערע טענער, איז דער תוך פון זיין פּאָעזיע — דאָס פּערזענלעכע ליד. די אַלגעמיינע שטימונג פון זיין תקופה האָט אים זיכער אָנגע־רירט. די סאָציאַלע שטימונג ווערט ביי אים, על־פּי־רוב, פאַרוואַנדלט אין פערזענלעכע איבערלעבונגען. ער איז צענטרירט אין זיך צו אַזאַ מדרגה, אַז ער זעט בלויז דאָס, וואָס איז נוגע אים אַליין.

אין זיין תקופה האָט יעדער רוסיש־רעדנדיקער יידישער אינ־טעליגענט ניט איינמאָל געפּילט אויף זיך דאָס ליכט פון נעקראַסאָוון, נאַדסאָנען, פּאַלאָנסקין, פעטן. איז ביי פּאַלאָנסקין און פעטן האָבן זיי געקענט נעמען די צאַרטע לירישע איבערלעבונגען, די פיינע מעלאָדיע און רירנדיקע נאַטור־בילדער. ביי פעטן — נאָך מער: דינעם סימ־באָליזם און קוים־אָנכאַפּנדיקע נשמה־שאַטירונגען. און זיי האָבן דאָס טאַקע גענומען. דער דאָזיקער אָטעם פילט זיך אין מאַטוועי ראַמס לירישע שורות.

ביי נעקראַסאָוון און ביי נאַדסאָנען, באַזונדערס ביי נעקראַסאָוון, האָט ער געקענט געפינען אַ שלל סאָציאַלע מאָטיוון, אַ סאָציאַלע קינסטלערישע פּסיכיק, דאָס סאָציאַלע בילד און לעקסיק. אָבער גע־

נומען האָט ער בלויז יענע טענער, וואָס לאָזן זיך אָנווענדן אויף זיך אַליין. אַן אויסנאַם איז דאָס שוין־דערמאָנטע נאַדסאָנס „דרוג מאָי, בראַט מאָי". נעקראַסאָווס „וונימאַיאַ אוזשאַסאַם וואָיני" (הערנדיק די גרוילן פון מלחמה) איז אַ סאָציאַל ליד. דער פּאָעט באַדויערט ניט אַזוי שטאַרק דעם געפאַלענעם העלד, דעם פריינד, די פרוי. ער באַדויערט בלויז — די מוטער. זי וועט ביזן קבר ניט פאַרגעסן. „צווישן אונדזערע צביעותדיקע מעשים / און יעדער געמיינקייט און פּראָזע (וואָכעדיקייט), האָב איך אַליין געזען אין דער וועלט / הייליקע, אויפריכטיקע טרערן — / דאָס זיינען טרערן פון אומגליקלעכע מוטערס". ביי ראָמען הייסט דאָס ליד „דער הייליקער טרער", געדרוקט אין דער „אַרבייטער־צייטונג", דעם 31סטן אָקטאָבער, 1894. ביי ראָמען איז דאָס ניט בלויז אַ סאָציאַל ליד. ביי אים איז עס אַ ליד, וואָס איז טיף פאַרבונדן מיט זיין מוטער־קאָמפּלעקס. ביי אים איז דאָס אויך אַן איך־ליד.

זייער באַלערנדיק איז אַן עפּיגראַף, וואָס ראָם האָט געניצט פאַר זיין ליד „איך בין צו מיד", ציטירט אין קאַפּיטל „ליידן און טויט". דער עפּיגראַף געהערט צו נעקראַסאָוון. נעקראַסאָוו האָט די דאָזיקע שורות געשריבן אין יאָר פון זיין טויט (1877), אינעם ליד „פּאָעטן" (צום פּאָעט):

И жизнь кипит над грудами развалин,
Исполнена корыстного труда,
А я стою бездействен и печален
И медленно сгораю от стыда.

(און דאָס לעבן קאָכט איבער די הרוגעס חורבות, פול מיט רווחדיקער פּראַצע, און איך שטיי, טו גאָרניט, בין פאַרטרויערט, און לאַנגזאַם ברען איך פאַר חרפּה).

דאָס באַפרייען די פּויערים אין 1861, האָט ווייניק־וואָס פאַרבעסערט זייער פינצטערע לאַגע. דאָס לאַנד האָט מען דעם פּויער ניט געגעבן, נאָר דעם „מיר", כדי באַצאָלן די פּריצים פאַר די אָפּגענומענע שטחים לאַנד. האָט די רעגירונג אַרויפגעלייגט גרויסע שטייערן אויף די פּויערים, כדי צו קענען צאָלן די פּריצים. די לאָקאַלע רעגירונגען, די „זעמסטוואָס" זיינען געלעגן אין די הענט פון פאַרקויפטע ביוראָקראַטן און פּריצים. דאָס אונטערדריקן דעם פּוילישע אויפשטאַנד אין

1863 האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די רעאַקציע. און וואָס פאַרצווייפל־טער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געוואָרן, אַלץ גרויזאַמער איז געוואָרן די רעאַקציע. פון אַלע רעפאָרם־חלומות זיינען געוואָרן ממש חורבות. שרייבט דער טויט־קראַנקער נעקראַסאָוו — „דאָס לעבן קאָכט אויף די הרודעס פון די חורבות". ער אָבער איז צוגעשמידט צום בעט. ער קען מיט גאָרניט העלפן אין דעם גרויזאַמען קאַמף — „און איך שטיי אַן האַרץ און טרויעריק / און כ'ווער לאַנגזאַם פאַר־ברענט פון בושה". ווי מיר זעען, איז דאָס אינגאַנצן אָנגעזעטיקט מיט טיפן סאָציאַלן מיין. נאָך קלערער ווערט דער עפּיגראַף ווען מען לייענט די דאָזיקע שורות אין דער לעצטער רעדאַקציע:

Любовь и труд — под грудами развалин!
Куда ни глянь — предательство, вражда,
А ты молчишь — бездействен и печален,
И медленно сгораешь со стыда.

(ליבע און פראַצע — אונטער חרובע חורבות! / וואוהין דו בליקסט — פאַר־רעטעריי און שנאה, / און דו שוויגסט — טוסט גאָרניט. און פאַרטרויערט, / און לאַנגזאַם פון חרפה ווערסט פאַרברענט).

ביי מאַטוועי ראָמען איז די דאָזיקע סאָציאַלע אָנגעזעטיקטקייט ניטאָ. ביי אים איז דאָס ליד ניט מער ווי אַן אויסדרוק פון ריין־פּער־זענלעכע שטימונגען, ניט געקוקט אויף אַלגעמיינע אויסדרוקן: „האָב איך אַ צוקונפט נאָך? האָב איך צו וואָס צו שטרעבן? / און מיין פאַרגאַנגענהייט? צו שווער, צו שוואַרץ . . ./ צו ווייניק ראַכע איז אין מיר פאַראַן צום לעבן; צו שטאַרבן — זאָג, וואו איז דיין מוט, מיין האַרץ? . . ."

איז ניט קיין וואונדער, וואָס טייל לידער זיינע קלינגען ווי זיי וואָלטן געווען געשריבן פון אַ גרויסן טייל שפּעטערדיקע „יונגע". זיי זיינען אפשר ניט אינגאַנצן ענלעך אין עסטעטישן אויספיר, אָבער די שטימונג איז די זעלביקע:

די נאַכט ווי שטיל, דער וועג ווי לער;
ווי גרוי דער הימל, די וואָלקן ווי שווער;
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
ווי מיד, ווי מיד מיין טרויעריקער גאַנג,
און דער וועג וואָס איך גיי — ווי לאַנג, ווי לאַנג! . . .

די זעלביקע שטימונג הערן מיר אַרויס פון די שורות:

דער רעגן וויינט מיט שווערע טרערן...
די נאַכט איז פינצטער, די נאַכט איז קאַלט;
דאָך העל ווי דער טאָג און קלאָר ווי אַ שטערן
לייכט מיר אַנטקעגן דיין צאַרט געשטאַלט

(„גאָר דו אַליין!...")

זעסטו דיין אייגענעם שאָטן דאָרט וויכן
שטיל פון דער וואַנט —
זעסטו דעם רעגן פאַוואָליע פאַרגלייכן
דיין סליאַד פון זאַמד —
זעסטו פרימאָרגנס פון קוימען פאַרשווען
אין נישט דעם רויך:
זעסט דאַן דעם אָנפאַנג פון דיין אייגן לעבן,
דעם סוף זעסטו אויך.

מאַטוועי ראָמס שענסטע לידער זיינען טאָקע יענע, וואָס דערמאָנען אונדז אין די שפּעטערדיקע „יונגע". זיי זיינען מעלאָדיש, פול מיט שטימונג און עכט. עס פאַרשטייט זיך, פאַראַן אין זיי בולטע סימנים פון דער דעמאָלטיקער פאָעטישער לעקסיק. אָבער דאָס איז אומפאַר־מיידלעך. צו אַזעלכע לידער געהערט זיין ליד

גע ד ע נ ק ס ט ו ?

דיך האָב איך געזען ביינאַכט היינט אין טרוים
אין גלאַנץ פון אַמאָליקער פראַכט...
געדענקסטו דעם אַלטן באַוואַקסענעם בוים,
געדענקסטו נאָך די פרילינגס־נאַכט —

ווען מיר זיינען ביידע, גאַנץ ווייט פון דער וועלט,
פאַרזונקען אין ליבע און לוסט?
צוויי שטערנדלעך האָבן אין הימל־געצעלט
געהאַרצט זיך, ווי מיר, און געקושט.

דער טרוים איז פֿאַרשוואונדן. איך קוק מיך אַרום —
ווי פֿריער בין גאַנץ אַליין...
איך זע הויך אין הימל גלייכגילטיק און שטום
צוויי איינזאַמע שטערנדלעך שטיין.

זיין שענסטע ליד איז „דער טאָג שטאַרבט אָפּ". פֿאַראַן אין דעם ליד מרה שחורה, פֿאַרלאָרנקייט, שטילער, לאַנגזאַמער דראַמאַטיזם. דאָס אַלץ, אינאיינעם מיט אַ פֿאַרטיפֿטער פֿאַרצווייפֿלונג און דינער האָפֿענונג, הייבט אויף דאָס ליד צו סימבאָליזם. און דאָס איז אַ זעלטנ־קייט אין די 90ער יאָרן, מיטן אויסנאַם פֿון עדעלשטאַטן. דאָס ליד איז זייער אַ גוט ליד אַפֿילו פֿאַרן געשמאַק פֿון אַ היינטצייטיקן לייענער:

דער טאָג שטאַרבט אָפּ...

דער טאָג שטאַרבט אָפּ, נאָר ווילדע שאָטנס שוועבן...
פֿאַרביטערט ראַנגלט זיך נאָך נאַכט מיט ליכט...
איז טאָג, איז נאַכט, איז טויט, איז לעבן —
איך ווייס עס ניט!

די וועלט ליגט שוואַרץ און קאַלט פֿאַר מיינע אויגן,
איך זינק!.. דער צווייפֿל — ער דערשטיקט מיך שיר...
האָב איך מיך ניט צום ליכט אַרויסגעצויגן —
פֿאַרצייַט עס מיר!

ניין! גימאָלס האָט דאָס גליק מיין שוועל באַטרעטן,
דאָס העלע גליק, וואָס פֿירט גאַנץ הויך צום ליכט!
עס האָט געלאַכט, ווען איך האָב'ס אַנגעבעטן —
מיר איין געזיכט!...

איך פֿלאָג מיך אָפּ די שאָטנס צו פֿאַריאָגן
פֿון זאָרגן, קומער און פֿון פֿינצטער נויט,
דען שווערער איז די ליידן צו פֿאַרטראָגן,
ווי נאַכט און טויט!

מיר שיינט אָפּטמאָל, דאָס עס וויל ענדלעך טאָגן,
און דאָס די זון מיר פריינדלעך ווינקט און לאַכט . . .
דער טאָג שטאַרבט אָפּ . . . וואָס קומט, קען איך ניט זאָגן:
ליכט אָדער נאַכט . . .

ביי יצחק זעילינען זעט מען דעם איבערגאַנג פון סאָציאַלע אין פּערזענלעכע מאָטיוון, שוין אין די 90ער יאָרן. אין דער צווייטער העלפט פון די 90ער יאָרן הערן מיר שוין קלאָר יוסף יפהס פּערזענלעכע לידער. אָבער אויך יוסף יפה האָט געצאָלט צינז — דעם סאָציאַלן ליד, אויך דעם פאָלקסטימלעכן טאָן. מאָטוועי ראָם איז געווען דער בולטסטער פּאַרלויפער פון די „יונגע". עס איז אמת, ער איז ניט געקומען דערצו אינגאַנצן ווי אַ פּראָדוקט פון זיין תקופה, ווי אַ לאַנגישער טראַט אין דער אויסוויקלונג פון פּערזענלעכן מאָטיוו אין דער מענטאַליטעט פון סאָציאַלער פּאָעזיע. ער איז געקומען צו זיין פּערזענלעכן מאָטיוו פון ריין־פּערזענלעכע סיבות: פּערזענלעכער אומגליק, רייכע און אומגליקלעכע דערציאונג, נע ונעד־לעבן, הייסער טעמפּעראַמענט און מרה שחורה־צוגאַנג צום לעבן, געפאַלנקייט אָן האָפענונג און אָן אויסגאַנג.

אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע פאַרנעמט ער אַ פּלאַץ, אַ באַשטימט אָרט, אַ רינג אין דער פיינער קייט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די 90ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

א. ל. וואָלפסאָן



1946 — 1867

א. ל. וואָלפּסאָן

שמעון פּרוגס ליד

אפרים־לייב וואָלפּסאָן איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1888. אַכט יאָר שפּעטער האָבן זיך זיינע לידער באַוויזן אין דער ראַדיקאַלער פּרעסע. דעם פּאָעטישן אימפּולס האָט ער אָבער דערפילט נאָך פריער, בעת ער האָט געלעבט אין ריגע. דער דאָזיקער פּאָעטישער אָנהייב וויזט אונדז דעם קולטור־קלימאַט, וואָס אין אים זיינען אויפגעקומען טייל יידישע פּאָעטן.

איינמאָל איז וואָלפּסאָנען אַריינגעפאַלן אין האַנט אַ יידישע צייטונג. ער איז דעמלט אַלט געווען אַן ערך 19 יאָר. אין דער דאָזיקער צייטונג האָט ער דורכגעלייענט אַ ליד. דאָס ליד האָט אים איבערראַשט און ממש צענומען. אַזאַ זאַך האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געלייענט. ער האָט פריער קיינמאָל ניט דורכגעלעבט אַזאַ מערקווירדיק געפיל. נאָכן איבערלייענען דאָס ליד עטלעכע מאָל, האָט ער באַמערקט דעם נאָמען פּרוג. האָט ער פאַרשטאַנען: דער מענטש, וואָס האָט געשריבן דאָס ליד, הייסט — פּרוג. אין דעם ליד באַקלאָגט פּרוג דעם גורל פון יידישן פאָלק. צערודערט פון דעם ליד קען דער יונגער וואָלפּסאָן ניט באַגרייפן, וואָס דאָ קומט פאָר. שפּעטער כאַפּט אים אַרום אַ געפיל: ער מוז טרייסטן דעם אומגליקלעכן פּרוגן. שרייבט ער פּרוגן אַ טרייסט־ליד. ווי אַזוי דאָס ליד זאָל אָנקומען פּרוגן — דאָס ווייס ער ניט. דאָס געהערט צום מיסטעריעזן, צום פאַנטאַסטישן גאַנג אין לעבן. דיכטער זאָלן ווייזן עמיצן זייערע לידער — דאָס איז אים ניט איינגעפאַלן. שיקן זיי ערגעץ — וועגן דעם איז אָפּגערעדט. ער האָט זיך דעם ענין פאַרגעשטעלט אויף אַ מאָדנעם אופן. ש. פּרוג האָט דאָך געשריבן דאָס ליד פאַר זיך אַליין. אין דרוק איז עס אַריינגעפאַלן דורך אַ צופאַל. אָט־דעם צופאַל האָט ער, וואָלפּסאָן, זיך ניט געקענט דערקלערן. אפשר האָט פּרוג פאַרלוירן דאָס ליד. מענטשן האָבן עס געפונען און עס אָפּגעדרוקט. דער ענין האָט וואָלפּסאָנען שטאַרק געמאַטערט. אָבער אַלץ האָט זיך געענדיקט בכי טוב. וואָלפּסאָן האָט פאַרלאָרן זיין ליד צו פּרוגן. קיינער האָט עס, קאָנ־

טיק, ניט געפונען. דאָס ליד איז קיינמאָל ניט געווען געדרוקט. און אַליין האָט ער אָנגעהויבן פאַרגעסן וועגן דער גאַנצער זאַך. און טאָמער איז עס ווידער אַרויפגעשוואומען אין זיין זכרון, איז עס נאָך אַלץ געווען פאַר אים אַ רעטעניש.

אין אַמעריקע זיינען וואָלפסאָנען טאָג־טעגלעך געקומען יידישע צייטונגען אונטער דער האַנט. ער האָט גענומען לייענען זשורנאַלן. אויף מיטינגען האָט ער מיט די אייגענע אויגן געזען יידישע שרייבער. ער האָט זיי געהערט ריידן. מיט זיינע באַקאַנטע האָט ער שוין געפירט גאַנצע וויכוחים מכוח שרייבער. און דעם סוד אַרום דעם פרוג־ליד, וואָס ער האָט נאָך געלייענט אין ריגע, איז פאַר אים געוואָרן אויס סוד. אין אַמע־ריקע האָט שוין וואָלפסאָן געוואוסט, וואָס מ׳דאַרף טאָן מיט אַן אָנגע־שריבן ליד. און געשריבן האָט ער אַ סך. צווישן די פּאָעטן אין דער סאָציאַלער תקופה איז ער געווען דער פּראָדוקטיווסטער פּאָעט. ער האָט אָפּגעדרוקט אין זיין לעבן לערך צוויי טויזנט לידער. צווישן די סאָ־ציאַלע פּאָעטן האָט ער געהערט צו די וויניקע, וואָס האָבן געשריבן ביז דער טיפער עלטער.

ער האָט אויך, מער ווי די אַנדערע סאָציאַלע פּאָעטן, דערגרייכט פּערפעקטע פאָרם. זיין שפּראַך איז געווען ריין, קלאָר און רייך, ניט געקוקט אויפן דייטשמערישן ביי־טעם אין זיינע ערשטע לידער.

פּרטים וועגן זיין לעבן

אפרים־לייב וואָלפסאָן איז געבאָרן געוואָרן אין ריגע, דעם 16טן יאַנואַר, 1867, ביי עלטערן פּראָלעטאַריער. געוואוינט האָבן זיינע על־טערן אין ריגע אויף דער גרויסער גאַס, אויף דער גרויסער מאָסקווער גאַס (מאָסקאָווסקאַיאַ אוליצאַ). זיין פאָטער, שמואל בן אליהו און זיין מוטער באַסיע נעזיקין האָבן געשטאַמט פון אַלט־זאַגאַר (זאַגאַרא), קאָוו־נער גובערניע. ריגע איז געווען אַ פּאָרט־שטאָט. און יידן האָבן געפונען באַשעפטיקונגען אַרום דעם פּאָרט. דעם דיכטערס פאָטער האָט זיך מפרנס געווען פון פּראָלעטאַרישער אַרבעט. ער האָט געמאַכט דיקע שטריק פאַר שיפן. קיין גרויסע גליקן האָט ער דערפון ניט געהאַט, אָבער ר׳ שמואל האָט געפירט שטאָט. צו פינף יאָר האָט ער געשיקט דעם קליינעם עפרויקע, אפרים־לייבן, אין חדר. עפרויקע לערנט דאָרטן

ביז זיין בר־מצווה. נאָך בר־מצווה דאַרף ער שוין ווערן אַ זעלבסט־שטענדיקער מענטש. און ער ווערט טאַקע אַ „מענטש" — אַן אָנגעשטעל־טער אין אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט. ער דינט אין יענעם געשעפט ביז ער ווערט אַלט 12 יאָר.

ווי נאָר ער איז אָפּגעשטאַנען דעם פּריזיוו און איז באַפרייט גע־וואָרן, איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע האָט ער געהאַט אַ ברודער, אַ בלעכער, וואָס האָט געמאַכט אַ נישקשהדיק לעבן. ביים ברו־דער אין פילאַדעלפיע האָט ער פאַרבראַכט אַ יאָר צייט, ביז ער האָט זיך צו עפּעס צוגעשלאָגן.

זיין ערשטע אַרבעט איז געווען ביי אַ קצב. די דריי וואָכן, וואָס ער האָט געאַרבעט אין דער יאַטקע, האָט ער דאָרט פאַרדינט די גרויסע סומע פון פיר דאָלער אַ וואָך. נאָכדעם האָט ער געאַרבעט אין אַ קליידער־געשעפט. דאָס געשעפט איז געווען אין אַ קעלער. ער האָט דאָרטן גע־אַרבעט פערצן שעה אַ טאָג, ער האָט סאָרטירט קליידער. אין עטלעכע יאָר אַרום זעען מיר אים שוין ווי אַ דרוקער. דער שרייבער דוד אַפּאָטע־קער איז געקומען קיין פילאַדעלפיע, געעפנט אַ דרוקעריי און געמאַכט וואָלפסאָנען פאַר אַ שריפטזעצער. וואָלפסאָן, אַפּאָטעקער און מנחם־מענדל דאָליצקי האָבן דעמלט אַרויסגעגעבן „די געגנוואַרט" (1895 — 1898).

צו יענער צייט האָט וואָלפסאָן געדרוקט זיינע זאַכן אין „געגנוואַרט", שפּעטער אין „פילאַדעלפיער שטראַל" (1899—1906), אין „פילאַדעלפיאַ אַמעריקאַן" (1908), וואָס דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון פילאַ־דעלפיער „טאָג", דוד ב. טירקעל, האָט רעדאַקטירט.

דער שרייבער בן־ציון מיימאָן האָט אים געהאָלפן ווערן אַ פאַר־זיכערונג־אַגענט. וואָלפסאָן האָט אָפּגעאַרבעט ביי דער פּרודענשאַל קאָמפּאַניע אַרום 15 יאָר. נאָכדעם האָט ער געאַרבעט אין דער אַדמיניס־טראַציע פון מילערס „וואַרהייט", און שפּעטער איז ער געווען דער פאַר־טרעטער פון דער פילאַדעלפיער אויסגאַבע במשך אַ יאָר צייט. אויך אין „מאָרגן־זשורנאַל"־אַדמיניסטראַציע איז אים אויסגעקומען צו אַר־בעטן.

אין יאָר 1911 באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק. פון יאָר 1912 ביז אין די פערציקער יאָרן האָט ער יעדע וואָך געדרוקט זיינע לידער אין „פאָרווערטס". די צאָל לידער אין „פאָרווערטס" אַליין באַטרעפט קרוב צו 1700. אַ געוויסע צייט האָט ער געלעבט פון דרוקן לידער אין דעם

חודש־זשורנאַל פון דער „אינטערנעשאַנאַל“, וואָס איז אַרויס אונטער דזשאָן דייטשעס רעדאַקציע. זונטיק האָט ער געהאַט אַן אַנדער פּרנסה. ער פלעגט אַרויספאָרן אויף דייטשע פּיקניקס און אויפנעמען גאַסן־פאָטאָגראַפּיעס (טינטאַיפּס). אין יאָר 1913 האָט דער שריפטשטעלער ז. קאָרנבליט, דער דעמלטיקער פּרעס־אַגענט פון דעם „פּאַבליק נעשאַנאַל באַנק“, רעקאָמענדירט וואָלפסאָנען צו דזשאָוזעף ב. באַכן. באַך האָט אים אָנגעשטעלט אין באַנק, פריער ווי אַ צאָל־מייסטער. שפּעטער איז וואָלפסאָן געוואָרן דער אַרכיוו־פאַרוואַלטער. דעם דאָזיקן אַמט האָט וואָלפסאָן פאַרנומען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. געשטאָרבן איז וואָלפסאָן דעם 1טן אָקטאָבער, 1946, אין עלטער פון 79 יאָר.

די ערשטע לידער

אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן זיינען וואָלפסאָנס ערשטע לידער דערשינען אין יאָר 1896, אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד“. דאָס איז געווען די ראַדיקאַלע צייטונג, וואָס מ׳האָט אַ סך געלייענט ניט נאָר אין לאָנדאָן, נאָר אויך אין אַמעריקע. די ראַדיקאַלע באַוועגונג אין לאָנדאָן, איז געווען אין נאָענטן באַריר מיט דער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

וואָלפסאָנס „נויט ברעכט אייזן“ איז, מעגלעך, זיין ערשט געדרוקט ליד. דאָס אונטערקעפל אין ליד לאָזט אונדז וויסן: — „אויס דעם דייטשן“. אַזוי האָט מען זיך געפירט אין יענע יאָרן: מ׳האָט ניט אָנגעגעבן דעם נאָמען פון מחבר, ווען מ׳האָט איבערגעזעצט. זייער אָפט האָט מען גאָרניט איבערגעזעצט דאָס ליד, נאָר מ׳האָט גענומען די טעמע און זי „פריי איבערגעדיכטעט“. אפשר איז דאָס די סיבה פאַר־וואָס מ׳האָט ניט אָנגעגעבן דעם מחברס נאָמען.

אונטער זיינע אַלע ערשטע לידער האָט זיך וואָלפסאָן געחתמעט מיטן פּסעוודאָנים — ל. ראַבאָטניק. אין דעם פּסעוודאָנים גופא ליגט שוין דער אָנדייט אויף זיין פּראָלעטאַריש באַוואוסטזיין. „ראַבאָטניק“ איז דאָס רוסישע וואָרט פאַר „אַרבעטער“.

זיין, אפשר, ערשט ליד איז געווען געדרוקט, ווי דערמאָנט, אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד“, דעם 10טן אַפּריל, 1896. הגם דאָס ליד איז ניט אינגאַנצן אָריגינעל, שטימט דער אינהאַלט מיט וואָלפסאָנס דעמלדיק פּראָלעטאַריש געמיט. אויך דער ריטם, די לעקסיק און דער

גראַם זאָגן עדות אויף דעם שפּעטערדיקן פּאָעט פון פלינקן און שאַרפן קופּלעט. מיר גיבן איבער דאָס ליד בשלימות:

„נויט ברעכט אייזן"

(אויס דעם דייטשן)

„נויט ברעכט אייזן!" שקלאַפן־ברוט,
ליגט און שלומערט, גענעצט, רוט;
לאָזט זיך רויבן, לאָזט זיך שינדן,
לייב און זעלע לאָזט זיך בינדן,
צוליב אַ שפּריכוואָרט, „נויט ברעכט אייזן,"
צופרידן זייט מיט שקלאַפן־ברויט!
מענער אָבער זאָגן אַנדערש;
אייזן, אייזן, ברעכט די נויט.

„נויט ברעכט אייזן" — פּרובירט אַמאָל,
נעמט דעם אייזן, גרייפט צום שטאָל,
פאַר דעם מענטשנס העכסטע גיטער,
ניִדער מיט די גרענעץ־היטער!
יאָגט צום טייוול די טיראַנען,
שטרייט און ווערט זיך ביז אין טויט;
אַלעס קען אַ ווערטל אויפטאָן:
אייזן, אייזן, ברעכט די נויט!

אייזן, אייזן, ברעכט די נויט!
הילכט אַ נייע שטימע לויט.
אָרעמעס פאָלק, פון אַלע בייזן
קען דאָס אייזן דיך ערלייזן.
טרייב דעם ראָד דער צייט געשווינדער
קעמף פאַר זיך, פאַר ווייב און קינדער,
קעמף פאַר פרייהייט, קעמף פאַר ברויט,
אייזן, אייזן, ברעכט די נויט!

נאָך זיין ליד „נויט ברעכט אייזן" האָט זיך דעם 29טן מאַי, 1896, באַוויזן אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פריינד" וואָלפסאָנס ליד „פרילינגס־געדאַנקען". דאָס איז אויך אַן איבערזעצונג, דאָס מאָל פון ענגליש.

מיט אַט־דעם ליד איז פֿאַרבונדן אַ שטיקל געשיכטע. ווי אַ סך יידישע אינטעליגענטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט אויך וואָלפסאָן גע־לייענט די ענגלישע אַנאַרכיסטישע צייטונג „ליבערטי״ (פֿרייהייט). אין דעם נומער פון 7טן מערץ, 1896 האָט וואָלפסאָן דאָרטן געלייענט אַ ליד „טו דהי טאָילערס״. דאָס ליד איז געווען אַ נייס צווישן די דע־מלטיקע פֿרייהייט־מאָטיוון. דעם לידס אינהאַלט און זיינע ברייטע ריט־מען האָבן איבערגעלאָזן אויף וואָלפסאָנען אַ שטאַרקן רושם. אונטער דעם דאָזיקן רושם האָט ער איבערגעזעצט דאָס ליד און עס אַ נאָמען געגעבן „פֿרילינגס־געדאַנקען״. אין הסכם מיט די דעמלטיקע זיטן האָט וואָלפסאָנען ניט אָנגעגעבן דעם אָריגינעלן מחברס נאָמען. ער האָט זיך באַנוגנט מיטן אונטערקעפּל — „נאָכן ענגלישן.״

ווען דאָס ליד איז דערשינען האָט אים זיין חבר יוסף באָוושאָווער באַשולדיקט אין פּלאַגיאַט. דאָס ליד איז טאַקע געווען יוסף באָוושאָווערס. אָבער וואָלפסאָן האָט וועגן דעם ניט געוואוסט. אין „ליבערטי״ איז דאָס ליד געווען געדרוקט אונטערן נאָמען פון אַ נייעם ענגלישן פּאָעט — בעיזל דהאל. דאָס איז געווען באָוושאָווערס פּסעוודאָנים אין ענגליש. בעיזל דאהל, דאָס מיינט יוסף באָוושאָווער, האָט זיין ליד „טו דהי טאָי־לערס״ פֿריי איבערגעזעצט פון זיין אייגן יידיש ליד „צום פֿאָלק״. דאָס האָט וואָלפסאָן אויך ניט געוואוסט.

די צוויי לידער — „נויט ברעכט אייזן״ און „פֿרילינגס־געדאַנקען״, — זיינען געווען איבערזעצונגען. וואָלפסאָנס ערשט אָריגינעל ליד איז, קאָנטיק, „דער צייטגייסט״, געדרוקט אין לאָנדאָנער „אַרבייטער פֿריינד״, דעם 5טן יוני, 1896 :

דער צייטגייסט

עס רוישט און עס קראַכט,
דורך דער פינצטערער נאַכט,
עס ערוואַכן די מענער,
פון עלנט און נויט ;
עס ערוואַכן די שקלאַפן,
וואָס בויען און שאַפן,
וואָס שאַפן דעם רייכטום,
און האָבן קיין ברויט,

מי הערט שוין גאַנץ דייטלעך,
די פרייהייטס־סיגנאַלן,
מי זעט שוין דאָס בליצן,
פון פּאַנצער און שווערד;
דאָס פאָלק האָט ערוואַכט,
און זיין הייליקן צאָרן,
קיין גאָט אויף דעם הימל,
קיין הערשער אויף דער ערד,

עס הערן זיך שטאַרקע
און מעסטיקע טענער —
טענער וואָס גיבן,
צו מוט ענערגי;
וואָס זאָגן אין איינפאַך
פאַרשטענדלעכע ווערטער,
איך בין די פרייהייט,
איך הייס „אַנאַרכי.״

אין אַטאָמען צערשמאָלצן,
ליגן די קייטן,
צערגליט פונעם פרייהייטס
פלאַמס הייליקן שטראַל;
נישטאָ מער אַזעלכע
וואָס לאָזן זיך נייטן,
דער צייטגייסט ער וועקט
און רופט איבעראַל.

אין וואָלפסאָנס ערשט אָריגינעל ליד פילט מען שוין זיינע צוויי אייגנשאַפטן. איינע איז — דער מוזיקאַלישער ריטם. דערמיט צייכענען זיך אויס אַלע זיינע לידער. די צווייטע אייגנשאַפט איז — דער אָטעם. ווען מ׳קוקט זיך צו געגנוי צום לידס געבוי, זעט מען אַכט־שורה סטראָפעס. עס גראַמט זיך די פערטע און די אַכטע שורה. ווען מ׳זאָל די זעלביקע געבוי־קאָמפּאָזיציע פּרואוון איבערשטעלן — אַכט שורות אין פיר שורות, וועלן די שורות ווערן לאַנג־אָטעמדיקע. צוליב מוזי־

קאַלישן ריטם, צוליב מער פרייקייט אין אַקצענטירן געוויסע פראַזעס און ווערטער, האָט וואָלפסאָן ליב געהאַט פאַרוואַנדלען, למשל, פיר שורות אין אַכט. דאָס איז שפּעטער געוואָרן זיין באַליבטע פאָרם אין זיינע אויסערגעוויינלעך־ריטמישע און פיין־אַקצענטירטע „לוס־טיקע לידער״.

אָט־די אייגנשאַפטן — ריטם און אַקצענט — פילט מען אין זיין צווייט אָריגינעל ליד —

די רויטע פאָן

עס רוישט דער שטורעם פון באַפרייאונג
מעכטיק רוישענד קומט ער אָן,
און אין שטורעם זעט מען וויען
פריי די רויטע פרייהייטס־פאָן.

און זי ווינקט מיט אירע פאַרבן
צום געראויבטן און געדריקטן,
צום באַהערשטן און פאַרפאָלגטן,
צום געפּוצטן און געפּליקטן.

און זי וועקט אין אים דעם פייער
פון באַפרייאונג אויף דאָס ניי;
אין איר האַנטשריפט לעזט מען דייטלעך
„ניִדער מיט די טיראַניי!״

(„ארבייטער פריינד״, דעם 12טן יוני, 1896)

זיין דריט ליד „אין וואָס איך גלויב ניט״ („אַרבייטער פריינד״, דעם 19טן יוני, 1896) איז ניט רעגלמעסיק אין קאָמפּאָזיציע. דאָס ליד האָט דריי סטראָפעס: די ערשטע — זיבן שורות; די אַנדערע סטראָפעס — צו פינף שורות. אויך דאָ פילט מען זיין מוזיקאַלישן ריטם און אַקצענטירטע פראַזירונג:

אין וואָס איך גלויב ניט

איך גלויב ניט קיין געטער,
אין שוואַרצע געשפּענסטער,

אין נעבליקע, דונקעלע בילדער ;
איך גלויב ניט אין ווינט און אין שטויב ;
איך בין שוין קיין אור־מענטש,
איך בין שוין קיין ווילדער,
איך בין יעצט אַ דענקענדער מענטש.

איך גלויב ניט אין הערשער,
אין קהלשע בעל־טובות ;
איך גלויב ניט אין צעפטער, אין טראָן ;
איך וויל ניט באַהערשן, באַהערשט אויך ניט ווערן,
„פרייהייט" שרייב איך אויף מיין פאָן.

איך גלויב ניט, אַז מענטשן —
וואָס זיינען די שעפער,
וואָס האָבן דאָס רייכטום געשאַפן ;
וועלן פון מייסטערס ברוטאַלע און פוילע
זיך לאָזן אויף אייביק פאַרשקלאַפן.

סאָציאַלער מאָטיוו

וואָלפסאָנס ערשטע לידער זיינען איגגאַנצן דורכגענומען מיטן סאָציאַלן מאָטיוו. זיי זיינען געווען בונטאַרישע, רעוואָלוציאָנערע לי־דער. זיינע לידער זיינען געווען טיף אויפריכטיקע. פון זיי האָט גע־רעדט אַ טיף־איבערצייגטער בונטאַר, רעוואָלוציאָנער און „בעזבאָזשניק". געשטאַנען איז וואָלפסאָן נאָענט צו דער דעמלט־שטאַרקער, מיליטאַנטער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. זיין בונטאַרישקייט און טיף־איבערצייג־טער ראַדיקאַליזם האָבן זיך קיינמאָל ניט איינגעשטילט אין אים. זיינע רוף־ און וועק־לידער פלעגן ניט איין מאָל אויפפלאַקערן אין די שפּע־טערדיקע יאָרן. עס איז שווער פעסטצושטעלן ווען ער האָט, צום ערשטן מאָל, געדרוקט, למשל, זיין ליד „מאי־געזאַנגען". דאָס ליד איז אָבער זיכער ניט פון זיינע ערשטע שאַפונגען. מיר ציטירן עס פון „פאָר־ווערטס", ערשטער מאי, 1936 :

מאי געזאַנגען

הייב דיין קאָפּ מיט שמאָלץ און ווירדע,
וועק דאָס מענטשלעכע אין דיר ;

שטיי ניט ווי אַ קנעכט פֿאַרוואָרלאָזט,
ווי אַ בעטלער ביי דער טיר.

אַלע אוצרות, יעדע לוקסוס,
וואָס דער מעכטיקער פֿאַרמאָגט,
האָט ער פֿון דיין שווערער פּראַצע,
פֿון דיין פֿלייס אַרויסגענאָגט.

זע, באַטראַכט די מאָנומענטן,
וואָס דיין האַנט האָט אויפֿגעשטעלט.
פֿון דער ערד צום הימל טורעמט
שטאָלץ דיין שטאָל און ציגל־וועלט.

האָסט אַ האַנט אַ ריזן־שטאַרקע,
מוסקלען־אייזן, נערוון־שטריק.
וועלכע קראַפֿט האָט דיך פֿאַרשאָלטן,
שאַפֿן נאָר פֿאַר יענעם גליק ?

אַקערסט פֿעלדער, שניידסט די זאַנגען,
מאָלסט דעם קאָרן, באַקסט דאָס ברויט,
שאַפֿסט גענוג און זעט פֿאַר יעדן,
און פֿאַר זיך אַ הונגער־טויט.

בויסט די היזער, הויכע, שטאָלצע,
האַמערסט שיינקייט אויס פֿון שטיין;
בויסט פֿאַר פֿרעמדע קונסט־פּאַלאַצן,
און אַ גרוב פֿאַר זיך אַליין.

בויסט די טורעמס, קאַזעמאַטן,
וועלכע האַלטן דיך פֿאַרשפּאַרט.
גלויבסט אין פּוסטע זאַבאַבאָנעס,
קושט די האַנט פֿון דעם וואָס נאַרט.

גראָבסט די קוילן פֿון די גרובן,
גראָבסט דעם שוואַרצן וואונדער־שטיין.

שאַפסט באַקוועמלעכקייט פאַר יעדן,
אָבער ניט פאַר זיך אַליין.

ביסט אַ ריז און קענסט דיין קראַפט ניט,
האָסט ניט אָפגעשאַצט דיין מאַכט.
זאָג מיר, מענטש, אין שלאָף פאַרוויגטער,
האָסטו ווען פון זיך געטראַכט ?

וואַרף אַראָפ די בעטלער־טאָרבע,
פאָדער שטאָלץ דיין מענטשן־רעכט.
פרינץ, פון גאָלן שוין פאַרשאָלטן,
שוין גענוג דיר זיין אַ קנעכט.

ניט אַלע זיינע סאָציאַלע לידער האָט וואָלפסאָן געשריבן ווי וועק־און רוף־מאָטיוון. פאַראַן ביי אים אַ שלל מעדיטאַטיווע סאָציאַלע לידער. זיי האָבן זיך ביי אים פרי באַוויזן, נאָך עטלעכע יאָר שרייבען. ווי אַ דוגמא קענען מיר ברענגען דאָס ליד „טריאומף" („פאָרווערטס", דעם 3טן נאָוועמבער, 1900) :

טריאומף

ווען דער אַרבעטער פון פעלד,
פול מיט מוט באַגריסט דעם מאָרגן,
און די שווערע קאָרן־זאַנגען
בליען פריי אין זאָנענשטראַל ;
ווען דער טייכל מורמעלט פריילעך,
ברומט זיך צו אין שטילן לויף —
אַך, ווי שטורמיש ברויזט די פרייד
און דאָס הייסע מענטשן־הערץ.

⁂

פול מיט הויכע פאַנטאַזיען
ווערט מיין זעלע דורכגעוועבט

און איך זע די גאָלדענע צוקונפט
אין איר שענסטן פּראַכט געקליידעט —
יענע צייט, וואו מענטשן־מיע
וועט געשעצט זיין און געאַכטעט,
וואו די אַרבעט וועט ניט דינען
אַלס אַ סחורה צום פאַרקויף;
דאַן ווען אַרבעט וועט פאַרניכטן
יעדער קייט וואָס האַלט געבונדן,
יעדע זאַך וואָס שטערט דעם פאָרטשריט
יעדן שופט פון וואַגאַבונדן.
דאַן נאָר דאַן וועט קענען בליען
יעדער „איך״ גאָר אומגעשטערט —
יעדער „איך״ וועט זיין געאַכטעט,
יעדער „איך״ וועט זיין געערט...

☙

און מעגן נאַרן, אַלטאָגס־מענטשן,
מענטשן קליינלעכע זיך זאָגן,
אַז די נאַכט וועט אייביק הערשן,
אַז עס וועט קיינמאָל ניט טאָגן —
דאָך איך זאָג אייך, דאָס ניט אייביק
וועט די שוואַרצע נאַכט פאַרהילן
אַלע נאָבעלע פאַרלאַנגען,
אַלע איידעלע געפילן.
דען דער פאָרטשריט ווייס קיין גרענעץ,
קיינער קען דעם צייט־גייסט שטערן,
קיינער קען דעם ראָד פון פאָרטשריט
אין זיין שנעלן לויף פאַרווערן!

חוץ וועק־ און רוף־לידער, חוץ מעדיטאַטיוו־סאָציאַלע מאָטיוון זיינען פאַראַן ביי וואָלפסאָנען אויך טרערן־לידער. על־פּי רוב זיינען זיי אויסגעדריקט אין דער סעריע „גאַסן־בילדער״, וואָס ער האָט געדרוקט אין „פאָרווערטס״, דעם 12טן נאָוועמבער, 1897 (אונטערן פסעוו־

דאָנים „קינטאָבאַר“ — דאָס איז זיין פּסעוודאָנים „ראַבאַטניק“, ווען מ׳לייענט עס אויף צוריק); דעם 29טן יאַנואַר, דעם 15טן און 19טן פעברואַר, דעם 19טן נאָוועמבער, 1899 (אונטערן פּסעוודאָנים ל. וויינ־שטיין).

כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט־דעם מין לידער איז זיין ליד —

די גאַסן־מיידל

אין די גאַסן האַלב פאַרפראָרן
טרייבט דער שיקזאַל דיך מיין קינד;
אויסגעהונגערט טיף געבויגן
לויפסטו קעגן שטורעם־ווינט.

און די רייכע, וועלכע האָבן
אַלעס חוץ אַ מענטשן־הערץ נ
לאַכן פון דיין טיפן קומער,
לאַכן פון דיין גרויסן שמערץ.

דאָך עס גיבן, קינד, נאָך מענטשן
אויך ווי דו וואָס לײַדן שווער!
זיי באַוויינען, קינד, דיין לעבן
און זיי שענקען דיר אַ טרער!

אינגאַנצן סאָציאַל־יחידיש איז זיין ליד, וואָס ער האָט געשריבן אויפן מאָטיוו פון באַרימטן פסוק אין תהלים (קכא: א) — „אשא עיני אל ההרים“. אין תהלים איז דאָס קאַפּיטל פול מיט האָפענונג און בטחון. ביי וואָלפסאָנען איז עס אַ מרה־שחורה־ליד, פון מיט שווערן געמיט און אָן אויסגאַנג. געדרוקט האָט ער דאָס ליד אין „נייעם גייסט“, ניו־יאָרק, 1897, אונטערן פּסעוודאָנים ל. וואָלקאָף —

אשא עיני אל ההרים

צו די הויכע בערג און פעלזן,
אייביק קאַלטע, שניי־באַדעקטע,

היבּ איך אויף די מידע אויגן,
מיט אַ האַרץ אַן אויפגערעגטע.

צו די וואָלקנס, וועלכע שוועבן
אין דעם גרויסן וועלטן־רוים,
וואַרף איך מיינע שטאַרע בליקן —
דאָך די וואָלקנס זיינען שטום.

מיט אַ האַרץ פול שמערץ און וויען,
מיט אַן אויפגערעגטע האַרץ,
פרעג איך ביי די הימל־קערפּער —
ווער וועט לינדערן מיין שמאַרץ ?

ווער וועט היילן מיינע וואונדן ?
פרעג איך ביי די בערג און סקאַלעס.
זאָגט מיר, גרויע נעפּל־וואָלקנס,
זאָגט מיר, הען איר ווייסט דאָך אַלעס.

זאָגט מיר, ווען וועט געטין פריקהייט
טריאומפירן אויף איר טראָן ?
ווען וועט פאַלן צעזאַרס הערשאַפט
און די הערשאַפט פון מאַמאָן ?

ווער וועט מיך פון יאָך באַפרייען,
וועט ווער היילן מיינע וואונדן,
ווער וועט ברעכן יענע קייטן,
וועלכע האַלטן מיך געבונדן ?

⁂

צו די וואָלקנס, וועלכע שוועבן
אין דעם גרויסן וועלטן־רוים,
וואַרף איך מיינע שטאַרקע בליקן —
דאָך די וואָלקנס בלייבן שטום.

ליבע

די טעמע ליבע איז געווען אַ זעלטענער גאַסט ביי די אַמאַליקע פּאָעטן. זי האָט געהערט צו יחידישע מאָטיוון. און אויף יחידישע מאָטיוון האָט מען געקוקט ווי אויף מאָטיוון, וואָס נאָר קליינבירגער און עגאָאיסטן קענען זיך אָפּגעבן מיט זיי. דער עיקר העיקרים איז דאָך געווען — די מענטשהייט, באַזונדערס — די פאַרשקלאַפּטע און אונטער־דריקטע מענטשהייט.

אין די 80־ער און אָנהייב 90־ער יאָרן האָט מען די טעמע ליבע ניט קולטיווירט. אין מיטן די 90־ער יאָרן זיינען שוין געווען אויסנאַמען — יוסף יפה, מאָטווערי ראָם. די ווינטשעווסקי־טראַדיציע איז געווען — איבערגעבן זיך אין גאַנצן דעם ליידנדיקן פאָלק. אויב דער מאָטיוו ליבע האָט דורכגעלויכט ביי עדעלשטאַטן, איז דאָס געווען אין שייכות מיט מאַרטירערטום. געווען איז עס אַ הויכער ראָמאַנטישער סימבאָל. אָבער בשום אופן — ניט קיין יחידישער אָדער פּריוואַט־פּערזענלעכער מאָטיוו.

סוף 90־ער יאָרן האָט שוין דאָס סאָציאַלע ליד אָנגעהויבן אַריינ־טרעטן אין אַן אַנדער מאָטיוון־קרייז. דאָס טרערן־ליד, מסירת־נפש, מאַרטירער־טענער, הויכער לירישער שליסל — זיי האָבן נאָך אַלץ באַוועלטיקט כמעט יעדן סאָציאַלן פּאָעט. אָבער אַנדערע צייכנס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווייזן אויפן פּאָעטישן הימל. די צייכנס זיינען געווען — מאָטיוון, וואָס זיינען שוין ניט געקניפּט־און־געבונדן מיט פאַרשקלאַפּטן פאָלק. צווישן זיי איז אויך געווען דער מאָטיוו — ליבע, אַן דעם מאַרטירערישן אויפלויכט.

לכתחילה איז דער דאָזיקער מאָטיוו ניט אויפגעקומען אין ריין־פּערזענלעכע לידער. ערגעץ־וואו איז דער מאָטיוו געווען צונויפגעוועבט מיטן סאָציאַלן לעבן. על־פּי רוב האָט דער פּאָעט באַשריבן זיינע געפילן וועגן ליבע אין שייכות מיט זיין אומגליקלעכן מצב. און דער אומגליק־לעכער מצב איז געווען — זיינע „שקלאַפן־קייטן". ער איז ניט דער עדעלשטאַט־מאַרטירער, ער איז ניט דער אַלעקסאַנדראָוו־מאַרטירער — „איך וויקל דיך איין אין דער פאַנע דער רויטער און פאַל אין דער בלוטיקער שלאַכט". ער נייטיקט זיך אין זיין ליבסטער, כדי ווערן „פון ליבעס־פלאַם ענטצונדן". ער קריגט זיינע כוחות, ער ווערט „ריזן־שטאַרק און מעכטיק". ער קען דעמאָלט צערייסן „די שקלאַפן־קייטן, וועלכע האַלטן מיך (אים) געבונדן". אַזאַ ליד לייענען מיר ביי וואָלפ־

סאַנען אין „פאָרווערטס", דעם 30טן אָקטאָבער, 1898. געדרוקט האָט וואַלפּסאָן דאָס ליד אונטערן פּסעוודאָנים ל. ווײנשטײן:

צו מיין ליבסטע

דיינע בליקן, הערץ געליבטע,
דיינע ענגעל־שיינע בליקן,
וועקט אין מיר דעם יוגנט־פיבער
וואָס די אַלטקייט וויל דערשטיקן.

ווען די ראָזע ליפּן דיינע
קושן מיינע בלאַסע וואַנגען
שווינדן אַלע נעפּל־בילדער,
שווינדן לײדן זאָרג און באַנגען.

ווען דו ווישסט מיט דיינע צאַרטע
סאַמעט־ווייכע צויבער פינגער
מיר דעם קאַלטן שווייס פון שטערן —
ווערט מיר אויפן האַרצן גרינגער.

איך צערייס די שקלאַפן־קייטן,
וועלכע האַלטן מיך געבונדן,
איך ווער ריזן־שטאַרק און מעכטיק,
ווער פון ליבעס־פלאַם ענטצונדן.

עס איז זיכער פאַראַן אין די לעצטע שורות אַ סימבאָלישער דורכ־לויכט: „איך ווער ריזן־שטאַרק און מעכטיק", „איך צערייס די שקלאַפן־קייטן". דאָס איז אַ באַפרייערישער אַקט, אָבער ניט קיין מאַרטירערישער. די שורות קען מען אויך אויפנעמען ווי אַ יחידישן אויסדרוק. באַזונדערס דוכט זיך עס אַזוי מחמת די ערשטע דריי סטראָפעס. זיי קלינגען אינ־גאַנצן יחידיש. אַגב, — דאָס ליד איז געווען געדרוקט אינאיינעם מיט אַנדערע לידער, אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען — „פון מיין אַלבום". פאַר אַ סאָציאַלן פּאָעט אין די 90־ער יאָרן איז דאָס וואָרט „מיין" אַ ביסל צו־יחידיש. אָבער סוף 90־ער יאָרן האָט מען זיך שוין דאָס דערלויבט צו דרוקן.

כמעט אין דער זעלביקער צייט דרוקט וואָלפסאָן נאָך אַ סעריע לידער „פון מיין אַלבום". די דאָזיקע סעריע איז אויך דערשינען אין „פאָרווערטס", דעם 2־טן אָקטאָבער, 1898, אונטערן פסעוודאָנים ב. ווײנשטיין. איז פאַראַן אין דער סעריע אַ ליד מיטן נאָמען „אַ האַרף". דאָס איז שוין אַ ליריש־יחידיש ליד. דער היינע־סוף פאַראַלגעמיינערט דעם געדאַנק. דאַכט זיך אויס, דעריבער, אַז ס'איז אַן אַלגעמיינע טעמע:

אַ האַרף

צנלעך צו די שענסטע בלומען,
איז דיין ענגל־שיינער פנים;
שענער פאַרן שענסטן הימל
זיינען דיינע אויגן צוויי.

זאַנפטער פאַרן פיינסטן פאַרמעט —
שיינט דיין צאַרטע הויט צו זיין;
זאָג: ווי קומט עס, געטין שיינע,
וואָס דיין האַרץ איז האַרט ווי שטיין?...

גאָר אַן אַנדער ליבע־ליד „פון מיין אַלבום" האָט וואָלפסאָן אָפּגע־דרוקט אין דער „אַרבייטער־צייטונג", דעם 11־טן פעברואַר, 1900, אונ־טערן נאָמען ל. וואָלפזאָהן. דאָס ליד איז סענטימענטאַל, אינגאַנצן יחידיש, אָן דער היינע־איראָניע. אַגב, — דאָס ליד שטימט מיט וואָלפ־סאָנס סענטימענטאַלער באַציאונג צו פרויען:

פון מיין אַלבום

איך האָב אַ בלומען קראַנץ געמאַכט,
פון ווערטער און פון ריטמען;
איך האָב פאַר דיר געליבטע מיין
די שענסטע אויסגעזוכט.

און יעדעס וואָרט און יעדן פערז
האָב איך באַנעצט מיט טרערן;

און יעדעס וואָרט און יעדן קלאַנג
האָב איך באַגלייטעט מיט געזאַנג
כדי דו זאָלסט מיך הערן.

קוים הערסטו מיך איז שוין גענוג,
איך קען דיך ליבע וועלע;
איך קען דיך לאַנג און גוט גענוג,
איך ווייס, דו קענסט ניט קיין באַטרוג,
דו ביסט אַ וואַרהייטס קוועלע.

אַזוי איז אויך סענטימענטאַל און יחידיש דאָס ליבע־ליד „פריינד־שאַפט", געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 15־טן דעצעמבער, 1900:

פ ר יי נ ד ש אַ פ ט

ווען מיין בלויער לעבנס־הימל ווערט אומרינגט פון שוואַרצע וואָלקנס
און די העלע יוגנט שטערן ווערן פינסטערלעך און בלאַס,

דאַן ווען שטורעם־ווינטן קומען, ווי די ווילדע חיות ברומענד,
זינגענדיק אַ ווייטוטס־לידל, לעשנדיק מיין לעבנס־בלוט;

דאַן ווען אַלעס איז פאַרטונקלט, איינגעהילט אין שוואַרצן טרויער,
און דער תהום דער טיפער אָפגרונד, וואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד;

דאַן ערשיינסטו ווי אַ מלאך, ווי אַ גוטער רעטונגס־ענגעל,
און ענטרייסט מיך, ווי אַ ברודער, פון דעם שרעקלעך טיפן תהום.

און די וואָלקן שנעל פאַרשווינדן וועלכע ווילן מיך אומוועבן;
דו, דו גיסט מיר נייע כוחות, נייעם מוט און נייעם לעבן.

און די שאָטנס יענע שוואַרצע, שנעל פאַרשווינדן, שנעל פאַרשוועבן —
העלער, ליכטיקער און שענער ווערט דער הימעל פון מיין לעבן.

העלער, ליכטיקער און שענער ווערט דער הימל פון מיין לעבן,
פריינט, די אלע העלע שטראַלן האָט דיין פריינדשאַפט מיר געגעבן.

עס איז אויך געווען כדאי זיך אָפשטעלן אויף וואָלפסאָנס ליבע־לידער פון סוף 90־ער יאָרן און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט. זיי זיינען סימנים אין דעם דעמלטיקן פּאָעטישן קלימאַט. אינאיינעם מיט טראַ־

דיציאָנעלע אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע טעמעס קומען שוין אויף ליבע־מאָטיוון. פריער אין אַ סאָציאַל געוועב און נאָכדעם אינגאַנצן ווי אַ פּערזענלעך־יחידיש ליד.



א. ל. וואָלפסאָן — אין די מיטעלע יאָרן

„מיין מוזע״

דער ליבע־מאָטיוו האָט זיך ביסלעכווייז געביטן ביים סוף פאַריקן יאָרהונדערט. ער איז געוואָרן אַלץ וויניקער סאָציאַל, און אַלץ מער יחידיש. אַזוי איז עס אויך געווען מיט אַן אַנדער מאָטיוו — די מוזע. סוף נײַנציקער יאָרן ווערט דער דאָזיקער מאָטיוו שוין פאַרוואַנדלט אין — מיין מוזע. דאָס וואָרט „מיין״ איז דאָ באַטאָנט.

ווינטשעווסקיס מוזע זאָגט שטענדיק אונטער דעם פאָלקספּאָעט — „ניט רו, ניט ראַסט, ביז אין דער וועלט / פאַרבלייבט אין איינציקער געצעלט / וואו האַס רעגירט. / וואו ליבע פרירט / . . . וואו פרייהייט זוכט אומזיסט אַן אָרט״ („דער יונגער פאָלקס־פּאָעט״). אין זיין ליד „לידער פאַר מיר״ דריקט זיך ווינטשעווסקי אויס: „לידער געזונגען מיט אַ געוויין, / לידער געיאָמערטע מיט אַ געזאַנג, / לידער פון פאָלקס־ליידן — נאָר די אַליין, / האָבן אַ זין פאַר מיר, האָבן אַ קלאַנג״. „דען איך קאָן נאָר לעבן — דערקלערט ווינטשעווסקי — כל־זמן ווי איך גלויב, / אין זיי — מיינע ברידער, כל־זמן איך ערהויב, / פאַר זיי די שטים מיינע, די אייביק פאַרקלאָגטע״ („אין מינוטן פון פאַרצווייפלונג״).

ביי עדעלשטאַט איז די מוזע אַ תהומיק־ערנסטע — „בלייב טריי דיין געוויסן, אויפן שוועל פון דיין קבר / זינג צו דיין ליידנדן פאָלק״ („דיכטער און מוזע״). די עובדא פון דיכטער איז ביי עדעלשטאַטן קלאָר אויסגעדריקט: „אַזוי לאַנג ווי עס זיינען דעם אַרבעטערס גלידער / אין שקלאַפן־קייטן געשמידט, — / אין פרייהייטס־קאַמף מיינע שווערטער און ברידער, / רופט אייך מיין שטורעם־ליד!״ („אַן (צו) מיינע לעזער״). עדעלשטאַטס ווענדונג צו יידישע שרייבער איז געווען: „זייט פיר (פאַר) ס׳פאָלק ליכטיקע שטערן / אין דער פינצטערער שקלאַפן־נאַכט, / באַלייכט זיינע קייטן, וואונדן און טרערן, / ערוועקט אין אים האָפענונג און מאַכט!״ („אַן (צו) די יידישע שריפטשטעלער״).

באָוושאָווער בעט זיין מוזע, זי זאָל אים ניט פאַרלאָזן: — „אָ מוזע, דורך דיר, נאָר דורך דיר קען איך וועקן / די ליידנדע ברידער, וואָס יאָמערן שטיל... / וואָס לעבן אין עלנט, אין אייביקן שרעקן, דורך די, וועלכע האָבן קיין מענטשן־געפיל..״ („צו מיין מוזע״)

ווען וואָלפסאָן האָט אָנגעהויבן דרוקן זיינע לידער איז אויסער־געוויינלעך שטאַרק געווען די ווינטשעווסקי־עדעלשטאַט־באָוושאָווער

טראַדיציע. ניט וויניקער האָט געווירקט מאָריס ראָזענפעלד. און וואָלפסאָן האָט געקוקט אויף זיי ווי אויף מדריכים. ער איז געווען דורכגענומען מיט זייערע מחשבות און באַגריפן. אין דער סעריע לי־דער „פון מיין אַלבום", געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 2טן אָקטאָ־בער, 1898, זינגט וואָלפסאָן וועגן קאַמף — „קאַמפּס־מעלאָדיען". אין דער זעלביקער סעריע איז פאַראַן אַ ליד „צו מיין מוזע". דאָרטן, וואו עס איז „דער מוזעס וואוינאָרט", דאָרטן וועט ער „זוכן שיינע טענער, און די שענסטע לידער זינגען, און באַגייסטערן די וועלט". דאָס איז אַן אויסגעברייטערטער באַגריף לגבי „וועקן די ליידנדע ברידער". אָבער אין דעם דאָזיקן פאַראַלגעמיינערטן ליד לייכט־דורך אַ יחידישער אָפּגלאַנץ. דאָך געפינט זיך דאָס ליד אין אַ סאָציאַלער ראַם:

צו מיין מוזע

העכער פאַר די העכסטע וואָלקן
וויל איך מוזע דיך דערהייבן;
העכער פאַר די העכסטע הימלען
זאָל דער מוזעס וואוינאָרט זיין.

דאָרטן אין דעם ריינעם עטער,
וועל איך זוכן שיינע טענער
און די שענסטע לידער זינגען
און באַגייסטערן די וועלט.

און איך וועל מיט מיינע טענער,
נימפן שיינע־וואַסער־מיידלעך, —
אין אַ ליבעס־טאַנץ באַוועגן; —
אַך ווי הימליש דער געדאַנק!

כ'וועל מדבריות, וויסטע סטעפּעס
לעבנס־לערע שנעל פאַרוואַנדלען
אין די שענסטע גרינע פעלדער.
אַלעס דורך דיין צויבער־מאַכט.

אומבאַגרייפלעך איז דיין איינפלוס,
אומבאַגרייפלעך איז דיין מאַכט;
אָנע דיינע טענער מוזע,
ווערט דער העלסטער מאָרגן נאַכט...

זיין ליד „דער שטאַרבנדער דיכטער" איז געווען געדרוקט אין „אבענד־בלאַט", דעם 5טן יאַנואַר, 1901, אונטער זיין אמתן נאָמען — ל. וואָלפסאָן. אין האַרצן ביים שטאַרבנדיקן דיכטער „ערוועקט זיך אַ וואונטש און אַ שטרעבן / צו זינגען באַגייסטערט אַ ליד פון באַ־פרייאונג". אין זיין האַרצן „שטורמען געפילן... און בילדער, פאַנטאַזיעס, פון קאַמף און פון לעבן". דאָך האָט דאָס ליד יחידישע אויפלויכטן. עס פילט זיך אין דעם ליד אַ מין געמיש — גזעלשאַפטלעכע אַנדייטן און יחידישע טענער. מיר פילן דאָ אַ תקופהס זונפאַרגאַנג:

דער שטאַרבנדער דיכטער

די פידל צעבראָכן, די סטרונעס צעריסן,
די טענער, זיי האָבן פאַרלאָרן דעם קלאַנג;
דער דיכטער, וואָס האָט אונדז מיט לידער באַגייסטערט,
דערהויבן אויף פליגלען פון געטער־געזאַנג,
ער ליגט איצט אַ גוססער קראַנק אויף זיין בעטל,
דער פאָדעם פון לעבן ער ווערט באַלד צעריסן.
די זודיקע טרערן אין שטראָמען זיי פליסן —
און נעצן די וואַנגען פון שטאַרבענדן זינגער.
דאָך, לאַנגזאַם, מעכאַניש באַוועגט ער די פינגער,
ווי איינער וואָס וויל דיריגירן אַ כאָר.
די אויגן ערלייכטן מיט פייער פון לעבן,
אין האַרצן ערוועקט זיך אַ וואונטש און אַ שטרעבן
צו זינגען באַגייסטערט אַ ליד פון באַפרייאונג,
פון לעבן, אומשטערבלעכקייט, ווידער־באַנייאונג.
אין האַרצן פון גוססן שטורמען געפילן
פון קינדישער אָנמאַכט און ריזיקן ווילן
און בילדער, פאַנטאַזיעס, פון קאַמף און פון לעבן,
פון פרילינג, פון בלומען — זיי קומען און שוועבן.
ווי שרעקלעכע גייסטער און בייזע געשפענצטער
רייצן אים גלוטיקע, בלוט־רויטע שטראַלן —
וואָס דרינגען בגנבה אַריין דורך זיין פענצטער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די זון איז פאַרשוואונדן, מיט איר אויך די שטראַלן,
דערמידעט, דערשעפּט שוין פון שרעקלעכע קוואַלן,
איז טויט אויף דעם בעטל דער דיכטער געפאַלן.

וואָס ווייטער אין זיין אַנטוויקלונג, אַלץ מער איז דיכטונג געוואָרן ביי וואָלפסאָנען אַ ציל פאַר זיך אַליין. צוביסלעך הערט זי אויף צו ווערן באַדינעריש. דער דיכטער איז נישט דער טריביון, דער וועקער. ער איז אַ „מוזע־קינד", „אַ פאַנטאַזיאָר", „אַ זינגער". „פאַנטאַזיע (פאַנטאַזי) און ווירקלעכקייט" האָט מען אָנהייב הייַנטיקן יאָרהונדערט זיכער פאַררעכנט פאַר זייער אַ שיין ליד. עס האָט די נאַאיווע בילדלעכקייט, וואָס האָט אַזוי שיין געבליט אין יענע יאָרן. אין דעם ליד רייסט זיך שוין דורך אַ שורה: „און האָב פון אונדזער וועלט זיך הערצלעך אויסגעלאַכט". נאָך אינדיווידואַליסטישער איז די שורה: „איך האָב דעם ערדן־מענטשן פאַראַכטעט און פאַרשפּאָטעט".

דאָס גאַנצע ליד איז — פאַנטאַזיע ווי אַ ציל פאַר זיך. די ווירקלעכקייט ברענגט אום אַלע פאַנטאַזיעס, טרוימען, צויבער און פאַרשיכורנדיקן כישוף. אויך אַ 19טער יאָרהונדערט סימבאָל שוועבט דורכן ליד. די ווירקלעכקייט איז „אַ שטאַרקע ביינער־האַנט מיט שטאַרקע ביינער־פינגער". און די ערשטע ווערטער, וואָס דער איבעררא‌שטער דיכטער הערט, זיינען די טראַגישסטע: „דו ביסט אַ שטערבלעכער, דו פאַנטאַזיאָר, דו זינגער..." „דער טויט איז דער מעכטיקסטער... פון די געטער". און יעדער מוז אויספאָלגן זיין באַפעל: „דאָס גרעסטע מוזן־קינד ווערט בלאָס און שטום, / און אין מדבריות שווינדן פאַנטאַזיען (פאַנטאַזי־ען), / ווען נאָר מיין שטימע דונערט — קום!!" און דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט ריין־יחידישע טענער.

דאָס ליד „פאַנטאַזי און ווירקלעכקייט" איז געווען געדרוקט אין „אבענדבלאַט", דעם 19טן יאַנואַר, 1901. אין קעפּל פון ליד איז פאַראַן דאָס וואָרט „פאַנטאַזיע". מען האָט עס דעמאָלט אַרויסגערעדט „פאַנטאַזי". און אַזוי גיבן מיר עס איבער, כדי נישט צו פאַרפירן דעם לייענער.

פאַנטאַזי און ווירקלעכקייט

1

איך האָב געטרוימט אַ שיינעם זיסן חלום
פון לעבענס־לוסט, פון פרילינג פרישן דופט.
פון הויכע בערג, פון שיין־באַגרינטע טאָלן,
פון וואָרגענלאָזע טעג, פון פערפיומירטער לופט.

איך האָב אין טרוים־לאַנד פריי און אומגעשטערט געוואַנדלט,
מיין איינבילדונג האָט הימל־הויך געשוועבט;
די פאַנטאַזי האָט בילדער מיר געמאָלן
פון דורות קומענדע, וואו אַלעס ליבט און לעבט.
איך האָב זיך אָדלער־הויך אין הימלען ווייט פאַרטראָגן
און אַלע אוצרות אַל, האָב איך גערופן מיין,
די ווירקלעכקייט איז ווי אין תהום פאַרשוואונדן,
קיין ליידן מער, קיין זאָרגן, נויט און פיין.
און פרויען רייצנדע פול לעבנס־לוסט און ליבע
האָבן בלומען־קרענצע מיר אין וועג געשטרייט;
און קינדער צערטלעכע, ווי מעטעאָרן העלע,
האָבן צויבערהאַפט אַ צויבער־ליכט פאַרשפּרייט.

2

איך בין ניט „איך” געווען, איך בין אַן אַנדערער געוואָרן,
און האָב פון אונדזער וועלט זיך הערצלעך אויסגעלאַכט
איך האָב דעם ערדן־מענטש פאַראַכטעט און פאַרשפּאָטעט,
אַך, ביז די ווירקלעכקייט האָט מיך פון טרוים ערוואַכט.

3

אַ שטאַרקע ביינער־האַנט מיט שטאַרע ביינער־פינגער
האָט מיך פון טרוים געוועקט, האָט מיר מיין רו צעשטערט:
„דו ביסט אַ שטערבלעכער, דו פאַנטאַזיאָר, דו זינגער,
און איך — דער הערשער טויט, — האָסטו געהערט?
איך בין דער מעכטיקסטער, דער שטאַרקסטער פון די געטער,
מיין רוף פאָלגט יעדערער, קיין אונטערשייד פון ראַנג,
אין טיפן אָפּגרונט זינקט דער קעניג, פירשט און קריגער,
ווען דורך די לופט ערשאַלט מיין טרויער גלאָקן־קלאַנג.
די שענסטע הימלען ווערן שנעל פאַרוואָלקנט.
דאָס גרעסטע מוזן־קינד ווערט בלאָס און שטום,
און אין מדבריות שווינדן פאַנטאַזי־ען
ווען נאָר מיין שטימע דונערט — קום!!”..

4

איך האָב געטרוימט אַ שיינעם זיסן חלום —
פון לעבנס־לוסט, פון פרילינג פרישן דופט;
די ווירקלעכקייט האָט מיר מיין טרוים פאַרניכט:
מיר שיינט, איך הער, די הערשער־שטימע רופט. —

פאַראַן ביי וואָלפסאָנען אַ ליד „פראָסט־מעלאָדיען", געדרוקט אין „אבענדבלאט", דעם 2טן מערץ, 1901. דאָס איז אַ טיפּיש שיין ליד פון יענע יאָרן. אין דעם ערשטן טייל דערציילט דער דיכטער:

די בלעטער, זיי פאַלן, דאָס גראָז ווערט פאַרוויאַנעט,
די בליטן, די בלומען פאַרוועלקן;
עס שטאַרבן די ראָזן, עס שטאַרבן די ליליען
עס האַלטן ביי שטאַרבן די נעלקן.

עס וועלקן אויך די „טענער, וואָס פלעגן ערשאַלן אַמאָל", „די זיסע ניגונים פון הימלישן כאָר", „עס יאָמערן שרעקלעך די ווינטן".
אין דעם צווייטן טייל דערציילט דער דיכטער וועגן דעם „בייזן גאַסט" — דעם ווינטער. און ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיט יחידיש־פּאָעטישע טענער:

און מיין הומאָר, מיין פרייע מינע, מיין געלעכטער איז פאַרשוואונדן,
די נויט פאַרלעשט דעם לעבנס־פונק, די הונגער־קעלט האַלט מיך געבונדן.

איך קען ניט שוועבן אין די הימלען פון דער רייכער פּאָעזיע (פּאָעזי)
און ווייט, גאַנץ ווייט פאַרפלויגן, איז פון מיר מיין פאַנטאַזיע (פאַנטאַזי)

פאַרשוואונדן איז פון מיר די ניגונים, עטוואָס פריילעכעס צו זינגען,
נאָר טענער פיל מיט ווינטערס קעלטן הער איך אין מיין ליד ערקלינגען.

די בלומען שטאַרבן דורך די קעלט, דער פראָסט באַנעמט די גלידער,
דער פראָסט באַהערשט די גאַנצע וועלט און אויך דעם דיכטערס לידער.

דער גאַנג צו יחידישקייט איז ניט געווען גלייך און בהדרגהדיק. וואָלפסאָן האָט זיך אַנטוויקלט אין דער צווישנצייט, ווען די אָפּגייענדיקע פּראָלעטאַרישע טעמע האָט געלעבט אין דעם זעלביקן פּאָעטישן קלי־מאַט ווי די אויפגייענדיקע יחידישע טעמע. די ביידע טעמעס האָבן זיך געביטן. אָפט זיינען זיי געווען ווי צונויפגעוועבט אין איין געוועב. זיי האָבן אויפגעלויכטן און זיך געלאָשן מיט זייערע „אַרויפּס״ און „אַראָפּס״. פּאַראַן, למשל, ביי וואָלפסאָנען צוויי אַרבעטער־לידער אין שייכות מיטן „פּאָעט״, מיט דיכטונג. דעם שרייבער פון די שורות האָט זיך ניט איינגעגעבן פעסטשטעלן די דאַטע פון די דאָזיקע צוויי לידער. אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, געהערן זיי אפשר צו די יאָרן 1906־1908 — אַרום יענער צייט. און אפשר האָט זיי וואָלפסאָן איי־בערגעדרוקט. אפשר האָט ער זיי געשריבן נאָך איידער עס זיינען אין אים אויפגעקומען יחידישע טעמעס. ווי די זאַך זאָל ניט זיין — די ביידע לידער זיינען פאַר זיך אַליין אַ באַווייז ווי אַזוי עס האָבן זיך געהאַלטן אין בייטן פאַרשיידענע פּראָלעטאַרישע שטימונגען. די ביידע לידער געפינען זיך אויף איין אויסשניט. דאָך ווי פאַרשיידן זיי זיינען.

דאָס ערשטע ליד „דער פּאָעט״ איז ניט קיין וועקליד אָדער רופליד. עס איז באַשרייבעריש. נאָכמער — עס איז דעקלאַראַטיוו. אין דעם ליד דערציילט אונדז וואָלפסאָן: ווען עס „ערשאַלט די שטימע פון דיכ־טער״ ווערט דער הימל לויטער, „די „אַרבעט״ ווערט מוטיק און לאָזט זיך ניט טרעטן״. און ער ענדיקט דאָס ליד האַלב מיט אַן אויסרוף, האַלב דעקלאַראַטיוו — „אָט דאָס איז די ווירקונג פון וואַרע פּאָעטן״:

דער פּאָעט

ווען אַלעס איז פינצטער און כמאַרנע און טונקל,
ווען בלייענע וואָלקנס פאַרשטעלן די זון;
ווען טונקעלע בילדער און נעפּל־געשטאַלטן
שוועבן ווי גייסטער אין לופטן אַרום;

ווען שוואַרץ איז דער הימל און טונקל די שטערן,
ווען קלינגענדע שטימען אין לופטן זיך הערן;
ווען פול איז די לופט מיט יאָמער־געשרייען,
מיט קרעכצן, מיט אָכצן, מיט זיפצן און וויינען.

ווען „עלנד" איז הערשער און „נויט" זיין באַגלייטער,
ווען „אַרבייט" פאַרהונגערט גייט אום ווי אַ טויטער;
ווען וואַרהייט פאַראַכטעט, פאַרשפּאַט פון די מאַסן,
גייט אום אַ באַטריבענע אַליין אין די גאַסן, —

דאַן הערט מען ערשאַלן די שטימע פון דיכטער,
מיט ווערטער, וואָס טרייסטן און לייכטן ווי ליכטער.
דער הימל ווערט לויטער, די וואָלקן פאַרשווינדן,
אין שטיקער צעפאַלן די קייטן וואָס בינדן.

דער הימל ווערט לויטער, די זון פאַנגט אָן שיינען,
קיין קרעכצן, קיין אָכצן, קיין יאָמער, קיין וויינען;
די „אַרבייט" ווערט מוטיק און לאָזט זיך ניט טרעטן.
אָט דאָס איז די ווירקונג פון וואַרע פּאָעטן.

גלייך נאָך אָט־דעם ליד קומט אַ ליד מיט גאָר אַ פאַרקערטער שטי־מונג. דער פּאָעט בעט זיך ביי זיין מוזע — ער „וויל שוין פון אַרבעטערסליידן ניט זינגען". ער וויל — עס „זאָלן די הימלישע טענער פאַר־הילכן דעם קלאַנג פון די קייטן, וואָס האַרצרייסנד קלינגען". די בקשות העלפן ניט, — דעם אַרבעטער־פּאָעטס פידל זינגט אים אַלץ „מיט טרויער און יאָמער אַ לידל". דאָס ליד הייסט —

אַ געבעט

גענוג שוין, מיין מוזע, מיט טענער פון טרויער,
איך וויל שוין פון אַרבעטערס ליידן ניט זינגען,
און זאָלן די סטרונעס די הימלישע מיינע
מיט ליבלעכע, מונטערע טענער ערקלינגען.

אָ, לאָז מיך, איך בעט דיך, אָ לאָז מיך, מיין ליבע!
אָ, לאָז מיך די בליטן און בלומען באַזינגען;
און זאָלן די הימלישע טענער פאַרהילכן
דעם קלאַנג פון די קייטן, וואָס האַרצרייסנד קלינגען.

פאַרטרייבט אויף אַ ווײַלע די טונקעלע בילדער,
די שרעקלעכע שאָטנס, די בייזע געשטאַלטן;
אָ, לאָז מיך אַ ווײַלע, איך בעט דיך, זיין מונטער!
אַ ווײַלע ערלויב מיר מיין שמערץ צו באַהאַלטן.

ערלויב מיר אַ ווײַלע פאַרגעסן די שמערצן,
ניט פילן די ווייען, ניט פילן די וואונדן,
ניט הערן דאָס קרעכצן, די יאָמער־געשרייען
פון שקלאַפן, וואָס ווערן טאָג־טעגלעך געשונדן

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס קרעכצעט מיין פידל, מיין אָרעמע פידל
עס הערן זיך טענער פון עלנט און שמערץ;
זי זינגט מיר מיט טרויער און יאָמער אַ לידל
און שניידט ווי מיט מעסערס מיין אומעטיק הערץ.

עס איז באמת מערקווירדיק דער פאַל מיט וואָלפסאָנס ליד „מיין אונטערגאַנג״. געדרוקט האָט ער עס אין „צייט־גייסט״, דעם 11טן אָקטאָבער, 1907, אונטערן פסעוודאָנים לעאָן וואָלקאָף. „מיין אונטער־גאַנג״ איז אינגאַנצן אַן „איך״־ליד. דאָס דאָזיקע „איך״־ליד איז דער־שינען פונקט דעמאָלט, ווען די „דעקאַדענטן״ האָבן זיך שוין געקליבן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „די יוגנט״. דער גרעסטער טייל שרייבער אין דער „יוגנט״ זיינען אונדזערע שפּעטערדיקע „יונגע״. דער זשור־נאַל „די יוגנט״ איז געווען דער פאַרלויפער פון איגנאַטאָווס „שריפטן״ און אַלע אַנדערע אויסגאַבעס, וואָס אונדזערע „יונגע״ האָבן אַרויס־געגעבן. אין דער „יוגנט״ האָבן, למשל, געדרוקט זייערע „דעקאַ־דענטישע״ ווערק — חאימאָוויטש, ראַבאָי, איגנאַטאָוו, מאַני־לייב. ס'איז כאַראַקטעריסטיש צו זען ווי די שטימונג פאַר „איך״־לידער איז געקו־מען פון פריערדיקע סאָציאַלע פּאָעטן. וואָלפסאָנס „מיין אונטערגאַנג״ געהערט צו אַזעלכע פילצאַליקע באַווייזן:

מיין אונטערגאַנג

האַלב פאַרוואָלקנט גייט די הימל־טאָכטער אונטער,
און פאַרשווינדן ווערן אירע העלע שטראַלן באַלד.

יעדער פויגל, וועלכער זינגט געוויינלעך מונטער
ווערט פאַרשטומט — אַ טרויער הערשט אין וואַלד.

ווי די זון גייט אויך מיין לעבן אונטער.
און, פאַרפאָלגט פון שיקזאַלס וואָלקן, גיי איך פון דער וועלט;
טעגלעך זינקט מיין „איך" אין שוואַרצן תהום אַרונטער,
אין די פערזן מיינע הערשט אַ ווינטערס קעלט.

ליבע זון, אַ הימלס שיינע טאָכטער!
מאָרגן וועסטו ווידער לייכטן, שטראַלן אויף דער וועלט,
אָבער איך — איך גיי אויף אייביק אונטער,
אייביק וועט ביי מיר שוין הערשן ווינטערס קעלט.

סאַטירע און הומאָר

וואָלפסאָנס ערשטע סאָציאַלע לידער זיינען געווען פּראָלעטאַרישע אין פולן זינען פון וואָרט. זיי זיינען געווען טיף־ערנסט פאַרטראַכט. ווי אין אַלע פּראָלעטאַרישע לידער אין די 90ער יאָרן האָט אין זיי געציטערט הויכער אידעאַליזם און מסירת־נפש.

ביי אונדזערע פּראָלעטאַרישע קלאַסיקער האָט סאַטירע געפונען אַן אָרט. און די סאַטירע איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכע, אַ דורך־און־דורך געזעלשאַפטלעכע. אַזוי זיינען געווען ווינטשעווסקיס „שקלאַפן־געדולד", „נעכטן, היינט און מאָרגן" — ביז זיינע „פילאַנטראָפּן", „גאָטס סטראַפּטשעס", „ראַדיקאַלע פאַלקס־פאַרטרעטער". דאָס זעלביקע זעען מיר ביי עדעלשטאַט. וואָס פאַר אַ סאַטיריש ליד איר זאָלט ניט לייענען וועט איר גלייך זען קלאָר דעם געזעלשאַפטלעכן מיין. אַפילו ביי באָװשאָווערן איז עס אַזוי. מיר נוצן דאָס וואָרט „אַפילו", ווייל ביי באָװשאָווערן האָבן זיך שוין געוויזן נטיות — זיך פאַרטראַכן אין־גאַנצן אין דיכטונג. דורך־און־דורך געזעלשאַפטלעך זיינען באָװשאָ־ווערס „די פרידן־פּאַלמע", „די קוילן־גיסער", „דער געניוס דער מענטש־הייט".

ווי ביי אַ סך סאָציאַלע פּאָעטן, איז אויך ביי וואָלפסאָנען שטאַרק ניכר דאָס סאַטירישע ליד. אָבער דאָס דאָזיקע ליד קומט ביי אים נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן טיף־ערנסטע און גלוי־

ביקע סאָציאַלע לידער. סוף 90ער יאָרן ווייזן זיך אין זיינע לידער סאַטירישע שורות. זיי קומען איינאיינעם מיט זייער ערנסטע סאָציאַלע לידער. דעם 2טן אָקטאָבער, 1896, דרוקט ער אין „פאָרווערטס" אַ ליד „דער דיכטער". ער דערציילט ווי דער דיכטער „שוועבט נאָר אין די הימלען". „גיט דעם דיכטער גאַנצע שיך, ווען נאָר איר ווילט אים קרענקען". און ער פאַרענדיקט דאָס ליד מיטן געדאַנק:

דאָך וואָלט געווען דער טעות גרויס,
צו האַלטן פאַר אַ זינגער
אַ יעדן, ווער וואָס ציינט דער וועלט
די צאָל פון זיינע פינגער.

גלייך נאָך דעם דאָזיקן ליד, אין דער זעלביקער סעריע, קומט דאָס ליד „וואָרעמע פריינדשאַפט". דערציילט דער דיכטער: „מע זאָגט, מיר זיינען נאָך ווילדע באַרבאַרן", ווייל קיינעם אַרט ניט ווען עס גייט אונטער אַ צווייטער. „יעדער בויט שלעסער אויף יענעמס רואינען, און אַלעס איז רעכט פאַר דעם אייגענעם „איך". און וואָלפסאָן ענדיקט דאָס ליד:

נאָר דאָס איז ניט ריכטיק, איך וועל עס באַווייזן —
פרואווט נאָר אַ שטאַרב טאָן דורך גיפט און אייזן
און גלייך וועט איר אונדזערע גוטסקייט דערקענען:
מע וועט אייך גאַנץ פריינדלעך, גאַנץ „וואַרעם" פאַרברענען...

אין די צוויי לידער איז די סאַטירע ניט קיין דירעקט-געזעלשאַפטלעכע. זי איז ניט קיין קלאַסן-סאַטירע. אין דעם צווייטן ליד האַנדלט זיך וועגן יעדן איינעמס „איך", וועגן עגאָאיזם. דאָך איז פאַראַן אַ ביטערער געזעלשאַפטלעכער פירוש אין דעם לידס לעצטע שורות.

ביטער-סאַרקאַסטיש איז דאָס ליד „דאגות חיונה" געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 8טן יאַנואַר, 1899, אונטערן פסעוודאָנים ל. ווינשטיין. ער, דער דיכטער, שפילט פאַר זיין געליבטער „די שענסטע, די הערלעכסטע לידער". די ווערטער „קלענגע", „געזענגע" שטימען מיטן גאַנצן דייטשמערישן, פּאָעטיש-הויכן לירישן טאָן פון די 90ער יאָרן. דאָך ענדיקט זיך דאָס ליד אַזוי ביטער, אומדערוואַרט סאַטיריש-ביטער, אַפילו אומבאַהאָלפן-ביטער:

דאגות חיונה

ביי נאַכט, ווען עס לייכטן אין הימל די שטערן,
ווען ס׳זינגט זיך דער ווינטל, אַ שלאָף־ליד אַ שטילע.
ווען אַלעס איז טיף אין אַ שלומער פאַרזונקען ;
דאַן וואַנדערט, געליבטע, מיין גייסט צו דיר גערן.

עס טראָגן מיך גייסטער צו דיר ווי אויף פליגלען,
און שטעלן מיך אונטער דיין פענצטער אַנידער ;
און טרוימעריש נעם איך אין האַנט דאַן מיין האַרפע
און שפיל דיר די שענסטע, די הערלעכסטע לידער.

איך זוך דאָך מיט אייפער, די אידלסטע טענער,
און הערלעך ערקלינגען די הימלישע קלענגע ;
מיין „איך” ווערט באַפליגלט און שוועבט אין די הימלען
אַלס העכער אין ספערן פון שיינע געזענגע.

די טענער פאַרשאַלן און בלאָס ווערט דער זינגער
זיי ווערן באַוועגלאָז די אייזעלע פינגער ;
די פינגער וואָס האָבן די טענער געגעבן
זיי זוכן אַ קונה — צו מאַכן אַ לעבן....

וואָס ווייטער אין זיין אַנטוויקלונג, אַלץ מער ווערט וואָלפסאָנס סאַטירע פאַרוואַנדלט אין הומאָר. און דאָס איז געווען נאַטירלעך. וואָס מער עס האָט זיך געשטאַרקט דער „איך”־מאָטיוו, אַלץ מער האָט הומאָר פאַרביטן דעם סאַטירישן עלעמענט. זיכער זיינען געווען אויסנאָמען. אָבער אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט דער הומאָר איידער נאָך ס׳איז אויפגעקומען דער „קיבעצער” און דער „קונדס”. מען דאַרף דערביי געדענקען איין זאַך : דאָס איז ניט געווען חל אויף יענע פּאָעטן, וואָס האָבן קיינמאָל ניט געשריבן קיין סאַטירישע אָדער הומאָריסטישע פערזן. דער „קיבעצער”, נאָכמער, דער „קונדס” האָבן שטאַרק געהאָלפן אַנטוויקלען און קולטיווירן דעם זשאַנער. אויך וואָלפסאָן האָט אין די הומאָריסטישע זשורנאַלן אָפּגעדרוקט אַ סך לידער. אָבער איידער די דאָזיקע זשורנאַלן זיינען אויפגעקומען, האָט וואָלפסאָן

געדרוקט הומאָריסטישע לידער אין פאַרשיידענע צייטשריפטן. אַמאָל האָט ער געשריבן גאַנצע סעריעס מיט איין און דעם זעלביקן נוסח. אַזוי, למשל, האָט ער געשריבן אַ גאַנצע סעריע „בילדער און גראַמען". אַ סך „בילדער און גראַמען" זיינען געווען געשטאַלט־לידער, אויפגע־כאַפּט סאַטיריש און הומאָריסטיש. אַזאַ סעריע געפינט מען אין דער „ווארהייט", אין די יאָרן 1906־1907. ער האָט אַזעלכע לידער געדרוקט אויך אין אַנדערע צייטשריפטן. די דאָזיקע סעריע האָט ער געשריבן אונטערן פּסעוודאָנים א. פאָטאָגראַף. ווי אַ מוסטער וועלן מיר ברענ־גען דאָס ליד „אַ מושלמת", געדרוקט אין „וואַרהייט", דעם 18טן דע־צעמבער, 1906. אין דעם ליד איז פאַראַן דער נאָמען „זאָלאַ". איז דער אַקצענט דאָרט אויף דער ערשטער זילבע, נאָכן ענגלישן נוסח נאָך. ביים סוף ליד איז פאַראַן דאָס וואָרטשפּיל — „פעלער". אין יידיש מיינט עס — אַ חיסרון. אין אַמאַליקן פאַרענגלישטן יידיש האָט „פעלער" גע־מיינט — אַ יונגערמאַן, פון ענגלישן וואָרט „פעלאָו".

אַ מושלמת

לאַנגע האָר, אַ קורצן שכל,
אַ גלות־לאַנגן צונג ;
רייךן רעדט זי ווי אַ יאַסנע,
כאָטש זי איז נאָך יונג.

און ענלעך צו איר ווייבע העטקע
איז אויך איר געהירן ;
זי איז אַ שעפּס, דאָך ווילט זיך איר
אַ פאָסטעך זיין און פירן.

זי איז עקסצענטריש און נערוועז,
און רופט זיך ראַדיקאַל ;
צי רופט מען איר, צי רופט מען ניט,
זי שטופּט זיך איבעראַל...

זי רעדט פון דראַמע און פון קונסט
און זייער אָפּט פון היץ...

זי ליבט נאָר מענטשן „ערנסטע"
און האַסט ווי טויט דעם וויץ...

זי איז אַ בקי אין אַלצדינג
(אַ קלייניקייט איר קענען?)
און קוים נאָר צווייפלט איר אין דעם,
דאַן וואָלט זי אייך פאַרברענען.

זי זאָגט אַ מיינונג איבער אַלץ
(הימל, האָב רחמנות)
זי נעמט דאָס וואָרט און זופט און שלינגט
ווי פרומע נאָך אַ תענית...

זי רעדט פון קאַרל מאַרקס, לאַסאַל,
פון מאָפּאַסאַן און זאָלאַ;
און וואַגט אַ שמייכל איינער טאָן,
דאַן כאַפּט ער אַ מפּלה...

זי איז אַ זעלטענער טאַלאַנט
(אַ קלייניקייט איר לעזן)
דאָך שטאָלצירט זי ניט דערמיט,
זי מאַסט דערפון קיין חעזן.

זי איז דורכויס מיט מעלות פול,
נאָר האָט נאָך ניט קיין „פעלער".
„אָ, גאָטעניו!" אָ, שיק איר צו
דעם קרבן — זע, וואָס שנעלער...

אָ גאָטעניו, ערפיל איר וואונטש
און גיב איר אַ „חסרון",
דאַן וואָלטן מיר פון איר געשווינד
פּטור שוין געוואָרן.

אַן אַנדער כאַראַקטעריסטיש ליד פון דעם זעלביקן זשאַנער „ביל־

דער און גראַמען" איז, למשל „דער קאָכלעפל" געדרוקט אין „וואַר־הייט", דעם 6טן דעצעמבער, 1906 :

דער קאָכלעפל

ער איז אין גרונט אַ טופּע זאַך
און הענקט אַז ער האָט שׂכל ;
ער איז די פריינדלעכקייט אַליין
אַ לעבעדיקער שמייכל.

און ווי געטאָקט איז זיין פיגור,
זיין פנים צאַרט און איידל,
ער האָט קיין שפור פון מענלעכקייט
קוקט גראַדע ווי אַ מיידל.

ער קעמט אין מיטן זיינע האָר
און טיילט זיי אַלץ אין צווייען ;
ער איז געווען אַ מיטגליד שוין
פון אַלערליי פּאַרטייען.

ער האָט געדינט דעם גאָט אמור
און אויך דער פרייהייטס געטין ;
ער שמייכלט יעדן פריינדלעך צו,
ליבט אַלעמען צו גלעטן.

ער איז פאַר אַלעם אין דער וועלט,
פאַר איידלקייט און פרייהייט.
זיין אידעאַל איז מאַכן געלט,
ער דינט מאַמאָן מיט טרייהייט.

ער איז אַ ייד אַ היציקער,
זיין יעדע זילבע ברענט,
און ווען ער רעדט באַוועגן זיך
מעכאַניש זיינע הענט.

און איבעראַל איז ער אַ האָן,
און קרייט אין הויכע טענער,

און ווייזט דער וועלט אַז ער איז אויך
אַ מאַן צווישן מענער...

ער מישט אין קהלשע זאַכן זיך,
זאָגט איבעראַל אַ דעה;
און מיינען, מיינט ער פּשוט באַר
דעם גראַשן, די מטבעה.

ער האָט אַ מאָל געגלויבט אין גאָט,
יעצט דינט ער, אַלע געטער,
און שטרעבט מיט אַלע מעגלעכקייט
זיין באַנק־בוך, מאַכן פעטער.

יעצט איז ער, אַ „חבר־לאָפּ"
געווען איז ער „געגאַסע" —
ער וואָלט דעם טאַטן אויך פאַרקויפט
אַבי אַ סענט פּרנסה.

ענלעך צו „בילדער און גראַמען" האָט וואָלפסאָן געשריבן אויך אַנ־דערע סעריעס.

אַן אַנדער נוסח איז ביי אים געווען, למשל, „געדאַנקען־שפּליטער". דאָס זיינען שוין ניט קיין געשטאַלט־לידער אין סאַטירישן אָדער הו־מאָריסטישן לבוש. דאָס זיינען מחשבות, אויסגעדריקט אין גראַמען. זי זיינען: ליריק, סאַטירע, הומאָר, וואָרט־שפּיל און שטיפערייען. באַוויזן האָט זיך די דאָזיקע סעריע שוין אין יאָר 1911. מיר ציטירן דאָ אַ מוסטער בלויז פון עטלעכע „געדאַנקען־שפּליטער", געדרוקט אין „פילאַדעלפיער יידישן העראַלד", סוף מאַי, 1913:

געדאַנקען שפּליטער

פרויען אויגן

ליכט זאָל ווערן! האָט געדונערט
גאָטעס שטימע דורך די נאַכט;
און זייט דאַן שטראַלן, פינקלען,
פרויען־אויגן פול מיט פּראַכט.

אשת חיל

מקנא מעג מען זיין דעם מאַן,
וואָס טראָגט אַ העמד מיט קנעפּלעך;
דען דאָס באַווייזט אַז זי, זיין ווייב,
ניט קריכט אין פרעמדע טעפּלעך.
דאָך אָפטמאָל איז עס פּונקט פאַרקערט,
עס איז אַמאָל אַ ראיה,
אַז זי אויף פרעמדע פּריזבעס זיצט,
און ער טראָגט העמדער נייע...

לעבנס־פראַגן

צי זאָל איך זיין אַ טויטער לייב
און פון דער וועלט פאַרשווינדן?
אָדער זאָל איך זיין אַ הונט
צום שיקזאַלס־קייט געבונדן?

דאָס לעבן ענטפערט אויף דערויף
און ענטפערט קורץ און דרייסט:
בן אָדם — זאָגט דאָס לעבן — לעב,
אַזוי ווי דו פאַרשטייסט...

ערך־מענער

אַ וואָרטסמאַן איז אַ מענטש, וואָס „האַלט"
זיין וואָרט און זיין פאַרשפּרעכן;
איך זע אין דעם קיין מעלה ניט
ווייל איך אַזוי זיך רעכן —

ער „האַלט" זיין וואָרט, נו, מן הסתם,
וויל קיינער דאָס ניט נעמען,
ווען איך אַ וואָרטסמאַן וואָלט געווען
וואָלט איך מיך זיכער שעמען...

לוסטיקע לידער

מיר האָבן זיך בכיוון אָפּגעשטעלט אויף וואָלפּסאָנס סאַטירע און הומאָר, מחמת צוויי טעמים. ערשטנס — זיין סאַטירע האָט זייער אָפּט געפירט צו הומאָר, צו הומאָריסטישע געשטאַלט־לידער און צו „גע־דאַנקען־שפּליטערס". צווייטנס — אין שרייבן אַ סך הומאָריסטישע לי־דער, האָט ער דעם דאָזיקן זשאַנער זייער שטאַרק אַנטוויקלט. ער איז בפירוש געוואָרן אַ מייסטער אין אָט־דעם זשאַנער. עס איז כדאי צו פאַרגלייכן זיינע הומאָריסטישע לידער אין זיין לעצטן נוסח — מיטן דייטשמעריש אין זיינע ערשטע לידער. מען ווערט באמת פאַרחידושט: ווי רייך און בייגיק זיין לשון איז געוואָרן, און מיט וואָס פאַר אַ מייס־טערשאַפט, ער האָט, אין „פאָרווערטס" אַליין, אָנגעשריבן אַן ערך 1200 לידער.

אַלע זיינע הומאָריסטישע לידער ביזן יאָר 1916 האָבן אים געפירט צו זיין ספּעציפישן זשאַנער „לוסטיקע לידער". אָט־די לידער האָט מען געדרוקט אויף דער הומאָריסטישער זייט אין „פאָרווערטס", וואָך־איין וואָך־אויס במשך 26 יאָר. שרייבן לידער יעדע וואָך במשך אַ פערטל יאָרהונדערט האָט צו טאָן מיט מייסטערשאַפט. ס'איז באמת ניט קיין קלייניקייט. דערצו נאָך שרייבן אַזוי לאַנג הומאָריסטישע לידער איז אפשר נאָך שווערער. עס לויערט אויפן דיכטער שטענדיק אַ גרויסע סכנה — אפשר די גרעסטע סכנה: רוטינע פלאַכקייט. דער אמת איז אָבער: וואָלפּסאָנס „לוסטיקע לידער" זיינען ניט אַלע געווען — לוסטיקע. פאַראַן ביי אים — אין די כלומרשט „לוסטיקע לידער" — זייער ערנסטע לידער, אָן אַ שמץ סאַטירע אָדער הומאָר. פאַראַן ביי אים אויך ריין לירישע לידער. אָבער זיי אַלע זיינען געגאַנגען אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען — „לוסטיקע לידער". די ערנסטע לידער האָבן פאַרמאָגט — דינע סאַטירע און סקעפּטישן הומאָר. בדרך כלל לאָזן זיך זיינע „לוסטיקע לידער" ניט טיילן אין מינים. דאָך קען מען זיי באַטראַכטן ווי: א) סתם שטיפערייען; ב) צייט־לידער (טאָג־געשעענישן, פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע); ג) געשטאַלטן; ד) ליריק.

זיינע סתם שטיפערייען האָבן אויך אין זיך אַן ערנסטע נאָטע, תליה־הומאָר, אַמאָל חוזק איבער זיך אַליין. אָט איז אַזאַ מוסטער — געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 21סטן יולי, 1935 —

שוין קלאָר

אָפּטמאָל נעם איך
מיינע זאַכן
אונטער אַ
פאַרגרעסער־גלאָז
און צעטרייבער
יעדע זילבע,
מאַך אַ ווערטער־
דיאַגנאָז.

נעם פאַנאַנדער
יעדן ברעטל
פון מיין גייסטיקער
סטרוקטור,
וויל געפינען
גייסט־סימנים
און סימנים
פון קולטור.

טיף באַהאַלטן
אין מיין וועזן
ליגט דער צווייפל
און ער נאָגט;
קיינמאָל האָט
אַ פערזן־פלעכטער
זיך אַליין
אַזוי געפּלאָגט.

אַלץ וואָס זי,
מיין פעדער, מפילט
קוקט מיר אויסעט
פלאַך און שוואַך,
עפּעס פעלט דאָרט,
דוכט זיך אויס מיר,
זין און אינהאַלט
אין מיין זאַך.

און דער גייסט
פון אונטערשעצונג
מאַכט צו נישט
מיין גאַנצע מי
און מיין לופט־שלאָס
פון דעם „נעכטן"
ליגט פאַרחורבט
אין דער פרי.

שולדיק איז
אין דעם אַן עס־עי,
און אַ דאָקטאָרס
אַנאַליז,
וועלכע זאָגן,
אַז דער מאָגן
מאַכט דעם מענטשן
וואָס ער איז.

לויט דעם מעדיקערס
באַהויפּטונג
האָבן שפּייזן
פיל צו טאָן
מיט דעם שאַפערס
גייסט־פּראָדוקטן.
מיט זיין גאַנצער
יחוס־פאָן.

שפּייזן — זאָגט אונדז
דער געלערטער —
וועלן זיכער
מיט דער צייט
פּראָדוצירן
וועלט־זשעני־ען
און אַ דור
פון גרויסע לייט.

גיי איך דורך
אין מיין זכרון
אַלע טעג
פון פּיין און נויט,
ווען מיין מאָגן
האָט געחלומט
פון אַ שטיקל
דאַרע ברויט.

דענסטמאָל זע איך
איין ווי פּרוכטלאָז
איז מיין מי
און שאַפונגס־פּלאַן;
ניט פון פּאָמפּערניק
און הערינג
וואַקסט אַרויס
אַ גרויסער מאַן

צווישן זיינע צייט־מאָטיוון אויף טאָג־געשעענישן געפינען זיך ערנסטע לידער. ווי דער בעסטער מוסטער פון אַזאַ מאָטיוו קען אונדז דינען דאָס ליד וועגן דעם אַמעריקאַנער פּרעזידענט פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט. דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם ערשטן סעפּטעמבער, 1940, אונטערן נאָמען

צייט־מאָטיוון

דיין וואָרט
פון טרייסט
אין אונדזער נויט
האָט מיך געשטאַרקט;
איך האָב אין גייסט
דיין וואָרט געקושט
און פּאָטערלעך אומאַרמט.

איך וויל מיט ווערטער
אָרעמע
דיין וואַרעם וואָרט
באַלוינען,
און דיר אַלס טרייען
קינד פון פּאָלק
פאַרצייכענען און קרוינען.

אַ באַלזאַם איז
דיין מוט פאַר מיר,
זיי היילן מיינע וואונדן;
דו האָסט אַ פייער־זייל
פון וואָרט
פאַר אונדזער פּאָלק
געצונדן.

דו האָסט זיך איצט
פאַר מיר אַנטפּלעקט,
איך זע דיך
ווי אַ נייען,
וואָס וויל דאָס לאַנד
פון נאַצי־שמוץ
און קאַלין־מיסט
באַפרייען.

איך זע דיך
ווי אַ ריטער איצט
געפּאַנצערט
מיט אַ ווילן
צו מאַכן שטום
די שוואַרצע הינט,
וואָס האָוקענען
און בילן.

דערפאַר איז איצט
דיין מוטיק וואָרט
פאַר מיר
אַ טרייסט געוואָרן,
און ווינטש אַז דו
זאָלסט זיין מיט אונדז
נאָך לאַנגע,
לאַנגע יאָרן.

אַט יענע זין,
די הינטישע,
וואָס ווילן אונדז
פאַרניכטן,
און שפּרייטן גיפט
און ראַסן־האַס
צווישן אַלע
שיכטן.

דו ביסט געוואָרן
נענטער מיר.
דו האָסט
מיין האַרץ באַצוואונגען.
און דאָס דערקלערט
פאַרוואָס מיין פען
האָט זיך אַזוי צעזונגען.

זיי וועלן
אונדזער פרייע ערד
און אונדזער
פרייען הימל
פאַרוואַנדלען
אין אַ נאַרן־הויז
פון אַלטערטום
און שימל.

אין דיינע הענט,
מיין קאַפּיטאַן,
געטריי איך
שיף און רודער.
דו ביסט אַ נייער
לינקאָלן,
צום לייענדן
אַ ברודער.

זיינע געשטאַלט־לידער האָבן אַ שטאַרקע טראַדיציע אין דער יידישער סאָציאַלער פּאָעזיע — נאָך זינט ווינטשעווסקין. אויך וואָלפּסאָן אַליין האָט אין די 90ער יאָרן געשריבן אַ סך געשטאַלט־לידער, באַזונדערס אין דער סעריע — „גאַסן־בילדער". אין אַ סאַטירישן נוסח זיינען זיי געווען זייער בולט אין זיינע „בילדער און גראַמען". אין די „לוסטיקע לידער" זיינען דאָ ביי אים אַ שלל פּאָרטרעטן און סתם

געשטאַלטן. על־פּי־רוב זיינען זיי צונויפגעוועבט מיט סאָציאַלער שיל־דערונג. ״גלגול״ איז אַזאַ כאַראַקטעריסטיש ליד. געדרוקט איז עס געווען אין „פאָרווערטס״, דעם 28סטן יולי, 1935:

אַ גלגול

געווען איז אַ שוחט
אין שטעטל ביי אונדז,
געווען אַ בעל רחמים
אַ גרויסער,
געווען איז דער שוחט
אַן איידעם אויף קעסט
ביי יאַנקלען וואַראָווניק,
דעם עושר.

מע האָט זיך געוואונדערט
אין שטעטל ביי אונדז,
געווען איז עס
שווער צו באַגרייפן:
ווי קומט אַ בעל רחמים
צו שחיטה און בלוט,
ווי קען ער
חלפים גאָר שלייפן?

געווען איז דער איידעם
אַ זיידענער מענטש,
פלעגט ריידן
פון איידעלע זיטן,
פלעגט שאַרפן חלפים
און ריידן מיט גאָט
און העלזלעך
פון עופות געשניטן,

דער שווער איז אַ נגיד,
אַ ייִד אַ גביר,
האָט פּעסלעך
מיט גאָלדענע רענדלעך;
זאָל זיינער אַן איידעם,
דער זיידענער מענטש,
פאַרטיליקן הינער
און הענדלעך?

אַזוי האָט דער זיידענער
קוילער געלעבט,
און שטענדיק
פון רחמים געפלאַפּלט,
און האָט מיט אַן אויג
ניט אַ פינטל געטאָן,
ווען אַ הון האָט
אין בלוט זיך געצאַפּלט.

עס וואָלט אים חיונה
חלילה געפעלט?
עס וואָלט אים
געפעלט אויף אַ לעבן?
ער איז דאָך געוועזן
אַן איידעם אויף קעסט,
דער שווער האָט
אויף אַלץ דאָך געגעבן.

און ענדלעך איז שטעטל
געקומען צום שלום,
אַז טיף דאָרט
אין מאַרך פון דעם אייִדעם
גליט אַ גהינום
פון בלוטדורשט און מאָרה,
עס טאַנצן אַרום
דאָרטן שדים.

פאַראַן דאָ אַ גלגול
פון יענעם פאַרשוין.
אויך ער איז,
ווי יענער, אַ גוטער,
האָט פונקט ווי דער שטעטלשער
שוחט ביי אונדז
אַ ווייכע נשמה
ווי פוטער.

רעדט פון רעפאָרמעס
און פריידיקט מאָראַל,
דרוקט ביכער,
עסייען, אַרטיקלען,
און זוכט די פרינציפּן
פון רחמים צום מענטש,
ביי אונדז צו פאַרפלאַנצן,
אַנטוויקלען.

און ער, דער „בעל־רחמים",
דער איידעלער מענטש,
וואָס טומלט,
און ליאַרעמט : רחמנות !
גרייט־צו פאַרן בראָכשטול
דעם מענטשלעכן שטייב.
זעט־צו ווי מען בראָט
די קרבנות.

ל י ר י ק

כמעט יעדער זשאַנער אין וואָלפסאָנס „לוסטיקע לידער" האָט דורכ־געמאַכט אַן אַנטוויקלונג זינט ער האָט אָנגעהויבן שרייבן. אַזוי איז עס אויך געווען מיט זיינע לירישע לידער. עס איז גענוג צו דערמאָנען זיין „טרויער־ליד", געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 21סטן אויגוסט, 1898. דאָס איז דורך־און־דורך אַ ליריש־יחידיש ליד. אַגב — בלויז אין איין סטראָפע איז פאַראַן דאָרט אַ גראַם. דאָס גאַנצע ליד איז זייער ריטמיש, אָבער אָן גראַמען. און מחמת דעם, איז דאָס ליד — שטיל. אַזוי הייבט זיך אָן דאָס ליד :

דער טויט האָט מיר אַ פריינד געראויבט,
אַ גוטן פריינד, אַ צוערטלעכן.
אַ האַרץ, וואָס האָט מיט מיר געפילט
איז איצט גאַנץ ווייט פון מיר.

א. ל. וואָלפסאָן — אין די עלטערע יאָרן

צווישן זיינע „גאַסן־בילדער", געדרוקט כמעט אין יענער צייט, זיינען פֿאַראַן אַ סך לירישע לידער. די „גאַסן־בילדער" זיינען סאָציאַלע ליריק אין בעסטן זינען פֿון וואָרט. אַ סך זיינען זייער סענטימענטאַל. סוף 90ער יאָרן, — מער פּינקטלעך, — דעם 29סטן יאַנואַר, 1899, דרוקט ער אָפּ אין „פֿאָרווערטס" אַ ליד וועגן אַ גאַסן־מיידל — „איך האָב געזען אַ מיידעלע, אַ שיינינקע אַ קליינינקע / אַ ליבלעכע, אַ צערט־לעכע, אין שמאַטעס איינגעהילט". אין דער משפּחה איז זי געווען „די שפּייזעריןן, ערלייזעריןן". איצט ליגט זי אויף דער גאַס פֿאַרפֿרוירן: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טומל דאָרט? און נייגעריק די מאַסע קוקט, / וואָס וויינט די אַלטע פֿרוי און ברעכט זיך יאָמערלעך די הענט?" און דער אַלטער גרייז? — „דער אַלטער האָט, ווי איך און דו, געטרוימט פֿון גליק און לעבן..." דאָס ליד איז אינגאַנצן ליריש אין זיין טאָן — סענטימענטאַל־ליריש.

יחידיש־ליריש זיינען ביי וואָלפּסאָנען אַזעלכע לידער ווי די „פֿראָסט־מעלאָדיען" (1901), אָדער דאָס ליד „מיין אונטערגאַנג" (1907). ביידע לידער האָבן מיר פֿריער ציטירט. ליריש זיינען אַזעלכע לידער ווי „אומעט", געדרוקט אין „וועקער", דעם 17טן דעצעמבער, 1921; „אַמאָל", געדרוקט דאָרטן, דעם 11טן מערץ, 1922.

צווישן זיינע כלומרשט „לוסטיקע לידער" קען מען געפֿינען אַ סך ריין־לירישע לידער. ווי אַ מוסטער וועלן מיר דאָ ברענגען דאָס ליד „מיין חלום", געדרוקט אין „פֿאָרווערטס", דעם 6טן אַפּריל, 1941:

מיין חלום

ערגעץ הויך,
אין אומבאַשטימטן
ווייטן גרויסן
וועלט־רוים,
צייטיקט זיך
אין קנויל פֿון גרוילן
שטיל אַ ליבער
שטראַלן־טרוים.

וועלטן ווערן רייף
און צייטיק,
וועלטן געטלעכע
אין פּראַכט,
און פֿון גרוילן־פּלאָנטער
פֿאַלן שטיל
די שלייערס
פֿון דער נאַכט.

פאַלט אַ שלייער
נאָך אַ שלייער,
פון אַ זעפיר־ווינט
באַרירט,
און אַ ווייסער
שטילער חלום
אין אַ חלום־וועלט
דיך פירט.

ראַנגלען זיך
די שוואַרצע כוחות
מיט די העלע
פאַסן ליכט,
און די העלקייט
פילט געקרוינט זיך
פון דעם נאָנסטן
וועלט־געריכט.

ווי אַ שוואַן
אין זילבער־טייכל,
מאָרגן ווייסקייט
זיך אַנטפּלעקט,
און דער ווייסער
שהאַנגען־שימער
אַלץ אַרום
מיט ליכט באַדעקט.

איינגעהילט
אין זון־טליתים
קומט דער ליבער
מאָרגן אָן;
פון נצחון־פריד
באַגייסטערט
טראָגט ער שטאָלץ
די זיגער־פאָן.

וועלכע רופט
צו יעדן מענטשן,
וואָס אַ מענטשלעך
האַרץ פאַרמאָגט,
און אין מילדן
פאָן־געפלאַטער,
טרייסט ער די
פון נאַכט געפלאָגט:

זעט, דער מאָרגן
איז געקומען;
זעט, פאַרשוואונדן
איז די נאַכט;
איך, דער מאָרגן,
בין דער זיגער;
איך האָב טרייסט
און גליק געבראַכט.

און די פרייע
פריקד צעזינגט זיך
און אַ געטאָ־טויער
פאַלט,
און דער יובל
פון באַפרייטע
קלאַנגען־רייך
די לופט פאַרשאַלט.

חלומות,
אין דער נאַכט געבוירן,
וועט איר ווערן
ווירקלעכקייט?
ברענגט אַ שטן מיר
פון אַנזאָג,
אַז דער מאָרגן
איז ניט ווייט?

דאָס נאָרוואָס ציטירטע ליד איז אינגאַנצן ליריש. דאָך איז קלאָר דער סאָציאַלער מיין. דער קאַמף אין דער נאַטור צווישן די שוואַרצע כוחות (וואָלקנס, נאַכט, נעפּל) און די העלע פּאַסן ליכט — דאָס איז געווען ממש אַ טראַדיציע אין סאָציאַלן ליד. און ביי סאָציאַלע פּאָעטן זיינען אויפגעקומען אַזעלכע בילדער אַפילו אין ריין־לירישע לידער: „איך, דער מאָרגן, בין דער זיגער; איך האָב טרייסט און גליק געבראַכט". בולטער סאָציאַל איז זיין ליריש ליד „אַ טרייסט־ליד", געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 8טן אויגוסט, 1940:

אַ טרייסט־ליד

טרוימער
פון אַ נייער וועלט;
הייבט אויף
די וויין־באָקאַלן!
און זאָל די פרייד
פון יענע טעג
מיט פרייד
און יובל שאַלן.

איר האָט די וועלט
פון שלאָף געוועקט,
און איר
אַ טרייסט געגעבן.
אָט יענער רוף
וועט אויף דאָס ניי
נאָך געבן מוט
צו לעבן

עס ליגן סחורות
ערגעץ־וואו
באַהאַלטן
און פאַרבאָרגן,
וואָס וואָרקענען
ווי טויבן שטיל,
אַז קומען
וועט אַ מאָרגן.

האַלט ריין דאָס וואָרט
פון יענער צייט,
האַלט גלאָררייך אים
און זויבער;
וויל וואָרט, פון אמת
אויסגעוועבט,
באַגייסטערט מיט זיין
צויבער.

אַ מאָרגן־פריי
און זון־באַשטראַלט,
אַ מאָרגן
פריי פון קייטן,
וואו ער, דער מענטש,
פאַרנעמען וועט
דעם אויבן־אָן
דעם גרייטן.

און ניט פאַרגעסט
די ליבע היים,
וואָס בענקט
נאָך אירע קינדער;
טיילט מיט איר
דעם פרייד־מאָמענט,
מאַכט איר שיקזאַל
לינדער.

און איצט
גיט נאָך אַמאָל אַ הייב
דעם בעכער
צו די ליפּן,
און לאָמיר דאָ
דעם ברודער־בונד
פאַרזיגלען
און פאַרקניפּן.

און כאָטש עס האַלט
די שוואַרצע מאַכט
די וועלט
אין אירע קלויען
דאָך וועלן מיר,
צום טראָץ דער מאַכט,
אַ וועלט
אַ נייע בויען.

טראַדיציע רופט
צו טאַט און פליכט,
עס רופט אונדז
דאָס געוויסן
צו וועבן אויף דאָס ניי
די פאָן,
וואָס שונא
האָט צעריסן.

און צו דער נייער וועלט,
וואָס קומט,
הייבט, ברידער,
די באַקאַלן;
און זאָל די פרייד
די האַרציקע
מיט מענער־מוט
ערשאַלן.

די פאָרם אין די „לוסטיקע לידער" איז זייער אַן אינטערעסאַנטע. אויבנאויף זעט עס אויס ווי וואָלפסאָן האָט געשריבן פיר־שורה־קופּלעטן און זיי צעוואָרפן אין אַכט שורות. אין דער אמתן איז עס ביי אים אַזוי אויסגעקומען מחמת פיר טעמים: באַטאָנען באַזונדערע ווערטער אָדער פראַזעס; באַוועגן זיך פריי; צווינגען דעם לייענער זיך אָפּשטעלן, וואו דער דיכטער וויל; און בייטן דעם ריטם. אָט־די אַלע זאַכן באַמערקט מען ניט אין גאַנג פון ליד.

און אין דעם טאָקע ליגט וואָלפסאָנס מייסטערשאַפט. אין זיינע „לוסטיקע לידער" גייט ער זייער זעלטן איבער אין קאָנווענציאָנעלן קופּלעט. דאָך זיינען פאַראַן אַזעלכע פאַלן אין זיין „לעבן", אַ מין אַריינפיר אין זיין ליד „אומשטערבלעכקייט" געדרוקט אין „פאָר־ווערטס", אויך אונטערן אַלגעמיינעם קאָפּ „לוסטיקע לידער", דעם 7טן פעברואַר: 1937:

ל ע ב ן

לעבן איז אַ ים אַ טיפער,
און דער מענטש — מאַטראָז,
און אַ קאַפּיטאַן אַ שטיפער
פירט אים ביי דער נאָז.

פירט ער די מאַטראָזן זיינע
העט צו יענעם ברעג,
וואו עס שלינגען אייביקייטן
די געציילטע טעג.

דאָס וויכטיקסטע אין וואָלפסאָנס „לוסטיקע לידער" איז דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט אַ גרויסע מייסטערשאַפט. וואָס פאַר אַ טעמע ער נעמט נאָר, וואָס פאַר אַ ליד ער פאַרטראַכט — קומט עס ביי אים אויס אויסערגעוויינלעך באַוועגלעך, פלינק, לייכט, מוזיקאַליש און באַלאַנסירט. אין אָט־דעם זשאַנער זיינעם האָט ער דערגרייכט גאָר אַ סך. דיכטער, וואָס ווען זיך באַנוצן מיט וואָלפסאָנס זשאַנער, קענען ביי אים זייער אַ סך לערנען און איבערנעמען אַ סך מעלות פון זיין אייגנאַרטיקן פערז.

יעקב מאַרינאָוו



— 1869

יעקב מאַרינאָוו

השפעה פון נייעם דור

די סאָציאַלע פּיאָנערן־פּאָעטן אין אַמעריקע זיינען, על־פּי־רוב, ניט געווען געבענטשט מיט אַריכת ימים. בלויז געציילטע האָבן דער־לעבט אַ טיפע עלטער. און בלויז עטלעכע צווישן די דאָזיקע גע־ציילטע זיינען געווען ליטעראַריש פּראָדוקטיוו ביז אין זייערע שפּעטע יאָרן. יעקב מאַרינאָוו האָט געהערט צו אָט־די אויסנאַמען. דערמיט גיט ער אונדז אַ מעגלעכקייט צו זען ווי אַזוי ס'האָבן זיך געביטן און ווי אַזוי ס'האָבן זיך געקענט בייטן טייל סאָציאַלע פּאָעטן. עס פאַר־שטייט זיך, — דאָס קען ניט זיין חל אויף אַלע סאָציאַלע פּאָעטן. געווען צווישן זיי אַזעלכע טראַגיש־מאַרטירערישע פּערזענלעכקייטן ווי עדעל־שטאַט, אַזעלכע קאָנצענטרירטע נאַטורן ווי באָוושאָווער.

אין מאַרינאָוון זעען מיר געוויסע ענדערונגען אין זיין שרייבן. זיי זיינען פאַר אונדז סימנים ווי אַזוי, בערך, עס וואָלטן אויסגעזען די ענדערונגען ביי אַ סך סאָציאַלע פּאָעטן, ווען זיי וואָלטן ניט אַנטשוויגן געוואָרן אַזוי יונג.

איין זאַך איז זעלבסטפאַרשטענדלעך: די טעכניק און שפּראַך ווערט צייטיק ביי לאַנג־פּראַקטיצירנדיקע פּאָעטן. ביי וואָלפסאָנען האָבן זיך געביטן די מאָטיוון. אין די שפּעטערדיקע יאָרן דאָמינירן שוין ניט ביי אים די וועקלידער און רופלידער, די טרערן־ און עלנט־לידער. ער איז געוואָרן דער פיינסטער מייסטער פון פּאָליטישן ליד, פון סאַ־טירע. ביי מאַרינאָוון זיינען אויך פאַראַן די פריערדיקע נטיות — וועק־ און רופלידער, לידער וועגן סאָציאַלער עלנט, סאַטירע. מיר זעען שפּעטערדיקע לידער־שינויים, וואָס די צייט האָט גורם געווען.

דער קאָנטיקסטער שינוי איז — שרייבן וועגן זיך אַליין. דירעקט־ביאָגראַפישע לידער האָבן די סאָצאַלע פּאָעטן כמעט ווי גאָרניט גע־שריבן. ביי בנימין ראָזענבלומען איז פאַראַן אַ ליד וועגן דער גרוי־סער עלנט אין דער אָרעמער היים, בעת ער איז געווען אַ קינד. האָט ער עס, אָבער, ניט געשריבן ווי אַ ביאָגראַפיש ליד, נאָר ווי אַ שוידער־ליד. ס'איז דאָרט אַפילו שווער דערקענען דעם ביאָגראַפישן קערן.

צווישן די גאָר־גאָר ווינציקע אויטאָביאָגראַפישע לידער איז באַוווּסט־ווערס ליד „דערינערונגען פון קינדהייט״. דאָ רעדט ער קלאָר וועגן זיך אַליין, אָבער אַזעלכע לידער זיינען אויסנאַמען. פאַראַן, מן־הסתם, נאָך עטלעכע אויסנאַמען: ביי די, וואָס זיינען געוואָרן שטאַרק יחידיש, ווי, למשל, מאַטוועי ראָם און יוסף יפה.

אין עלטער פון קרוב 70 יאָר האָט שוין מאַרינאָוו פריי־און־פראַנק זיך דערלויבט שרייבן לידער וועגן זיך אַליין. געווען איז דאָס אין יאָר 1938, מיט אַ פופציק יאָר שפּעטער ווי ס׳איז אויפגעקומען דאָס יידישע אַרבעטער־ליד. האָבן זיך אין זינען און ניט דעם אַרבעטער־קלאַס, דאָס פאָלק — דאָס וואָלט אין די 80־ער יאָרן געווען אַפּיקורסות און עגאָטיזם. אָבער אין יאָר 1938 איז דאָס געווען לכל הדעות כשר און אַגב — אַ דאַנק דעם ווייסן מיר אַ סך פּרטים וועגן דעם דיכטערס קינדהייט.

ב י אָ ג ר אַ פ י ע

יעקב מאַרינאָוו איז געבוירן געוואָרן אין סערניק, לעבן פּינסק, מינסקער גובערניע, דעם דריטן דעצעמבער, 1869. געווען איז דאָס — „חנוכה, די פינפטע־ליכטל־נאַכט, האָט מיך מיין מוטער אויף דער וועלט געבראַכט״. געווען איז ער דאָס ניינטע קינד. „געקומען זיינען גלייך נאָך מיר — שרייבט דער דיכטער — גאָר אומגעבעטן גאַנצע פיר״.

סך־הכל — גאַנצע דרייצן שטיק,
פיר כרובים זיינען גלייך פון וויג

אַרויף אין הימל, שטיל און פיין,
געבליבן זיינען וויפל ? — ניין !

יאָ, ריכטיק: ניין — געזונט און פריש —
מיט טאַטע־מאַמע — עלף ביים טיש.

זיין פאָטער מאיר מאַראָטשניק איז געווען אַ שניידער. שפּעטער האָט ער געהאַט אַ ווינטמיל.

און ווען ס׳איז נישט קיין ווינט געווען,
האָט אונדזער טיש קיין ברויט געזען.

געקומען איז אַמאָל אַ שטורעמווינט,

אַ שפּיל געטאָן זיך מיט סערניק . . .
און פון בית עולם ביז דער בריק.

פון באַרג ביז דעם פּאָטשטאָוון שליאַך,
איז ניט געבליבן גאַנץ קיין דאַך!

און ווען עס איז געוואָרן שטיל,
מיר כאַפּן זיך — נישטאָ די מיל!...

און עלף פאַרשוין — געזונט און פריש —
געבליבן זיינען אָן ברויט ביים טיש.

צו זעקס יאָר האָט מאַרינאָוו שוין געלערנט חומש מיט רשי. „צו צוועלף בין איך אין נביאים קלאָר, איך קאָן אויף אויסווייניק אַ סך קאַפּיטלעך גאַנצע פון תנך". צו דרייצן יאָר ווערט ער אַ שמיד. ס'קומט שעפּסל דער קאָוואַל „מיט לאַפּעס ווי אייזערנע צוואַנגען",

און זאָגט צו מיין טאַטן רב מעיר,
איך וויל אַז איר זאָלט מיר דערלאַנגען

אַהערצו דעם יאָט אויף דריי יאָרלעך,
און איך לערן אים אויס די הלכות
פון שמידן קאָבילעס און רעדער,
און מאַכן אי סערפּעס, אי סאָכעס.

דער טאַטע שלאָגט צו און איז מסכים.
מע מאַכט באַלד מיט מזל אַ שנעפּסל,
און ס'בלייבט, אַז נאָך שבת באַדאַרף איך
זיך יאָווען אין קוזניע, צו שעפּסלען.

די מאַמע האָט, אָבער, געהאָפט, איר יאַנקל וועט ווערן אַמאָל אַ רב. און דאָ פּלוצעם זיינען צערונען אירע חלומות. איר ביטער

האַרץ, איר שמועס מיטן פֿאָטער און דעם יינגלס איבערלעבונגען — דאָס גיט דער דיכטער איבער אין זיין אויטאָביאָגראַפֿישער פּאָעמע „איך ווער בר־מצווה — איך ווער אַ שמיד״. אין דעם דערפֿל נעטשאַ־טאָוו, לעבן סטאָלין, פֿיר מייל פֿון סערניק, אַרבעט דער צוקונפֿטיקער דיכטער אין ר׳ שעפּסלס קוזניע, האַרט ביים שליאַך. פֿינף יאָר האָט ער פֿאַרבראַכט אין דער קוזניע, בלויז אויף אַ שבת און יום־טוב איז ער געקומען אַהיים.

בעת ער אַרבעט ביי ר׳ שעפּסלען ציען זיך אַריבער זיינע עלטערן קיין אָדעס, צו 18 יאָר פֿאָרט מאַרינאָוו אויך פֿליטן קיין אָדעס. ווען ער קומט־אָן אַהין, איז זיין מוטער שוין געוועזן טויט. פֿון גרויס עגמת־נפֿש ווערט ער קראַנק. ער פֿאַרלירט זיינע כוחות און קען זיך שוין ניט נעמען צו זיין פֿריערדיקער מלאכה. ווערט ער אַ שניידער. זיין פֿרייע צייט פֿאַרברענגט ער מיט די שניידער־געזעלן. קיין יידישע צייטונגען אָדער ביכער האָט ער ניט געזען פֿאַר די אויגן. פֿרום איז ער און היט אָפּ אַלע תרי״ג מצוות.

דריי יאָר איז ער אַ שניידער אין אָדעס, ביז עס רוקט זיך אונטער די צייט זיך שטעלן צום פּריזיוו. אַנטלויפֿט ער פֿון רוסלאַנד קיין לאָנדאָן. דאָס קומט פֿאָר אין יאָר 1891. אין לאָנדאָן פֿאַלט ער אַריין אין די שניידער־פֿאַבריקן, וואו ער קומט צום ערשטן מאָל אין באַריר מיט ראַדיקאַלע אַרבעטער. אַ נייע וועלט עפֿנט זיך פֿאַר אים. ער ווערט אַן אַפּיקורס און אַ סאָציאַליסט. בטבע אַן ענערגישער, וואַרפֿט ער זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער סאָציאַליסטישער באַווע־גונג. ער באַקענט זיך מיטן דעמאָלט באַוואוסטן טרעיד־יוניאָניסט לואי לאַיאָנס, מיט בערנאַרד שאָו און מיט מאָריס ווינטשעווסקין. ער לאָזט ניט דורך קיין איין וויכטיקע רעדע פֿון זיינע נייע רביים. זונטיק פֿאַרברענגט ער אַ גאַנצן טאָג אין האַיד־פּאַרק, וואו ער העלפֿט איינ־אָרדענען די פֿאַרזאַמלונגען פֿאַר די סאָציאַליסטישע רעדנער. אין האַיד־פּאַרק קען מען אים גאַנץ גוט. מען האָט אים געקענט אַפֿילו אין די ערשטע טעג, ווען ער האָט געהאַט אין מויל בלויז צוויי־דריי ענג־לישע ווערטער: „דזשאָסטיס״ („גערעכטיקייט״) און „טו פּענס״ (צוויי פּענס). דאָס האָט ער פֿאַרקויפֿט די ראַדיקאַלע צייטונג. גאָר איבער־גליקלעך איז ער, ווען בערנאַרד שאָו שטעלט אים פֿאַר: „מאַי קאָמ־רעד, מיסטער מאַרינאָוו״ (מיין חבר, מיסטער מאַרינאָוו).

צוויי יאָר פֿאַרברענגט מאַרינאָוו אין לאָנדאָן. מיט אַ סטאַזש פֿון

אַ פייערדיקן סאָציאַליסט קומט ער אין יאָר 1893 קיין ניו־יאָרק. אין ניו־יאָרק איז ער טעטיק אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. ער טרעפט זיך דאָרטן אָפּט מיט בנימין פייגענבוימען, גרשון ראָזענצווייגן און יואל ענטינען.

ערשטע לידער

אָנהייב 1894 פאָרט מאַרינאָוו זיך באַזעצן אין באָסטאָן, וואו עס וואוינט זיין פאָטער. אין באָסטאָן הייבט ער אָן שרייבן לידער. זיין ערשטע ליד „מי ומי ההולכים" שיקט ער אַוועק אין ניו־יאָרק, אין דער „אַרבייטער צייטונג". דאָס ליד האָט ניט נושא חן געווען. אָבער דער רעדאַקטאָר דערמוטיקט אים אַ ביסל. דעם 13טן אַפּריל באַווייזט זיך אין „בריווקאַסטן" פון דער צייטונג אַ נאָטיץ: „דזשייקאָב מאַרינאָוו, באָסטאָן — אייער געדיכט אַנטהאַלט סליאָדן פון פעאיקייט. איר דאַרפט אָבער פריער באַקאַנט ווערן מיט דעם מעטער און מיט דער קונסט פון געדיכט־שרייבן בכלל". ד"ר קאָניקאָוו נעמט זיך אונטער לערנען מאַרינאָוון. מאַרינאָוו באַקענט זיך מער מיט שרייבן יידיש און מיט „געדיכט־שרייבן בכלל". אין אָן אויסגעבעסערטער פאָרם ווערט זיין ערשט ליד געדרוקט מיט צוויי און אַ האַלב יאָר שפּעטער אין דעם באָסטאָנער „אמת" (דעם 12טן יולי, 1895), אונטער מאָריס ווינטשעווסקיס רעדאַקציע. דאָס ליד איז ניט אַריין אין זיינע זאַמלונגען. גיבן מיר עס דאָ בשלימות:

מי ומי ההולכים

ווער גייט מיט מיר נאָך גלייכהייטס־לאַנד,
ווער וויל מיין חבר זיין?
איך שטרעק צו יענעם אויס מיין האַנט,
מיט יענעם טייל איך מיין פאַרשטאַנד,
דאָס לייב, דאָס לעבן מיין!

נאָר ווייסן זאָל אַט־די פּערזאָן,
וואָס וויל באַגלייטן מיר;
ער מוז אַ העלד זיין, וועלכער קאָן

ניט ווערן בלאָס פון אַ קאַנאָן,
דורך שטורעם טראָגן וואַרהייטס־פאָן —
דורך שטרויכלונגען אָן שיער!

ער טאָר ניט ווערן אָפּגעשוואַכט
אויפן וועג צו גלייכהייטס־לאַנד,
פון שרעק אין חושכדיקע נאַכט
ניט פאַר אַ שונאס שטאַרקע מאַכט,
זאָגאַר ווען ס'פעלט פראָוויאַנט!

דען אויף דעם וועג צום וואָרן גליק,
קען אויסקומען אַמאָל
צו טרעפן קייטן, הענקערס, שטריק,
אַ טיפן זומפּ, אַ שוואַכן בריק,
אַ הויכן באַרג, אַ טיפן טאָל...

נו, ווער איז צו דער רייזע גרייט?
גרייפט אָן מיין רעכטע האַנט,
האַלט פעסט מיין האַנט און זייט באַרייט
זאָגאַר דעם בלאַסן, קאַלטן טויט
באַגעגענען ביינאַנד!

און אויף מיין רוף, ווען קיינער וועט
ניט וועלן גיין מיין וועג,
דאַן גיי איך זעלבסט אַהין, און בעט
קיין הילף פון קיינעם מער, און טרעט
פאַר אַנדערע אַ שטעג.

דען איך האָב זיך באַשלאָסן פעסט
צו מיידן דיזע וועלט,
די וועלט פון מיין און דיין, דעם נעסט
פון רויב און מאָרד און פעסט;
די וועלט, וואו יעדער יעדן פרעסט
צוליב דעם שד פון געלט...

און היילּיק האַלט איך דעם באַשלוס —
איך לעב פֿאַר אים אַליין —
איך פֿלי אַהין, וואו פֿרייד, גענוס,
און וואַרעם גליק אין איבערפֿלוס
געניסן גרויס און קליין!

איך פֿלי אַהין, וואו ליבע שטראַלט
אויף יעטוועדער געזיכט;
וואו יעדער איינער, יונג און אַלט,
אין שטאָט, אין דאָרף, אין פֿעלד, אין וואַלד
פֿאַרשטייט זיין רעכט, זיין פֿליכט!

איך פֿלי אַהין! נו ווער גייט מיט?
גרייפֿט אָן מיין רעכטע האַנט!
איר זעט דאָרט, דורך די וואָלקנס גליט
אַ שטראַל? ער ווינקט: — „נו מאַכט אַ שריט,
אַהין, אַהין! צו גלייכהייטס־לאַנד!"

ווי דערמאָנט פֿריער — דאָס דאָזיקע ליד, וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך אָנהייב 1894, האָט ער אויסגעבעסערט מיט צוויי און אַ האַלב יאָר שפּעטער, בעת ער איז שוין געווען אין קאָלאָראַדאָ. קיין קאָלאָראַדאָ איז ער אַוועקגעפֿאָרן אין יאָר 1895. אים האָט זיך דעמאָלט אויסגע־דאַכט, ער ווערט קראַנק אויף די לונגען. קאָלאָראַדאָ איז געווען באַ־וואוסט צווישן אַלע לונגען־קראַנקע ווי אַן אָרט, וואו מען קען זיך ראַטעווען. דאָרטן האָט מאַרינאָוו געהאַט אַ ברודער. געפֿאָרן אַהין איז ער טאַקע צוליב די נאָרוואָס דערמאָנטע סיבות. געווען אויך דערביי אַ פֿאַרבאָרגענע סיבה. דאָס וואָרט קאָלאָראַדאָ האָט אַרויסגערופֿן יראה אין די הערצער פֿון די יונגע ראַדיקאַלן: אין קאָלאָראַדאָ איז אין 1892 געשטאָרבן דער דעמאָלט באַצויבערנדיקער מאַרטירער־דיכטער — דוד עדעלשטאַט.

דרייצן יאָר לעבט מאַרינאָוו אָפּ אין קאָלאָראַדאָ, פֿון 1895 ביזן יאָר 1908. ער איז זיך מפּרנס פֿון אַ שניידער־קרעמל, וואָס ער פֿאַרלייגט דאָרטן. זיין ליטעראַרישע וועלט האַלט זיך אין איין אויסברייטערן אַדאַנק די שרייבער, וואָס לעבן אין קאָלאָראַדאָ, אָדער קומען אַהין אויף

אַ קורצער צייט. אין קאַלאָראַדאָ איז ער זייער נאָענט באַפריינדט מיט יהואשן, מיט ד״ר חיים ספיוואַקן, דעם זעלטענעם מענטש און זעלטענעם יודע ספר, און מיט ד״ר אַדאָלף צעדערבוימען. אונטער זייער השפעה, באַזונדערס אונטער יהואשעס, איידלט זיך אויס זיין ליטעראַרישער געשמאַק. אין קאַלאָראַדאָ טרעפט ער אויך די פּאָעטן נחום מ. באַבאַדן, לאַפּוכאָווו און שאַרקאַנסקין.

ניין יאָר צייט פאַרנעמט ער זיך מיט שניידעריי. ביזן יאָר 1904 איז ער זייער טעטיק אין דער ס. ל. פּ. (סאָציאַליסטישער לעיבאָר פּאַרטיי). אַ געוויסע צייט איז ער דער „סטעיט־אָרגאַניזער״, דער שטאַט־אָרגאַניזירער, פון קאַלאָראַדאָ. ער איז אַן עקסטרעמער אומקאָמ־פּראָמיסלעכער סאָציאַליסט. איז קלאָר, — ווי נאָר עס קומט פּאָר די שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי, געפינט ער זיך אין דער דע־ליאָן פראַקציע.

יהואשעס השפעה

אין 1904 איז אויפגעקומען די איצט־באַרימטע דענווער־סאַנאַטאָ־ריע פאַר שווינדזוכטיקע. מאַרינאָוו איז געווען צווישן די געציילטע גרינדער, אויך איר ערשטער פאַרוואַלטער. שווער איז אָבער געווען צו פאַרוואַלטן אַ סאַנאַטאָריע, וואָס מען האָט אויפגעשטעלט מיט דער סומע $1.10 און מיט 6 געצעלטן. עס איז אַלעמען קלאָר געוואָרן: מען מוז שאַפן געלט אין דער גרויסער יידישער אַמעריקע, וואָס שטעלט צו אַלץ מער און מער חולאים, מחמת אירע שוויץ־פאַבריקן. איז מאַרינאָוו גע־וואָרן דער ערשטער רייזנדיקער סעקרעטאַר. זיין עובדא איז באַשטאַ־נען אין אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און זאַמלען געלט פאַר דער סאַנאַטאָריע.

פיר יאָר צייט איז מאַרינאָוו אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע. זומער 1908 איז ער געקומען פון סאַן־פראַנציסקאָ מיט אַן אולטימאַטום: „כ'וועל אויסגעריסן און אויסגעשליסן אויף מיינע נסיעות. איז זאָל יהואש מיט מיר מיטפאָרן, אָדער איך פאָר מער אין גאַנצן ניט״. יהואש איז שוין דעמאָלט געווען באַרימט און הויך געשעצט איבער גאַנץ אַמעריקע. מאַרינאָוו איז טאַקע אַנגעקומען אַ סך גרינגער אַרומ־צופאָרן מיט יהואשן. יהואש האָט ביי די גרויסע אונטערנעמונגען לטובת דער סאַנאַטאָריע געלייענט זיינע לידער, וואָס האָבן שטענדיק איבערגעלאָזן אַ גוואַלדיקן רושם אויף די צוהערער. מאַרינאָוו זיינען

אויך גרינגער געוואָרן זיינע באַמיאונגען. ער האָט זיך דערפילט דער־הויבענער. באַטראַכט האָט ער יהואשן פאַר אַ פּאָעט בחסד עליון, ער האָט אים באַוואונדערט, ווי ער האָט באַוואונדערט פּרצן. ס׳איז כדאַי דאָ צו פאַרצייכענען עטלעכע פּרטים.

יעקב מאַרינאָוו האָט אָנגעשריבן אַ ליד „אַ טעות?״. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף יהואשעס ליד „כביכולס טעות״, געדרוקט דעם 18טן מאַי, 1901, אין „פאָרווערטס״. אין דעם ליד דריקט אויס יהואש דעם ווייטיק איבער כביכולס טעות, וואָס זיין באַשאַף האָט געזאָלט „ווערן פון חיל אַ פירער, אַ מעכטיקער צעזאַר, אַ שטאַרקער רעגירער, און נעבעך אַרויס — אַ פּאָעט...״ דער דיכטער מוז ערשט אַליין זיין חיל באַשאַפן, זיין אויסגעטראַכטע וועלט. „זיין העלישע גבורה ווערט אָבער אַלץ שוואַכער, וואָס נעענטער ער קומט צו דער וועלט...״ ער מוז אויסשטיין דעם המונס געלעכטער און לצנות „די קאַלטע לצנות פון די וואָס דערשרעקן זיין בליק וואָלט, ווען ער וואָלט, ווען ער זאָל זיך פלוצעם אַנטפּלעקן, מיט קרוין פון דיאַמאַנטן און גאָלד...״ און אין דעם דיכטערס יעדער שורה הערט זיך „דער קרעכץ פון אַ לעבן וואָס איז ניט געראָטן, אַ גרויסע נשמה וואָס איז מעשה שטן, באַשאַפן געוואָרן פאַרקערט...״

יעקב מאַרינאָוון האָבן טיף גערירט יהואשעס קלאָג־ווערטער. זיין באַליבטסטער און געשעצטער פּאָעט זאָל וועגן דעם דיכטער שרייבן אַזעלכע ווערטער? מאַרינאָוו האָט תיכף געענטפערט אויף דעם דאָזיקן ליד. מיט אַ קנאַפּע צוויי וואָכן שפּעטער, דעם ערשטן יוני, 1901, באַווייזט זיך אין דעם זעלביקן „פאָרווערטס״ מאַרינאָווס ענטפער „אַ טעות?״, און דאָס אונטערקעפּל איז געווען „אַן ענטפער אויף מיין געליבטן און געאַכטעטן פריינד יהואשעס געדיכט״. ער טרייסט זיין פריינד, ער פאַרזיכערט אים — כביכול ווייס געגוי וואָס ער טוט.

די האַרף איז ווערט
פיל מער פון שווערד:
ווען אַש ווערט פון פאַרניכטער,
וואָס זיגט אין שטרייט —
דורך אייביגקייט,
אומשטערבלעך בלייבט דער דיכטער

דו ביסט געשטעלט
אויף אונדזער וועלט,
צו זינגען לידער זיסע:
אַ נאַכטיגאַל,
אין יאָמערטאָל,
פון אונדזער שוואַרצער תפיסה!

טאָ זינג דיין ליד
און ווער ניט מיד,
אָ, זינג, פּאָעט! — איך שווער דיר,
מיט דאַנקבאַרקייט
דורך אייביקייט,
דאָס האַרץ פון פאָלק געהערט דיר!

אָ, זינג דיין ליד
און ווער ניט מיד!
אין דיר האָט גאָר קיין טעות,
געהאַט די קראַפט
— וואָס בויט און שאַפט
זי ווייס איר זאַך, משמעות!...

זיין גאַנץ לעבן האָט מאַרינאָוו באַוואונדערט יהואשן. יהואש איז פאַר אים געווען אַ גייסטיקער אַנשפּאַר. ווען יהואש איז געשטאָרבן, האָט דאָס זייער שטאַרק צערודערט מאַרינאָוון. ער האָט זיך פּלוצעם דערפילט פאַרלאָזן, אומזיכער און דערשלאָגן. די דאָזיקע שטימונג האָט ער אויסגעדריקט אין זיינס אַ ליד אויף יהואשעס טויט. דאָס איז אפשר מאַרינאָווס שענסט ליד צווישן זיינע עלעגיעס און לירישע לידער. געשריבן האָט ער דאָס ליד אין טאָג פון יהואשעס לוויה.

זינט איך האָב דיך פאַרלאָרן

א.

אין מזרח שטאַרבן אָפּ די נעכט,
— אין מזרח ווערן טעג געבאָרן
דאָך זיינען מיר די טעג ווי נעכט,
זינט איך האָב דיך פאַרלאָרן.

ב.

אין מערב גייען אויס די טעג,
אין מערב ווערן נעכט געבאָרן —
דאָך זיינען מיר די טעג ווי נעכט,
זינט איך האָב דיך פאַרלאָרן.

ג.

ביים טויט פון ווינטער ווערט אַ פרייד,
אַ פרילינג־פרייד געבאָרן —
דאָך פרילינג וועט ווי ווינטער זיין,
זינט איך האָב דיך פאַרלאָרן.

ד.

פון פרילינג־שויס אַ זומער־לעב
וועט ווערן ניי־געבאָרן —
דאָך ביידן פעלן וועט די זון,
זינט איך האָב דיך פאַרלאָרן.

ה.

אין גאָלדנעם זאַמד, אין טיפן גרוב,
אין שוואַרצן, קאַלטן אָרון —
מיט דיר באַנאַנד איז אויך די זון,
זינט איך האָב דיך פאַרלאָרן.

יהואש האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף מאַרינאָוו. יהואש האָט אים צוריק אַרויפגעפירט אויף די וועגן פון דער יידישער טראַדיציע און יידישן באַוואוסטזיין. זינט דעם טאָג, ווען מאַרינאָוו איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט, האָט ער געקוקט אויפן יידישן לעבן מיט די אויגן פון אַ קאָסמאָפּאָליט, אַן אַסימילאַטאָר. הגם ער האָט געשריבן יידישע לידער, האָט ער אָבער אין גאַנצן ניט געהאַלטן פון יידיש. ער האָט גאָר גיך אָנגעהויבן שרייבן לידער אין ענגליש. אין סעפּטעמבער, 1898, האָט ער אין „דזשואיש עקספּאָנענט״ אָפּגעדרוקט איינע פון זיי־

נע ערשטע ענגלישע לידער „דהי איגל אין דהי קעידזש" („דער אָדלער אין שטייג"). אונטערן ליד איז געווען אַ באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: „דער מחבר פון די איבערשטע שורות איז אַ יונגער יידישער שניידער פון דענווער, וואָס זיין טאַלאַנט ווי אַ שרייבער פון זשאַרגאָנישע פּאָעזיע האָט באַמערקט ד"ר ה. ד. ספּיוואַק, פריער פון פילאַדעלפיע. דאָס איז איינע פון מאַרינאָווס ערשטע פּרואוון אין דער ענגלישער פּאָעזיע".

THE EAGLE IN THE CAGE

Like the years in gloomy dungeons,
  Like a funeral procession,
Drags on slowly—O, how slowly!
  Drags humanity's progression.

Every move—a generation;
  Every step is marked with ages,
As it cuts its thorny pathway,
  Through our history's crimson pages.

Snail-like creeps the human progress,
  While my days are swiftly flying,
Ere it makes a footstep onward,
  Sets the sun! Alas, I'm dying!

Onward, upward, would I hurry,
  Where conditions could not bind me,
And would haste the struggling mortals,
  Creeping up the hills behind me.

But the way is blocked by progress,
  Ever young, though stooped with age,
And I am his bleeding captive—
  I'm the eagle in the cage.

דאָס דאָזיקע ענגלישע ליד איז, מער־ווייניק, אַן איבערזעצונג פון זיין יידיש ליד „דער פאָרשריט און איך". אין דעם ענגלישן טעקסט האָט מאָרינאָוו צוגעגעבן די פערטע סטראָפע. אַגב, דער ריטם אין דער ענגלישער איבערדיכטונג איז אַ סך בעסער ווי אין אָריגינאַל. דעם יידישן טעקסט האָט ער אָפּגעדרוקט מיט אַ צייט פריער אין דער „אַרבייטער צייטונג", דעם 13טן מערץ, 1896:

דער פאָרשריט און איך

וויי די יאָרן אין אַ תפיסה
ווי אבלים נאָך אַ מת,
שלעפּט זיך לאַנגזאַם — אָ, ווי לאַנגזאַם —
קריכט דער פאָרשריט, דער פראָגרעס!

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם ווי פון סמאָלע,
ווי פון פּעך א יעדער טריט
און מיך האַלט ער ווי אין צוואַנגען
און איך שלעפּ זיך — שלעפּ זיך מיט.

פאָרווערטס, פאָרווערטס וויל איך לויפן —
לאָזן אַלעס הינטער זיך!
נאָר דער פאָרטשריט — ער גייט פאָרויס
און ער האַלט מיך — און איך קריך...

עס איז אינטערעסאַנט זיך אָפּשטעלן אויף דעם דאָזיקן ליד. דאָס ליד האָט מאָרינאָוו איבערגעדרוקט מיט אַ וועלכע פינף יאָר שפּעטער אין „פאָרווערטס", דעם 19טן אָקטאָבער 1901. אין יאָר 1938 האָט ער עס אַריינגענומען אין זיין בוך „שפּיל און קאַמף". און דאָ זעען מיר ווי אַזוי דער פערז ווערט ביי אים גלאַטער און מוזיקאַלישער. אין דעם ערשטן נוסח, אין 1896, אין די לעצטע סטראָפע:

פאָרווערטס, פאָרווערטס וויל איך לויפן —
לאָזן אַלעס הינטער זיך!
נאָר דער פאָרשריט — ער גייט פאָראויס
און ער האַלט מיר (מיך) — און איך קריך...

אין „פאָרווערטס" אין 1901, איז די זעלבע סטראָפע פאַרביטן אויף:

פאָרווערטס, פאָרווערטס וואָלט איך לויפן! —
און אים לאָזן הינטער זיך —
נאָר ער האַלט מיר (מיך) ווי מיט צוואַנגען,
און איך שלעפּ זיך און איך קריך...

דאָס זעלביקע ליד אין בוך „שפּיל און קאַמף", 1938, האָט שוין אַן אַנדער ריטם. די השפּעה איז קענטיק פון עדגאַר עלען פּאָו:

ווי די יאָרן אין תּפיסה,
ווי אַבלים נאָך אַ מת,
שלעפּט זיך לאַנגזאַם, שלעפּט זיך באַנגזאַם —
אַ, ווי באַנגזאַם און ווי לאַנגזאַם! —
קריכט דער פאַרשריט, דער פּראָגרעס.

קלעפּיק, שלעפּיק ווי פון סמאָלע,
ווי פון פּעך זיין יעדער טריט,
און ער האַלט מיך ווי מיט צוואַנגען,
ווי אַ ווייסטן שקלאַף געפאַנגען,
און איך שלעפּ מיך, שלעפּ מיך מיט.

פאָרווערטס, פאָרווערטס וואָלט איך לויפן,
לאָזן פאָרטשריט הינטער זיך,
האַלט מיך פאַרשריט פאַר די לאַצן —
און עס ניודעט ביז צום פּלאַצן!
און איך שלעפּ זיך און איך קריך.

אין דער דאָזיקער לעצטער אויסבעסערונג האָט זיך שוין אַריינ־געכאַפּט „הומאָר", באַזונדערס אין דער לעצטער סטראָפע. מיט אַ וואָסערע 40 יאָר פריער האָט דער סאָציאַליסטער פּאָעט יעקב מאַרינאָוו געשריבן דאָס דאָזיקע ליד טויט־ערנסט.

צו די ענגלישע לידער פון יאָר 1898 געהערט אויך זיין ליד אויפן

טויט פון דעם אַמעריקאַנער סאָציאַליסט־אוטאָפּיסט עדוואַרד בעלאַמי (1850 — 1898). בעלאַמי האָט דעמאָלט אָנגעצונדן די פֿאַנטאַזיע פון דער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ און דעם אַרבעטער.

EDWARD BELLAMY

Defying mankind's bitter foes,
Exposed to mammon's mortal blows,
With valor rare he fought.
His mighty pen—his flashing sword,
His weapon strong—his thrilling word,
His ammunition—thought.

He's dead: we've lost a brother dear,
And brotherhood—a friend so near,
True freedom felt the blow.
The poor have lost a champion great,
Our noble cause an advocate,
While mammon lost a foe.

He's dead! He's dead? Do heroes die?
"No, no!" is history's reply,
Whose pages they adorn.
Through ever-rolling, endless time,
Their mighty thoughts and deeds sublime
Live on for evermore.

מאַרינאָוו האָט זיך ניט באַנוגנט דערמיט, וואָס ער אַליין האָט גע־חלומט צו ווערן אַ פּאָעט אין ענגליש. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך באַמיט איבערצורעדן יהואשן, יהואש זאָל אָנהייבן שרייבן פּאָעזיע אין ענגליש. בעת מאַרינאָוו איז געקומען קיין ניו־יאָרק אין 1903 אויף אַ קורצער צייט, האָט ער אויסגעפּירט, מען זאָל דרוקן יהואשעס לידער אין ענגליש. דאָס איז, אַגב, פאַרצייכנט אין בערטשי וויטשקעוויטשעס ביבליאָגראַפיע־בוך וועגן יהואשן. נאָך וויטשקעוויטשן נאָך האָבן זיך יהואשעס עטלעכע ענגלישע לידער באַוויזן אין יאָר 1903 אין דעם

ניו־יאָרקער זשורנאַל „מאַקאַביאַין״, אויך אין דער ליטעראַרישער זייט פון ניו־יאָרקער „העראַלד״, דעם 5טן יולי. ווען מאַרינאָוו האָט זיך אומגעקערט קיין דענווער, האָט ער איינגעטענהט מיט יהואשן — „איצט ווערסטו שוין שרייבן אין ענגליש״. אָבער יהואשעס ענטפער האָט אים תיכף אָפּגעקילט. דער דאָזיקער ענטפער האָט געלאָזן אין מאַרינאָוון סימנים, וואָס זיינען אים קלאָר געוואָרן מיט עטלעכע יאָר שפּע־טער, ווען ער אַליין איז שוין געוואָרן נאַציאָנאַל געשטימט. יהואשעס ענט־פער איז געווען ענלעך צו פּרצעס באַרימטן זאָג: יידיש דאַרפן מיר האָבן. יהואש האָט געזאָגט מאַרינאָוון: „יידיש דאַרפן מיר האָבן, ניט קיין ענגליש. ענגליש קען זיך באַגיין אָן מיר״.

אין יאָר 1908 קומט מאַרינאָוו, צוזאַמען מיט יהואשן, קיין ניו־יאָרק. זיי זיינען שוין דאָרטן פאַרבליבן.

אין דעם זעלביקן יאָר האָט מאַרינאָוו אויפגעהערט אַרומפאָרן פאַר דער סאַנאַטאָריע. ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן „דעם קונדס״. געגרינדעט דעם „קונדס״ האָט ער מיט זיינע אָפּגעשפּאָרטע $1200. ער איז זיך צוזאַמענגעקומען מיט יוסף טונקעלן, יעקב אַדלערן און הערשל האָרוויצן. טונקל איז אין גיכן אַוועקגעפאָרן צוריק קיין וואַרשע. דער ערשטער נומער איז גאָרניט געראָטן. האָט יעקב מאַרינאָוו איבערגענומען די רעדאַקציע און זי געפירט ביז דער זשור־נאַל איז אונטערגעגאַנגען אין יאָר 1927. במשך די 19 יאָר, וואָס ער איז געווען דער רעדאַקטאָר, האָט ער זיך מער ניט אָפּגעגעבן מיט שרייבן פּאָעזיע, מיטן אויסנאַם פון געגראַמטע נייעס. נאָכן אונטערגאַנג פון „קונדס״ האָט ער במשך יאָרן פאַרעפנטלעכט פאַרשיידענע לידער, על־פּי־רוב פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, האָט אַרויסגעגעבן דריי זאַמלונגען לידער: „שפּיל און קאַמף״, „מיר וועלן זיין״ און „שטאַרק און מונטער״. אין יאָר 1912 האָט ער, צוזאַמען מיט וואַלינערן (ל. לאַנדוי), אַרויסגעגעבן דריי בענדער „הומאָר און סאַטירע״.

שינויים אין סאָציאַלן ליד

זיין ערשט ליד, „מי ומי ההולכים״, האָט מאַרינאָוו אָנגעשריבן אָנהייב 1894. אָבער דאָס איז נישט געווען זיין ערשט־געדרוקט ליד. „מי ומי ההולכים״ האָט ער, אין אַן אויסגעבעסערטער פאָרם, אָפּגע־דרוקט ערשט מיט צוויי און אַ האַלב יאָר שפּעטער, אין באָסטאָנער

„אמת", דעם 12טן יולי 1895. זיין ערשט געדרוקט ליד איז געווען „די האַמער־ליד", אין „אַרבייטער צייטונג", דעם 27סטן יולי, 1894.

אין אָנהייב פון דער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז מאָריס ראָזענפעלד האָט געשריבן אויך לידער אויף דער טעמע פון דער מאָרגנשטערן. נאָר רינאָוו גיט אונדז אַ געלעגנהייט צו זען וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דעם יידישן פערז אין אַמעריקע, ווען די סאָציאַלע פּאָעטן, די פּיאָנערן פון יידישן ליד, וואָלטן אַזוי יונג ניט פאַרשוואונדן פון דער יידישער ליטעראַטור. מאַרינאָוו איז מיט צענדליגער יאָרן שפּעטער אויסגע־קומען אויסבעסערן זיינע פריערדיקע לידער, די לידער, וואָס זיינען אַריין אין זיין בוך „שפּיל און קאַמף" (1938). יענע לידער, וואָס מאַ־רינאָוו האָט אין גאַנצן ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט אויסבעסערן, האָט ער אין בוך ניט אַריינגענומען. אין פּרט פון אויסבעסערן זיינע פריערדיקע לידער, איז ער כמעט דער איינציקער פון יענער פּיאָנערן־תקופה. אויף דעם סמך קען מען זיך אפשר ניט פאָרשטעלן וואָס די אַנדערע פּאָעטן וואָלטן שפּעטער געטאָן מיט זייערע פריערדיקע לידער. דאָך איז אינטערעסאַנט זיך צוקוקן, וואָס, אייגנטלעך, האָט מאַרינאָוו אויסגעבעסערט אין זיינע לידער. איין ליד האָבן מיר שוין געזען — „דער פּראָגרעס און איך", לאָמיר זיך איצט צוקוקן צו אַ צווייט ליד, טאַקע מאַרינאָווס ערשט געדרוקט ליד „די האַמער־ליד". מיט 44 יאָר שפּעטער פאַרבייט ער דעם נאָמען פון ליד —„די האַמער־ליד" אויף „דאָס האַמער־ליד". גלייך אין דער ערשטער סטראָפע באַמיט ער זיך עפּעס איבעראַנדערשן. אין 1894 שרייבט ער: דער האַמער הילכט מיט געזאַנג — „הויך און ווייט און אומגעהויער, הילכט ער אימער ס'פאָלק אין אויער". מיט 44 יאָר שפּעטער שרייבט ער: דער האַמער הילכט מיט זיין געזאַנג — „קנאַלט און שאַלט, און שפּאַלט דעם אויער / פון דעם שאַפער און דעם בויער". דער עדגאַר עלען פּאָ־ריטם „קנאַלט און שאַלט און שפּאַלט" איז בלויז דרויסנדיק מוזיקאַליש. דער ציל איז, אָבער, דאָ געווען — מאַכן די שורות מער ריטמיש. אין דער צווייטער סטראָפע פאַרבייט ער דאָס דייטשמערישע וואָרט „גענוס" אויף אַ ריין יידיש וואָרט, שטאָט „פרייהייט ענדלעך קו־מען מוס, ס'לעבן מוז זיין פאָל גענוס", ווערט ביי אים מיט 44 יאָר שפּעטער: „כ'שמיד פאַר אייך אַ נייעם טאָג, פריי פון אַנגסט און נויט און פּלאָג". אַזוי אויך אין דער דריטער סטראָפע: „ברעך די קייט פון שמאַך און שאַנד, שמידט פון איר אַ שווערד פון בראַנד" אויף — „ברעך די קייט פון נויט און שאַנד, שמיד פון איר אַ שווערד צום האַנט".

בדרך כלל זעען זיך אָן דריי אופנים ווי אַזוי מאַרינאָוו בעסערט אויס זיינע לידער. דאָס ערשטע איז: אָפּוואַרפן אַלע בולטע דייטש־מערינזמען:

„וואר" („אומזיסט וואר מיין מי") ווערט פאַרביטן אויף „איז" („אומזיסט איז מיין מי"). „מיר ברויכן ניט הייטע קיין הענד" (אינעם ליד „דער אַרבעטלאָזער") ווערט אויסגעבעסערט אויף „מע דאַרף היינט ניט האָבן קיין הענט". אין זיין ליד „ווי אַ פּראָלעטאַריער מופּט" („צו־קונפט", אַפּריל, 1903) לאָזט ער אינגאַנצן אַרויס אַ שורה, וואָס קלינגט דייטשמעריש: „און ציט ער אַצינד עס צום בליענדן פלור" (איידער ס'קומט די ניינטע שורהביים סוף ליד).

דאָס צווייטע: בעסער און איינפאַכער ריטמיזירן די שורה. מאַרי־נאָוו צייכנט זיך אויס מיט אַ פיין מוזיקאַליש אויער. זיין ריטם איז בדרך כלל אָן פעלערן. דאָך האָט ער געפונען פאַר נייטיק אויסצו־בעסערן געוויסע שורות אָדער סטראָפעס, וואָס האָבן ניט אַזוי גוט געקלונגען מיט יאָרן שפעטער.

אין זיין ליד „אמרו לאלהים", למשל, האָט ער אַריינגעטראָגן היפשע שינויים ביים סוף ליד. בעת דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 15טן סעפּטעמבער, 1901, האָט די פאָרלעצטע סטראָפע געהאַט אַ שורה, וואָס האָט ניט געקלונגען גוט. אין דער פינפטער שורה האָט געפעלט, למשל, אַ זילב, אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע און שפעטערדיקע שורות. אויך האָט דער אַנזשאַמבעמאַן אין דער זעקסטער שורה אַראָפּגענידערט די סטראָפע צו פּראָזע:

> גענוג, מיר זיינען מער קיין נאַרן,
> מיר ווילן מער אויף דיר ניט האַרן
> דו וואָלסט צערייסן אונדזערע גזרן
> פאַרשרייבן גליק פאַר אונדז אויף דר'ערד.
> מיר שטייען שטאָלץ ווי די צעדער,
> באַוואוסט פון אונדזער מאַכט, און יעדער
> פון אונדז נעמט זעלבסט אין האַנט די פעדער
> און מאַכט אויך דאָס שווערד.

מיט קרוב פערציק יאָר שפעטער ווערן שוין די לעצטע פיר שורות אויסגעבעסערט:

גענוג, מיר זיינען מער ניט קיין נאַרן,
מיר ווילן מער אויף דיר ניט האַרן
דו זאָלסט צערייסן אונדזערע גזרן,
פאַרשרייבן גליק פאַר אונדז אויף דר׳ערד.
מיט רוקנס אויסגעגלייכטע ווי צעדער,
און אָנגעגורט צום קאַמף איז יעדער,
מיר נעמען היינט אַליין די פעדער
אין האַנט און אויך די שווערד!...

דאָס דריטע: אָפּוואָרפן יוגנטלעכע גוזמאות. יוגנטלעכע גוזמאות זיינען אין זייער אַ סך פאַלן גאַנץ נאַטירלעכע סימנים. זיי ווייזן אָן אויף איבערגעלאָדענע עמאָציעס. דער חוש פאַר העכער אָרדענונג און פאַר עמאָציאָנעלן טאַקט צייטיקט זיך אויס זייער פּאַמעלעך. אָנ־פאַנגער־פּאָעטן, וואָס פאַרמאָגן צופיל קראַפט אָדער איבערשוימענדיקע סענטימענטאַלקייט, ווייזן, געוויינטלעך, אַרויס די דאָזיקע סימנים.

אין מאַרינאָווס תקופה איז עס געווען נאַטירלעך — רוף־ און קאַמפּליד, פון איין זייט; און פון דער צווייטער זייט — דאָס סאָציאַלע „טרערן־ליד", וואָס איר סענטימענטאַלקייט ציט זיך נאָך פון יידישן פאָלקסליד. פאַראַן ביי מאַרינאָוון אַ יוגנטלעך צאָרן־ליד, אַ כאַראַק־טעריסטיש ליד, וואָס ער האָט ניט אַריינגענומען אין זיין בוך. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט דער שורה: „אַזוי ווי אַן אבל אין שוואַרץ". אין דעם פּאָעטס האַרץ גליט אַ גיהנום, „עס ליגט דאָרט אַ שטורעם געשמידט". און דער פּאָעט ווענדט זיך צום רבונו של עולם — „ווי לאַנג וועל איך זיי (די גרויל־עלעמענטן — נ. ב. מ.), נאָך האַלטן אין צוואַנג"? און דאָס בת־קול ענטפערט: דער מענטש דאַרף ליידן, אַניט וועט די וועלט „זיך טרינקען אין בלוט און אין סם, אין פייער, אין שוועבל, אין פעך!..." דאָס וואָרט „האַרץ" אין דעם ליד איז ניט קיין סימבאָל. דאָס וואָרט „האַרץ" איז געווען ניט מער ווי אַ היפּער־באָלע. אין פאָלקס־ווערטער באַטאָנט עס דעם נאַטירלעכן מיין דורך איבערטרייבן אַ בילד. אָבער אין אַ ליד, וואו עס קומען־אויף בילדער נאָך בילדער זיינען שוין די היפּערבאָלעס אויף אַנדערע מדרגות. זיי שטימען ניט מיטן ערשטן אַקאָרד, מיטן ערשטן גרונט־בילד. דאָס שאַפט בולטע גוזמאות, און דאָס האָט מאַרינאָוו דערפילט אין די ריי־פערע יאָרן. ווען ער האָט צונויפגעשטעלט זיין בוך לידער „שפּיל און קאַמף" אין 1938, האָט ער פון דאָרטן אַרויסגעלאָזן אַזעלכע לידער,

וואָס זיינען געווען אָנגעזעטיקט מיט גוזמאות. אַזעלכע לידער וואָלטן כמעט אַלע זיינע בני־דור שפּעטער געפּסלט און ניט אַריינגענומען אין זייערע זאַמלונגען. אָבער כּדי צו זען דעם גאַנג פון יידישן ליד, איז עס פּאַר אונדז זייער וויכטיק זיך באַקענען נאָענט מיט אַזאַ ליד. סאָציאַלער אומיושר ווערט, אויף אַן איבערגעטריבענעם אופן, פאַרגליכן מיט קאָסמישע עלעמענטן:

אַזוי ווי אַן אבל אין שוואַרץ,
געהילט איז אין וואָלקנס מיין האַרץ; —
מיין אָרעמע האַרץ איבערפילט איז מיט סם,
מיט גאַל און מיט בלוטיקע טרערן אַ ים;
געלאָדן מיט דונער, מיט פייער און פלאַם,
מיט זודיקן שוועבל און פעך...

עס ברענט דאָרט אַ גיהנום און גליט;
עס ליגט דאָרט אַ שטורם געשמידט, —
דער שטורם פון צפון, וואָס קראַכט און וואָס קנאַלט,
און קאָסעט ווי זאַנגען די דעמבעס אין וואַלד
און שלייַדערט ווי סנאָפּעס די פעלזן מיט גוואַלד —
ריִרט־אויף די יסודות דער וועלט!

רבונו של עולם! — ווי לאַנג
וועל איך זיי נאָך האַלטן אין צוואַנג —
די גרויל־עלעמענטן — די שליחים פון טויט —
אַזוי ווי די ריזן געשמידט אויף אַ קייט;
אַזוי ווי־ן אַ שטיינערנער תּפיסה פאַרבויט —
ווען ברעכן זיי אויס פון מיין האַרץ?!...

„...לייד, מענטשן קינד, לייד! —
אַ בת־קול פון הימל רופט אויס —
„און מאַכסטו די צוואַנגען נאָר לויז —
האַן זעצט עס פון דאָרטן אַרויס
מיט קראַכענדן, קנאַלענדן, גיהנום־געריוש
די דונערן און בליצן, דער פייער און פלאַם;
דער שטורם פון צפון ווערט פריי פון זיין צאַם,
דער גיהנום ברעכט אויס אין אַ העלישן ים —
די וועלט וועט זיך טרינקען אין בלוט און אין סם,
אין פייער, אַן שוועבל און פעך!...

פונקט אַזוי איבערטריבן איז דער יונגער אָנפאַנגער אין זיינע סענטימענטאַלע לידער. אויך די איבערטריבענע „טרערן־לידער" האָט מאַרינאָוו ניט אַריינגענומען אין זיינע לידער־זאַמלונגען. דער אויס־געררייפטער חוש האָט אים אָפּגעהאַלטן מצרף זיין זיינע יוגנטלעכע סענטימענטאַליזמען צו די רייפערע לידער. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס זיין ליד „צום זיידן" („צו די הערויסגאַבע פון מ. ווינטשעווסקיס געדיכטע"), האָט מאַרינאָוו געשריבן אויף דער מעלאָדיע פון ווינ־טשעווסקיס „דריי שוועסטער", דעם שענסטן מוסטער פון דער סאָ־ציאַלער־סענטימענטאַלער פּאָעזיע. און ווען מען טראַגט זיך אַריבער אין די 90ער יאָרן אין דעם אימיגראַנטישן יידישן לעבן אין אַמערי־קע, דערפילט מען אין מאַרינאָווס איבערטריבן סענטימענטאַל ליד „צום זיידן" ווי אויפריכטיק עס איז געווען דער אָנפאַנגער. דאָס ליד „צום זיידן" האָט מאַרינאָוו געדרוקט אין דער „אַרבייטער צייטונג", דעם 20סטן יאַנואַר 1895, דאָס איז געווען מאַרינאָווס צווייט געדרוקט ליד:

צום זיידן

(צו די הערויסגאַבע פון מ. ווינטשעווסקיס געדיכטע)

איך האָב דיינע לידעלעך, זיידעניו טרייער,
גלעזן, געלעזן, געלעזן מיט לוסט!
און איך האָב געפילט ווי אַ געטלעכער פייער
באַלייכט מיין געדאַנקען און וואַרעמט מיין ברוסט.

איך האָב גוט געהערט דאָרט די ווייכינקע קלאַנגען,
די הערלעכע טענער, די זיסע מוזיק,
וואָס וועקן אי האָפנונג, אי מוט, אי פאַרלאַנגען
צו שטרעבן און קעמפן פאַר גלייכהייט און גליק!

זיי וועקן אָן אויפהער, דאָך ווייך און געלאַסן,
—אַזוי ווי אַ מוטער איר קינד וועקט פון שלאָף —
גאַנץ טיף אין די הערצער פון אַרבעטער־מאַסן
אַ הייסן פאַרלאַנגען, צו מאַכן אַ סוף

פון אַרמוט און עלנד, אומוויסנהייט, שאַנדע,
פאַרניכטן די גרויזאַמע הערשאַפט פון געלט,

און מאַכן אוממעגלעך, אַז רויבער אַ באַנדע
זאָלן קענען באַרויבן, באַהערשן די וועלט!

דעריבער באַגריס איך דיין ביכעלע לידער,
מיט הערצלעכע פרייד, און אַ פינקלענדן טרער;
אין נאָמען פון אונדזערע אָרעמע ברידער,
וואָס וועלן געדענקען דיר אייביק, איך שווער.

די אַלע אויבן־געבראַכטע לידער־אויסבעסערונגען ווייזן אונדז ווי אַזוי עס האָט זיך אויסגעצייטיקט די פּאָעטישע שפּראַך, דער ריטם, די שורה.

צאָרן און רחמנות

מיט קליינע אויסנאַמען זיינען מאָרינאָווס כאַראַקטעריסטישע שטריכן שוין געווען ניכר אין זיינע ערשטע לידער. פּאָעזיע איז פאַר אים די ערשטע צייטן געווען כולו געפיל. דעם פייערדיקן סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער־געשטימטן אָנפאַנגער האָבן געמאָטערט צוויי געפילן: צאָרן און רחמנות. צאָרן קעגן די אונטערדריקער; „טרערן" פאַר די אונטערדריקטע. דאָס האָט אין גאַנצן געשטימט מיט דער השפעה, וואָס ווינטשעווסקי האָט געהאַט כמעט אויף אַלע אָנפאַנגער־פּאָעטן אין אַמעריקע אין די 80ער און 90ער יאָרן. אויף פּאָעזיע האָט מען געקוקט ווי אַ הילפסמיטל. פּאָעזיע דאַרף העלפן ברענגען וואָס שנעלער די סאָציאַלע רעוואָלוציע. דער אָרגאַניזירער שמידט די אייניקייט פון די רעוואָלוציאָנערע כוחות. דער פּובליציסט און אַגיטאַטאָר רעדן צום אַרבעטערס שכל. דעם דיכטערס עובדא איז — אויפרודערן דעם אַרבעטער עמאָציאָנעל. דער דיכטער טאָר ניט זיין קיין ריינער קינסטלער. צו זיין אַ „ריינער קינסטלער" — דאָס איז אין יענע צייטן געווען אַ זינד, ממש געזעלשאַפטלעכער פאַרראַט. עס איז פאַרשטענדלעך פאַרוואָס יעדע זיצונג, יעדער מיטינג פון אַן אָרגאַניזאַציע האָט זיך געעפנט און זיך אויך געשלאָסן אָפט מיט „דעקלאַמאַציאָן" אָדער געזאַנג. דער דעקלאַמאַציע־עלעמענט און דאָס באַטראַכטן לידער ווי לידער צום זינגען — דאָס איז געווען דער דעמאָלטיקער בליק אויף פּאָעזיע. דאָס גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער גאַנצער פּאָעזיע אין יענער צייט. ביי מאָרינאָוון זעען מיר עס אַ סך בולטער.

מאַרינאָוו איז בטבע מער דירעקט און „אָפן“ ווי אַנדערע. זעען מיר ביי אים אַפילו דעם אָנרעג, וואָס האָט אים געבראַכט צו דער שוועל פון זיינע ערשטע לידער.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַקט, וואָס צווישן זיינע ערשטע טריט באַמערקן מיר אַ וואָרט, אַ טאָן, אַמאָל אַ גאַנץ ליד, וואָס האָט אין אים אַרויסגערופן אַן אייגן ליד.

זיין ערשט־געדרוקט ליד איז געווען „דאָס האַמער־ליד“ („אַרביי־טער צייטונג“, דעם 27סטן יולי, 1894), מיטן „קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג — הילכט דער האַמער מיט געזאַנג“. דאָ הערן מיר טענער פון הערוועגס באַרימט געוואָרן ליד אין בן־אהוד־ ד״ר חיים זשיט־לאָווסקיס איבערזעצונג — „און דו אַקערסט און דו זייסט“. זיין צווייט־געדרוקט ליד „צום זיידן“ („אַרבייטער צייטונג“, דעם 20סטן יאַנואַר, 1895) האָט ער געשריבן נאָך דער מעלאָדיע פון מ. ווינטשיוסקיס „דריי שוועסטער“, וואָס מען האָט אומעטום געזונגען אין די ראַדיקאַלע קרייזן. „דער אַרבעטלאָזער“ (באָסטאָנער „אמת“, דעם 13טן דע־צעמבער, 1895) האָט ער געשריבן לויט דער מעלאָדיע פון אברהם גאָלדפאַדענס „פּאַריאַמערט, פאַרקלאָגט“.

פּערזענלעכע מאָטיוון

אין זיין ערשטן פּעריאָד (1894 — 1908) האָט מאַרינאָוו געשריבן על־פּי־רוב צאָרן־לידער, קאַמפּלידער און רחמנות־לידער. מען זעט ניט אין זיי קיין בולטן סימן פון דעם שפּעטערדיקן מאַרינאָוון, דעם מחבר פון די „געגראַמטע נייעס“ אין „קונדס“. אָבער אין געוויסע לי־דער קען מען שוין דערהערן מאַרינאָווס אייגנאַרטיקע הומאָר־טענער. מיר זעען אָבער יאָ צוויי מאָטיוון, וואָס זיינען געווען ניט קיין אָפטע געסט אין יענער צייט. דאָך פּלעגן זיי זיך דאָ און דאָרט דורכרייסן אין דער דעמאָלטיקער אוטיליטאַרישער פּאָעזיע. דאָס איז געווען — דער פּערזענלעכער מאָטיוו און יידישער לעבנשטייגער.

דעם 28סטן אויגוסט 1898 באַווייזט זיך מאַרינאָווס אינדיווי־דואַליסטיש ליד: „אירע צוויי בלויע אויגן“. מאַרינאָוו האָט דאָס ליד שפּעטער אָפּגעדרוקט אין בוך. אין בוך האָט ער פאַרביטן די דייטש־מערישע ווערטער אויף ריין יידישע. ער האָט אויך אָפּגעוואָרפן די ערשטע דריי סטראָפעס. דאָס מאָדערניזירטע ליד איז אַרויס אַ סך

גלאַטער און הייִנטצייִטיקער. עס האָט, אָבער, פֿאַרלאָרן יענע נאַאיוו־קייט, וואָס געפֿעלט אונדז אין דער דעמאָלטיקער פּרימיטיווער פּאָעזיע. און ראָמאַנטיש־יידישע לידער האָבן מיר סוף לעצטן יאָרהונדערט ניט געהאַט צופֿיל. עס איז כדאַי איבערצוגעבן דאָ דאָס גאַנצע ליד. בלויז די לעצטע צוויי סטראָפֿעס זייַנען אַריין אין מאַרינאָווס בוך:

אירע צוויי בלויע אויגן

אַזוי ווי פֿון רייך־בלויע זיידנס געוועבט,
באַצירט מיט די רייכסטע בריליאַנטן אָן צאָל,
אין זומער אין אָוונט דער הימל־געצעלט —
און טובלט אין זיסע חלומות די וועלט —
ער לאָזט זיך משופּע אַרונטער אין טאָל,
און אַלעס ווערט דאָרטן באַזעלט און באַלעבט.

ער בייגט זיך אַרונטער פֿון יענער זייט וואַלד:
דאָרט טרוימען די פֿעלדער פֿון זון־שיין און טוי;
דאָרט ציען זיך ווייַנגערטנער לאַנג, פֿאַזע טייך —
ער לאַסטשעט, האָליובעט די הענגעלעך, גלייך
ווי ער וואָלט די טרויבן געפֿאַרבט מיט זיין בלוי
און גייסט אין זיי זאַפֿטיקייט — גיט זיי געשטאַלט.

דאָך דייַנע צוויי אויגן — דער נעסט פֿון דייַן זעל —
וואָס לאַסטשען מיך צערטלעך און פֿינקלען זאָ העל,
וואָס ריידן פֿון לעבן פֿון ליבע און לוסט,
און לעזן די סודות ביי מיר טיף אין ברוסט —
זיי זייַנען פֿיל בלויער — באַזיצן מער פּראַכט
פֿון זיידענע הימלען אין זומער ביינאַכט!

פֿון אונטערן ים דאָרט די זון שווימט אַרויף:
און שטאָלץ ווי אַ קעניגין אַל אין דער פֿרי,
אין ים אין דעם טיפֿן דאָרט וואַשט זי זיך איין —
און דענקט אַז פֿאַרטונקלען וועט אַלעס איר שיין;
זי דענקט אַז עס גיבט שוין קיין שענערס ווי זי,
און קלעטערט מיט שטאָלצקייט די הימלען אַרויף.

איר צורה געוואַשן, די שטראַלן צעקעמט,
און שמייכלט קאָקעטיש פון הימל אַרויס,
דאָך ווי זי באַמערקט נאָר פון אויבן דיין בליק
פון ליבע און ליכטיקייט — האַן ווערט איר גליק,
איר שטאָלציקייט צעשטערט, איז ביי זיך מער ניט גרויס
און לאָזט זיך אַרונטער אַ רויטע פאַרשעמט.

פאַראַן ביי מאַרינאָוון אַ ליד „צום זומער" („פאָרווערטס", דעם 28סטן סעפטעמבער, 1901). דערפילן מיר דאָרטן יענע אייגנשאַפטן, וואָס מיט זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אַ סך ראָמאַנטישע לידער. אַלץ אין דעם ליד איז סענטימענטאַל און נאַאיוו. דאָס דאָזיקע ליד האָט מאַרינאָוו אינגאַנצן אויסגעבראַקירט און עס ניט אַריינגענומען אין זיין בוך. מיר ווילן, אָבער, באַווייזן ווי עכט סענטימענטאַל עס איז געווען דער שפּעטערדיקער „בעל דבר" פון „קונדס", וואָס האָט געשריבן „געגראַמטע נייעס". ציטירן מיר דאָס ליד בשלימות:

צום זומער

נאָך דיינע ליכט־געוועבטע מאָרגנס,
און גאָלד־געקרוינטער מיטאָג־צייט
און פלאַם־געפאַרבטע אָוונט־שטונדן,
וואָס שווינדן זאַכט אין מערב זייט;

און נאָך שאָטנס־אויסגעוועבטע,
חלומות־רייכע, שטילע נעכט,
מיט זייער ווייכער, טיפער בלויקייט:
ווי בענקט מיין האַרץ נאָך זיי און ברעכט!

נאָך דיינע גרינע קאָרן פעלדער,
מיט בלויע קוויטעלעך פאַרזייט,
וואָס לייכטן ווי סאַפירן שטיינדלאַך,
אויף אַ פּרוכת אויסגענייט.

און נאָך די בליענדע סעדער,
פאַרפלייצט מיט בשמים און געזאַנג

פון דיינע פייגעלעך און בלומען —
וויי ווײנט מיין האַרץ, ווי טוט מיר באַנג!

זע, פאַר נאָך ניט, פאַרוויל נאָך לענגער! —
דיין קלייד פאַרלירן מעג איר גלאַנץ,
און אויף דיין בלייכן, קאַלטן שטערן,
פאַרוועלקן מעג דיין בלומען־קראַנץ;

און זאָלן וואָלקנס איך באַ־עקן
דיין ליבלעך־בליענדן געשטאַלט,
דיין זונען־בליק מעג ווערן דונקל
דיין הייסער אָטעם פייכט און קאַלט —

דאָך שווער איך הייליק דיר מיין ליבע,
כ׳וועל זיין דיר גינציג און געטריי
ווי דאַן, ווען אין דיין יונגן פנים,
האָט אָפּגעשפּיגלט זיך דער מאַי!

און ביז דער לעצטער בלאַט פון צווייגל
ווערט אָפּגעפּליקט פון צפון־ווינד,
וועל איך זיך טוליען צו דיין בוזעם,
ווי אַ פאַרבענקטעס, קראַנקעס קינד!

און ווען דער שניי ברענגט דיר תכריכים,
וועל איך נאָך זיין אין דיר פאַרליבט,
אַבי פאַרלאָז מיך ניט, אָ, זומער,
פאַריתומט, עלנט און באַטריבט!

אַ צווייט ליד קעגן דעם אָנגענומענעם נוסח פון סאָציאַלן ליד איז געווען „די לעצטע רויז פון זומער״. דאָס איז אַן איבערזעצונג פון מורס „די לאַסט ראָוז אָוו סאָמער״. געדרוקט איז עס געווען אין „פאָר־ווערטס״, דעם 18טן אויגוסט, 1900. אַ שטיקל הכשר איז געלעגן שוין אין דעם, וואָס מורס נאָמען איז געווען כשר, און אויך אין דעם, וואָס דער אינהאַלט פון ליד האָט אָנגערירט אַן אייביקן אמת, חל אויף אַלעמען.

צו יענער צייט האָט ער אויך אָפּגעדרוקט די לידער פון זעלביקן מין: „געטער און געטינס", „זי", „איך האָב ניט צו דיר קיין פּרעטענציעס" א"אַ.

יידישע באַלאַדעס

נאָך צוויי און אַ האַלב יאָר שרייבן לידער, באַוויזט זיך עפּעס נייס ביי מאַרינאָוון. דאָס איז — יידישער לעבנס־שטייגער. ביי די סאָציאַלע פּאָעטן אין אַמעריקע איז דאָס געווען כמעט ווי אַ זעלטנקייט. מאַרינאָוו האָט ניט געהערט צו יענע רוסיש־רעדנדיקע אינטעליגענטן, וואָס זיינען געוואָרן יידישע פּאָעטן. ער האָט זייער גוט געקענט דעם יידישן לעבנס־שטייגער. ער האָט אים געקענט פונעם סאַמע ערשטן מקור. ער האָט דאָך מיט אים געאָטעמט ביז ער איז געקומען קיין לאָנדאָן. אָבער אין לאָנדאָן האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם. יידישער לעבנס־שטייגער איז ביי אים דעמאָלט געווען רעאַקציע, איינע פון יענע שטערונגען, וואָס פאַרהאַלטן דעם „פּראָגרעס פון דער מענטשהייט".

ווען ער איז געווען אין קאָלאָראַדאָ איז ער נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער און קאָסמאָפּאָליט. די שטימונגען האָבן געלעבט אין אים ביז אינעם ערשטן צענדלינג היינטיקן יאָרהונדערט. ער האָט דאָך געהאַלטן אין איין איינרעדן יהואשן, יהואש זאָל שרייבן פּאָעזיע אין ענגליש. ער האָט ניט נאָר איינגערעדט, נאָר ער אַליין האָט געדרוקט ענגלישע לידער, כדי אָזוינאָך באַווירקן יהואשן. ער האָט גאָרניט אויסגעפירט. אויסגעלאָזט האָט זיך אַלץ פונקט פאַרקערט. יהואש, ד"ר חיים ספּיוואַק און אַנדערע האָבן גאָר שטאַרק באַווירקט מאַרינאָוון, הגם מאַרינאָוו האָט דאָס יאָרן נאָכאַנאַנד ניט געפילט.

אַ צווייטע שטאַרקע ווירקונג איז געווען פּרצעס „מאָניש". עס איז ניט אויסגעשלאָסן, — מאַרינאָוון איז איינגעפאַלן שרייבן אַ באַלאַדע נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַקענט מיט פּרצעס „מאָניש". פּרצן האָט מאַרינאָוו פאַרגעטערט. אויך אין דעם האָט אים יהואש באַווירקט. מאַרינאָוו האָט באַוואונדערט פּרצעס שפּראַך, ריטם און פּאָעטישע איינפאַלן. אים האָט איבערראַשט, וואָס מען קען דערקלערן העכערע ענינים אין פּאָעזיע דורך שילדערן דאָס יידישע לעבן. נאָך מער האָט אים איבערראַשט צו זען אין פּאָעזיע — די טיפע וואָרצלען אין יידישן

לעבן. און יידישער לעבנס־שטייגער האָט דאָך געלויכטן פון „מאַ־נישעס״ יעדער שורה.

און דער קאָסמאָפּאָליט מאַרינאָוו וואָגט — און שרייבט אָן אַ באַ־לאַדע „דעם בטלנס נקמה״, וואָס איז פול מיט יידישן לעבנס־שטייגער. די באַלאַדע האָט זיך באַוויזן דעם 21סטן יוני, 1896. אין בוך הייסט עס „באַנייט דעם בית־עולם״. מאַרינאָוו האָט טאַקע געוואָגט, אָבער ער איז אויף אַ האָר ניט אָפּגעטראָטן פון זיין סאָציאַלן אני־מאמין. „דעם בטלנס נקמה״ איז טאַקע די נקמה פון דעם „באַליידיקטן און אונטערדריקטן״.

ניט ווייט פון שטעטל, ביים שאָסיי, איז געלעגן אַ וויסט פעלד פאַר־צאַמט. דאָס איז געווען דאָס נייע בית הקברות. קרובים אָבער דער־לאָזן ניט, אַז זייער אַ בר־מנן זאָל זיין דער ערשטער צו באַנייען דאָס פעלד. האָט מען געפירט די מתים אין שטאָט אַריין, מיילן־ווייט.

דאָך איינמאָל האָט גאָט די קהילה באַגליקט
און האָט ווי פון הימל אַ מת זיי געשיקט
פאַרן פוסטן און וויסטן בית עולם —
אַן עלנטער אורח וואָס האָט ניט געהאָט
אין שטעטל קיין קלאָגער, קיין ריכטער, קיין צד —
און ניט איבערגעלאָזט קיין אַבלים...

פאַר דעם גבאי פון חברה קדישה איז דאָס געווען אַ יומא דפגרא:

ס׳איז לוסטיק ביים גבאי פון חברה קדישאָ,
מע הוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט;
ס׳האָט חברה אַ סעודה אַ גרויסע געפּראַוועט,
אַ יומא דפגרא געמאַכט.

אָבער גאָר שפּעט אין דער נאַכט, נאָכן לייענען קריאת־שמע, „עגבערט זיין מוח אַ שוואַרצע מחשבה, און פּייניקט אים גרויזאַם און שרעקט״... און ווי נאָר ער איז פאַרזונקען אינעם ערשטן דרימל, זעט ער, ווי עס עפנט זיך דער פרישער קבר אויפן נייעם בית־החיים, ס׳קומט פון דאָרטן אַרויס דער מת, דערנעענטערט זיך צום גבאי און טענהט צו אים:

דו האָסט מיך מבייש געווען און באַליידיקט,
געלייגט אויפן פעלד דאָרט אַליין,
איך קאָן ניט פאַרטראָגן דעם אומעט, די בושה...
ר׳ גבאי, דו מוזסט מיט מיר גיין!...

דאָרט וועלן מיר ביידע דעם אַלטן בית־עולם
באַנייען — ס׳איז מער ניט ווי רעכט,
אַז דו זאָלסט מיר העלפן פאַרטרייבן דעם אומעט
פון לאַנגע און איינזאַמע נעכט...

און פאַר דער גרויסער באַליידיקונג איז געקומען די נקמה:

דער גבאי איז מער שוין פון בעט ניט אַרונטער,
געשטאָרבן די זעלביקע נאַכט...
דער בטלן איז מער שוין אַליין ניט געלעגן —
מע האָט אים אַ שכן געבראַכט.

אויך אין זיין צווייטער באַלאַדע איז דער מאָטיוו — נקמה מצד דעם „אונטערדריקטן און באַליידיקטן”.

„אויפן עולם האמת” הייסט די דאָזיקע אַלעגאָרישע באַלאַדע. דער מאָטיוו איז — ווי אַזוי בערקע „דער שוסטער, אַ קאַרליק, אַ חלוש”, וואָס „האָט שטאַרבן קוים כוח געהאַט”, נעמט נקמה פון ר׳ כאַצקל, דעם מלווה, דעם גביר. איינמאָל, ווען די מתים זיינען געקומען פונעם דאַוונען און זיך געלייגט צוריק אין די קברים, איז ר׳ כאַצקל געבליבן דערשטוינט און דערצאָרנט. דער שוסטער־יונג בערקע האָט זיך צעלייגט אין זיין, ר׳ כאַצקלס, קבר און וויל פון דאָרטן בשום אופן ניט אַרויס. בערקע רעכנט אים אויס אַלע זינד, וואָס ער, כאַצקל, איז באַגאַנגען קעגן כלות, אלמנות, יתומים. ער שיקט כאַצקלען אין דער חורבה, וואָס כאַצקל האָט „מיט אַ פאַלשן וועקסל” געגזלט פון בערקען. עס העלפן ניט קיין טענות און מענות, — בערקע רירט זיך ניט פון אָרט, עס העלפן ניט קיין תחנונים. און פלוצעם הערט זיך אַ קריי פון אַ האָן, און כאַצקל בלייבט אָן אַ קבר.

אין חורבה איז יום־טוב, עס טאַנצן די שדים:
זיי האָבן אַ טייערן גאַסט אויפן בוידעם —
אַ גאַסט פון דער גילדערנער פאָן...

די באַלאַדע ענדיקט זיך, אָבער, גאָר אין אַן אַנדער טאָן ווי די ערשטע באַלאַדע „באַנייט דעם בית־עולם". עס איז כדאַי זיך אָפּצו־שטעלן אויף דעם טאָן:

רב כאַצקלס אלמנה, זי קומט חודש אלול
און תשעה באָב יעטוועדן יאָר,
און קלאַפּט אינעם קבר: „מיין מאַן, מיין נשמה!"
און יאָמערט און רייסט זיך די האָר!

און בערל ליגט אונטן און קייכט פון געלעכטער —
עס גייט אים שוין אָפּ גאָר דער כעס —
עס קייכן די מתים פון גאַנצן בית־עולם,
ווען בערל דערציילט זיי דעם שפּאַס...

עד היום ווייס קיינער, אַז כאַצקל איז צווישן
די שדים ביי בערלען אין הויז . . .
דאָס האַלטן די מתים בסוד. און, איר ווייסט דאָך, —
אַ מת זאָגט פון חדר ניט אויס!...

הומאָר

אויך אין אַט־דער צווייטער באַלאַדע „אויפן עולם האמת" שילדערט מאַרינאָוו יידישן לעבנס־שטייגער. אָבער אין דער דאָזיקער באַלאַדע זעען מיר שוין אַן אייגנשאַפט, וואָס ווערט אַלץ בולטער בעת ער גיט אַרויס דעם „קונדס". דאָס איז — הומאָר. די געשעענישן אין „דעם בטלנס נקמה" זיינען טראַגיש. די שילדערונגען „אויפן עולם האמת" האָבן שוין אין זיך די לייכטקייט פון הומאָר, פונקען פון די שפּעטער־דיקע „געגראַמטע נייס", וואָס מאַרינאָוו האָט געשריבן אין „קונדס". „אויפן עולם האמת" עפנט טאַקע פאַר מאַרינאָוון דעם וועג צו הומאָר. עס וועט זיכער זיין כדאַי אויסצוגעפינען ווי אַזוי די ביטערע און שניידנ־דיקע סאַטירע פון די 80ער און 90ער יאָרן האָט זיך אומבאַמערקט פאַרוואַנדלט אין הומאָר. די סימנים זעען מיר שוין ביי די „שוואַכערע דורות", די „שוואַכערע רינגעון" אין סאָציאַלן ליד. מיר זעען עס ביי יוסף יפהן, שפּעטער מיט עטלעכע יאָר ביי יעקב אַדלערן, ביי ווילִיאַם

קאַיזערן. דער אייפער, דער פאַרצערנדיקער אייפער, איז שוין אָפּ־געקילט אין זיי. זיי זיינען ניט קיין קעמפער־מאַרטירער. זיי זיינען ווייט ניט גרייט אַוועקצוגעבן דאָס אייגענע לעבן צו באַפרייען דעם ברודער־שקלאַף. דער קאָנצענטרירטער און שטאַרקער סאָציאַלער גע־דאַנק ווערט פאַרוואַנדלט — קוים באַמערקט — אין אינדיווידואַליס־טישע תירוצים. און דאָס אינדיווידואַליסטיש־פּערזענלעכע ווייזט זיך דאָ און דאָרטן, און צוזאַמען מיטן פּערזענלעכן מאָטיוו קומט אויך — אין די שפּעטערע יאָרן, אין 1901 — אַ שמץ ציניזם, אַ שמץ לצנות. פאַרשטייט זיך — בלויז ביי געציילטע. דאָס איז גאָר קלאָר געוואָרן פּונקט אין יענער צייט, ווען דעם דרך המלך האָט פאַרנומען דער אינדיווידואַליזם, ווען די ערנסטע „יונגע" האָבן זיך באַוויזן אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

דער דאָזיקער ציניזם האָט געפעלט די מערסטע „יונגע". ער האָט געפעלט דעם געזעלשאַפטלעך־פאַרוואָרצלטן מאָרינאָוון. אין דעם ליכט דאַרף מען זען זיינע 19 יאָר אַרבעט ביים רעדאַקטירן דעם „קונדס". אים האָבן אפשר געפעלט די ביטערע „טרערן־לידער" און די פאַר־צווייפלטע מאַרטירער־טענער, וואָס עס האָבן פאַרמאָגט די ערשטע סאָציאַלע פּאָעטן. דאָס באַווייזט טאַקע דער סוף אין זיין צווייטער באַלאַדע „אויפן עולם־האמת". און דאָס איז דער מקור פון קומענדיקן „קונדס". און ווען די צייט איז געקומען, האָט עס אָנגעהויבן בליען. זיינע „געגראַמטע נייס" זיינען די בעסטע עדות. אָבער הומאָר איז ניט געווען די איינציקע זאַך, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אין שטאַרקן ביז עס איז אויפגעקומען „דער קונדס" אין יאָר 1908. ביז יענער צייט זעט מען ביי אים גאָר ווייניק לידער מיט הומאָר. דעם 7טן אויגוסט, 1898, דרוקט ער אין „פאָרווערטס" דאָס ליד „געטין דער פרייהייט, ענטפער!" (פון עלא ווהילער ווילקאָקס).

דעם 28סטן אויגוסט, 1898, דרוקט ער אין „פאָרווערטס" דאָס פריער־ציטירטע סענטימענטאַלע ליד „אירע צוויי בלויע אויגן". מיט צוויי יאָר שפּעטער — דעם 18טן אויגוסט, 1900, דרוקט ער אין „פאָר־ווערטס" די איבערזעצונג פון מורס „די לעצטע רויז פון זומער". טיף ערנסט זיינען אויך זיינע לידער „אַ טעות?" (אַן ענטפער יהואשן), געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 1טן יוני, 1901; „נאַכט און טאָג" (דאָרטן, דעם 7טן סעפּטעמבער, 1901).

בעת מאָרינאָוו שרייבט די נאַרוואָר דערמאָנטע סענטימענטאַלע לי־

דער, ווייזן זיך ביי אים אויך לידער וועגן סאָציאַלן אומגליק, קאַמף־און פּראָטעסט־לידער. דאָס קומט אַלץ אויף איין אין און דער זעלביקער צייט. אָט איז דאָס שאַרף־אַפּיקורסישע ליד „אמרו לאלהים״, געדרוקט אין „פאָרווערטס״, דעם 15טן סעפּטעמבער, 1901; פאַראַן אויך אין זיין בוך „שפּיל און קאַמף״. און אָט קומען סענטימענטאַלע, ניט־רעאַליסטישע אָדער יחידישע לידער. וואָס ווייטער ווערן שוין בולטער ביי אים יענע שטריכן, וואָס האָבן אים געפירט צו הומאָר. צוזאַמען דער־מיט ווערט ביי אים אויך בולטער דער „איך״־מאָטיוו. „צום מזל״ („פאָרווערטס״, דעם 12טן אָקטאָבער, 1901) איז אַזאַ ליד. מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט עס חנן מיניקעס איבערגעדרוקט אין זיין „פּסח־בלאַט״ (אַפּריל, 1902).

מיט 37 יאָר שפּעטער, ווען מאַרינאָוו האָט דאָס דאָזיקע ליד אַריינגענומען אין זיין בוך „שפּיל און קאַמף״, האָט ער עס כמעט אינ־גאַנצן געענדערט. דער געדאַנק איז דער זעלביקער. אָבער די גראַ־מען אין טייל בילדער זיינען אַנדערע. אין בוך, אַגב, פעלן צוויי סטראָ־פעס. די ענדערונגען זיינען די זעלביקע ווי אין אַלע לידער, וואָס מאַרינאָוו האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן איבערגעשריבן. כאַראַק־טעריסטיש איז אָבער אַזאַ קליינינקייט ווי דער נאָמען. אין 1901 הייסט דאָס ליד „צום מזל״. מיט 37 יאָר שפּעטער, ווען די מורא פאַר אינ־דיווידואַליסטישע לידער איז פאַרשוואונדן, הייסט דאָס ליד „צו מיין מזל״. דער הומאָר אין דעם ליד איז אַ ביטערער. אָבער אַ סימן אויף דעם שפּעטערדיקן „קונדס״־„בעל־דבר״ איז שוין פאַראַן אין אים. מחמת ליטעראַטור־היסטאָרישע סיבות גיבן מיר דאָ איבער דאָס ליד אין זיין ערשטן וואַריאַנט:

צום מזל

וואו האָסטו זיך, מזל, באַהאַלטן —
וואָס שפּילסטו מיט מיר „בלינדע קו״?
איך דריי זיך אַרום ווי אַ גולם,
איך זוך דיך ניט ווייסנדיק וואו.

ווען שפּאַסנד באַריהרסטו מיין קערפּער, —
ווי רייצט מיך דיין לאַסטשענדער גלעט!
איך גיב זיך אַ דריי ווי אַ וויכער —
ניטאָ שוין דיין זכר — צו שפּעט!

דו שענקסט אויך אַ קניפּ מיר אין בעקל,
ווען שטיפנדיק ווערסטו פֿאַרשייט,
די פֿאַרב פֿאַרשווינדט גיך, נאָר די בלאָע
סימנים — זיי טראָג איך אַ צייט! . . .

דו האַלסט מיר די אויגן פֿאַרבונדן,
איך בלאָנדזשע אין חושך און טאַפּ.
„אָט בין איך!" — ערקלינגט זיס דיין שטימע —
„דאָ שטיי איך, גאַנץ נאָענט. כאַפּ, כאַפּ!"

איך גיב זיך אַ לאָז נאָך דיין קול נאָך,
פֿון האָפֿנונגען זיסע גערעגט —
און מעג עס מיר קאָסטן מיין לעבן —
איך פֿלי מיט די הענט אויסגעשטרעקט!

און וואו נאָר אַ בלאָטע פֿאַרשלעפּט מיך
דיין קול־כל, וואָס קלינגט אַזוי זיס;
און וואו נאָר אַ שטיין און אַ דאָרן —
צעקיילט און צעשטעכט מיינע פֿיס...

דו שיסט אויס אַ ווילדן געלעכטער,
ווען איך ברעך מיין געניק — ווען איך פֿאַל;
עס טאַנצט אַזש דאָס האַרץ דיר פֿאַר שמחה,
ווען מיינע באַגיסט זיך מיט גאַל...

און שפּילסטו באַהעלטניש — וואָרום־זשע
קומט מיר נאָר צו זיין „בלינדע קו"?
וואָס פֿירסט מיך אין גריבער און זומפּן
און גיסט מיר קיין רגעלע רו?

איך דענק אַז עס וואָלט זיין אַ יושר
דו זאָלסט זיך שוין בייטן מיט מיר:
קום, איך וועל דיר די אויגן פֿאַרבינדן
און לאָזן זיך כאַפּן פֿון דיר...

מאַרינאָווס הומאָר איז ניט ביטער און ניט בייזוויליק. דאָס זעט מען ביי אים אין אַזעלכע לידער ווי „צום פּעגאַזוס". דער הומאָר איז דאָ שפּילעוודיק. זעלבסט־פּאַרלייקענונג און אויפריכטיקע עניוות גיבן צו אַ שמעק סענטימענטאַלקייט צום גאַנצן ליד. דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס", דעם 14טן פעברואַר, 1903. מאַרינאָוו האָט אַריינגענומען דאָס ליד אין זיין בוך „שפּיל און קאַמף". ער האָט דאָרטן איבערגעאַנדערשט עטלעכע שורות, צוגעגעבן עטלעכע נייע סטראָפעס און אויסגעלאָזן די סטראָפע: „ביי דיר שפּילט קיין ראָלע דער צימעס; די זמירות, אויף זיי פרעגסט זיך נאָך; די קניידלעך, זיי זיינען דיר נמאס; הגדה — ביי דיר איז דער תוך". אין די שפּע־טערדיקע יאָרן האָבן עלטערע פּאָעטן אָנגעהויבן קוקן מיט אַנדערע אויגן אויף „דעם צימעס" און די „קניידלעך". טיראַניזירט מצד די „עסטעטן" האָבן זיי אַ ביסל נאָכגעגעבן. זיי האָבן שוין פאָרם ניט אַוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט. אָבער דאָס איז געווען אַ געצוואונ־גענע קאָנצעסיע, כדי ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די יונגע „טיראַנען". מאַרינאָווס „פּעגאַזוס" איז שפּילעוודיק, שטיפעריש און ער קונדסט איבער זיך אַליין.

צום פּעגאַזוס

אָ, גוטינקער פלינקער פּעגאַזוס,
הער אויס מיין פאַרלאַנג, מיין געבעט!
(פאַרגיב מיר, איך בעט דיר, מיין עזות,
בין ליידער קיין גרויסער פּאָעט,

נאָר גאָר ניט, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן,
דאָס וועסטו דאָך מודה זיין מיר —
נאָך קלענערע דיכטערלעך טרייבן
אַרום זיך כסדר אויף דיר...)

אָ, נעם מיך צו זיך אויף די פּלייצעס
און טראָג מיך אַוועק ערגעץ — וויט! —
איך טו דיר אַן סאַמעטענע לייצעס,
אַ זאָטל פון אַטלעס און זייד!

איך שענק דיר אַ גאָלדענע ציימל,
מיט עקן פון פיזעם באַפוצט,
וואָס שטאַמען פון ליבאַוויטשער׳ס שטריימל,
וואָס ער האָט צום סדר באַנוצט.

איך טו דיר אָן זילבערנע גלעקלעך,
מיט פאַדקאָוועס פיינע, פון גאָלד,
בענעגלט מיט דימענטענע צוועקלעך —
דאָס שיינע, איך וויס, האָסטו האָלט......

די גלעקלעך וועלן קלינגען און זינגען
צום טאַקט פון דיין שנעלן גאַלאָפּ:
פון דאַנען ביז רוים וועסטו שפּרינגען, —
פאַרריסן מיט גאווה דעם קאָפּ!

און גרינינקע זאַנגען מיט האָבער —
באַטויט, און געקוּשט פון דער זון,
וואָלט איך שוין געקויפט פאַר דיר, אָבער
איך וויס, אַז דו האַלסט ניט דערפון.

ביי דיר שפּילט קיין ראָלע דער צימעס
די זמירות, אויף זיי פרעגסט זיך נאָך;
די קניידלעך, זיי זיינען דיר נמאס —
הגדה — ביי דיר איז דער תוך.

אַזוי האָסטו ליב נאָר פון סידור
מיט קלינגענדע ריפמען פאַרבראָקט,
נו, — וועל איך דיך שפייזן מיט לידער,
מיט פערזן געשליפן, געטאָקט.

נאָר נעם מיך צו זיך אויף די פּלייצעס
און טראָג מיך אַוועק ערגעץ־ווייט!
וואוהין? — אַך, ניט פרעג מיר קיין עצות! —
אָט טראָג מיך פון מענטשן און לייט!...

ווען מאַרינאָוו האָט מיט 36 יאָר שפּעטער אַריינגענומען דאָס ליד אין בוך, האָט ער שוין צוגעשטעלט עטלעכע סאַטירישע שורות. אָבער די סאַטירע איז דאָ ניט קיין בייסיקע. גיכער איז עס אינעם טאָן פון „קונדס". אין עטלעכע שורות לאַכט ער כלומרשט אָפּ פון זיך אַליין, פון זיין אייגענעם „געטלעכן פונק":

פון קעלטן, פּעגאַס, וועט דיך וואַרמען
און שיצן מיין „געטלעכער פונק";
מיין חכמה־קוואַל וועט זיך דערבאַרמען
אויף דיר, ווען דו וועסט וועלן אַ טרונק.

אין אַנדערע סטראָפעס נוצט ער אויס אַ געלעגנהייט־מאָטיוו. דאָס געפליגלטע פערד וועט דאַרף שפּרינגען פון „בראַנזוויל ביז רוים". אָבער ווען עס וועט שפּרינגען פון רוים אין יידישלאַנד, זאָל עס זיך היטן:

פון רוים — מיט איין שפּרונג — גאָר אַ חידוש! —
אין אונדזער ליב היימלאַנד אַריין —
נאָר היט זיך! ניט הירזשע אויף יידיש
אין יידנלאַנד, פּעגאַזוס, דו מיין!

געלעגנהייט-לידער

די פריער־ציטירטע שורות געהערן צו געלעגנהייט־פּערזן. דעם דאַזיקן זשאַנער האָט קולטיווירט דער „קונדס". פעליעטאָנען, סאַטירע, הומאָר, געלעגנהייט־ליד — דאָס זיינען געווען דעם „קונדס" כלי־זיין. מאַרינאָוו אַליין באַטראַכט זיינע 19 יאָר, ווען ער האָט רעדאַקטירט דעם „קונדס", ווי די וויכטיקסטע יאָרן אין זיין לעבן. דער „קונדס", גלויבט ער, האָט אין אַ סך פּרטים געהויבן דעם מצב פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. מאַרינאָוו אַליין האָט אַריינגעלייגט זיין האַרץ און נשמה אין „קונדס". ער האָט במשך די צוויי צענדליגג יאָר אויפגע־הערט שרייבן פּאָעזיע. פון צייט צו צייט באַווייזט זיך זיינס אַ ליד. על־פּי־רוב, אָבער, שרייבט ער געלעגנהייט־לידער, דאָס, וואָס ער האָט

אַנגערופן — געגראַמטע נייס. אָנגעהויבן האָט ער זיי שרייבן דעם ערשטן יאַנואַר, 1915. ס'איז כדאַי צו ברענגען דעם אָנהייב פון זיין ערשטן געגראַמטן קאָלום:

געגראַמטע נייס

דער „קונדס" טרעט די ניי־יאָר שוועל
צום זיבעטן מאָל אַריבער;
נאָך קיינמאָל איז אַ קינד פון זעקס
געווען אַזאַ גיבור!

נאָך קיינמאָל האָט אַ יונג פון זעקס
געהאַט אַזאַ מין כוח:
דער בחור קאָן גאָר מיט אַ וויץ
אייך עפענען דעם מוח!...

מיט „שפּאַס" האָט ער אַוועקגעלייגט
אַ גאַנצע גדולים־סוויטע,
און אויך אַצינד, צום זיבעטן יאָר —
ער רופט ניט אויס קיין שמיטה...

מיט נייע קרעפטן, נייעם מוט,
ער גורט איצט אָן די לענדן;
און ווי וועט זיין די יענקע
וואָס שוואַרצן אונדז און שענדן... א.א.וו.

די „געגראַמטע נייס" האָבן ניט פּרעטענדירט אויף פּאָעזיע. זיי זיינען אָבער נאָענט צו דעם צילבאַוואוסטן פּאָליטישן ליד. אויך — צום הומאָריסטישן פעליעטאָן אין גראַמען. עס לאָזט זיך פעסטשטעלן איין זאַך: עס האָט אָנגעהויבן פאַרשווינדן די שאַרפקייט, דער פּאַטאָס און די תהומיקייט פון געזעלשאַפטלעכן ליד. מחמת דעם האָט זיך אַלץ מער אַנטוויקלט אַן אַנדער זשאַנער — דער הומאָריסטישער פעליעטאָן, דער געגראַמטער קאָלום.

יעקב מאַרינאָוו — אין די עלטערע יאָרן

יידיש-נאַציאָנאַלע טענער

צווישן מאַרינאָווס „געגראַמטע נייס” געפינט מען אַזעלכע טעמעס, וואָס זיינען אַמאָל ביי אים געווען טריף. ער איז דאָך געווען אַ פּראָ־לעטאַרישער פּאָעט, און אַ סאָציאַליסט־קאָסמאָפּאָליט. מיט נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן זיך פאַרנומען די „פּינצטערלינגע”. זיין נאָענטקייט צו יהואשן, חיים ספּיוואַקן און אַנדערע, האָט פאַרזעיט אין אים ניט נאָר טראַדיציאָנעלע קערנער, נאָר אויך נאַציאָנאַליסטישע. דעם 14טן דעצעמבער, 1917, לייענען מיר אין „קונדס” אַזעלכע נייס אין גראַמען, וואָס קיין סאָציאַלער, קאָסמאָפּאָליטישער פּאָעט וואָלט זיך אָנהייב ניינציקער יאָרן ניט דערלויבט צו שרייבן:

ירושלים איז אַצינד
　　אין האַנט פון ענגלאַנדס זעלנער —
לכבוד דער פּאַסירונג — הער —
　　אַ גלעזל כרמל, קעלנער!

מיר האָבן ענדלעך דאָך דערלעבט
　　די וואונדערלעכע יאָרן:
בת ציון, אונדזער ליבסטע, איז
　　אַ כלה דאָך געוואָרן!

איצט האַרף דער חתן, רב ישראל,
　　נאָך האַלטן זיין פאַרשפּרעכן,
און קומען צו באַזעצנס, און —
　　מ׳קאָן שוין טעלער ברעכן.

די דאָזיקע גראַמען זיינען ממש טאָג־נייס אין גראַמען. אין מאַ־רינאָווס פאַל וויזן זיי אָן: אין זיין באַגריף געזעלשאַפטלעכקייט איז צוגעקומען אַ וויכטיקע טעמע. עס איז נייטיק צו באַטאָנען דאָס וואָרט געזעלשאַפטלעכקייט אין מאַרינאָווס פאַל. „דער קיבעצער” און דער „קונדס” זיינען געווען אָרגאַנען פאַר הומאָר און סאַטירע. זיי זיינען צום טייל, אויך געווען אַ מקור פאַר אַ געוויסן סם. ווען דער דאָזיקער סם האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט, האָט ער אָנגעטאָן אַ סך שאָדן דער יידישער ליטעראַטור. דער סם איז געווען: לצנות, ביטול, אומכבוד,

ציניזם. געטאָן האָט מען דאָס כלומרשט אונטער דער מאַסקע — „צעשטערן געטער". דער אויסרייד איז געווען: ס'איז דאָך בלויז הומאָר. „קיבעצער" און „קונדס" האָבן שטאַרק געווירקט אויף טייל פאַרשטייער צווישן די „יונגע". אָבער — ניט אויף אַלע „יונגע". דאָס איז אַן אינטערעסאַנטע טעמע פאַר זיך. גאַנץ שאַרף האָט דוד איגנאַטאָוו אָנגערירט די דאָזיקע טעמע אינעם דעצעמבער־נומער „צוקונפט", 1944.

עס איז ביז גאָר באַלערנדיק: די סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן זיינען געווען אייפערדיקע קעמפער, מענטשן מיט אי־דעאַלן, מענטשן מיט מסירת־נפש ביז צו מאַרטירערישקייט. זייער סאַטירע איז געווען אַ בייסנדיקע, אָבער אויך אַ טראַגישע. ביי טייל „יונגע" איז אָטאָ־דער דאָזיקער אייפער, אידעאַליזם און מסירת־נפש שוין ניט געווען. זיי האָבן געקוקט פון אויבן־אַראָפּ אויף געזעלשאַפט־לעכקייט, אויף אוטיליטאַרער ליטעראַטור. זיי זיינען געווען „עסטעטן". און טייל „עסטעטן" האָבן געקענט אַלץ מאַכן צו קליינגעלט, זיך אויפ־פירן ווי אַמוזאַנטע אפּכא־מסתבראניקעס, ווי איבערגעזעטיקטע „פי־לאָסאָפן", וואָס ווייסן שוין וועגן דער נישטיקייט פון יעדער זאַך. טייל האָבן זיך גאַנץ פיין אַריינגעפּאַסט אין „קיבעץ", אין „קונדסעריי". און אַן אידעאַלן, איז עס געוואָרן לצנות און ביטול, ציניזם און פּוסטקייט. מען האָט אָבער דעם ציניזם גאַנץ פאַרזיכטיק אַרויסגעשטעלט ווי אַ מאַסקע. מען זאָל מיינען — הינטער דער מאַסקע „ליידט" אַ טיפע, טראַגישע נשמה. דאָס איז געווען חל ניט בלויז אויף אַ טייל „יונגע". דאָס איז געווען חל כמעט אויף דעם גאַנצן דור, וואָס האָט בשעתּם געלעבט און נאָכגעמאַכט די „יונגע".

יעקב מאַרינאָוו האָט אָבער אַנדערש געקוקט אויפן „קונדס". ער איז דאָך געקומען פון אַן אַנדער חדר. די ווינטשעווסקי־עדעלשטאַט־באָוושאָווער טראַדיציע האָט באַאיינפלוסט יעדן איינציקן פּאָעט אין די ניינציקער יאָרן. באַפרייען זיך אינגאַנצן דערפון האָט קיינער ניט באַוויזן. אָט דער געזעלשאַפטלעכער אָדער איז ביי מאַרינאָוון געווען שטאַרק אַנטוויקלט. דאָס סאָציאַלע — דאָס איז געווען זיין לעבן. אַנדערש האָט ער גאָרניט געקענט טראַכטן. און זיין „קונדס" האָט ער אַנדערש באַטראַכט ווי דאָס רוב „פילאָסאָפירנדיקע" לצים. ער האָט עס באַטראַכט פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן אָרגאַן, וואָס „רייניקט" דאָס יידישע לעבן, מיטן סאַמע געפערלעכסטן כלי־זיין — מיט שפּאָס.

ווען מאַרינאָוו האָט דעם אָנגעזעענעם אַדוואָקאַט ש. ר. וואכטעלן גע־שאָנקען זיינע 19 בענדער „קונדס” האָט ער אין זיין „פאָרוואָרט”, אין זיין „ווידמונג”, געהאַט אַזעלכע שורות:

וועסטו דאָרט געפינען
אַלע חכמות מיינע, מיט אַ זין און אָן אַ זינען;
ווי איך האָב געדונערוועטערט
ניינצן לאַנגע יאָרן;
ווי עס האָבן צער און צאָרן
זיך געפּאָרט מיט הומאָריסטיק,
ליבע — מיט סאַדיסטיק;
ווי איך האָב געשטורעמט אַלע גלעקער
און גערופן צו מלחמה
קעגן צביעות, שונד און שקר;
ווי איך האָב דעם בידנעם יושר צוגעטוליעט
צו מיין ברוסט,
ווען רציחה, ווילד־צעהוליעט,
האָט זיין בלוט געגלוסט...
ווי איך האָב דעם נאַקעטן אמת,
טיר און טויער אויפגעמאַכט,
ווען פאַרבלאָטיקט און פאַרבלוטיקט,
נאָך אַ שווערער שלאַכט
מיט דעם שקר, האָט ער אָנגעקלאַפּט מיין טיר.
ווי איך האָב אים זיינע וואונדן
אויסגעוואַשן און פאַרבונדן.
און —געקרעפּטיקט און דערמוטיקט —
האָבן מיר זיך הויך צעלאַכט
און דעם שקר אומגעבראַכט.

מאַרינאָוו איז אויף קיין רגע ניט אָפּגעטראָטן פון זיין געזעלשאַפט־לעכער שליחות. ער איז געבליבן געטריי דער טראַדיציע פון די ניינ־ציקער יאָרן מיט זיינע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. צו דער פולער גאַמע געזעלשאַפטלעכקייט איז איצט צוגעקומען דער נאַציאָנאַל־ייִדי־שער מאָטיוו. געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען האָבן אויסגעזען ווי „בויטן פון דעם מאָמענט”. און אויף זיי האָט דער „קונדס”־רעדאַקטאָר זיך

שטענדיק אָפּגערופֿן. ער האָט זיך אָפּגערופֿן אַפֿילו אויף ענינים, וואָס זיינען ניט געווען דירעקט פֿאַרבונדן מיט אים, ווי, למשל, שאַפֿן דעם פֿאָנד און אויפֿשטעלן דעם אוהל־פּרץ אין וואַרשע און שטיצן פּרצעס אלמנה, ווי אויך מענדעלעס אלמנה.

מאַרינאָוו איז שטענדיק געווען אַ גוזעלשאַפֿטלעכער מענטש, מיט אינטערעסן פֿאַרן מאָמענט. אַן עדות — זיינע לידער און פֿאָעמעס, וואָס ער האָט געשריבן זינט עס איז אונטערגעגאַנגען דער „קונדס״. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן: אַלע לידער אין דער נאָך־„קונדס״־צייט זיינען אויף גוזעלשאַפֿטלעכע מאָטיוון, געלעגנהייט־לידער, אָפּרופֿן אויף גוזעלשאַפֿטלעכע געשעענישן. זיין ליד „געווען איז דאָס ווינ־טער אין אָוונט״ דערציילט ער ווי אַנשטאָט פֿריינד קומען צו אים אין אַ שטורעמדיקער נאַכט די געשטאַלטן „עלנט״ און „נויט״. „אַ דריי־בונד — באַשטימט ווי פֿון הימל — אַ דיכטער מיט עלנט און נויט... מיר בלייבן צוזאַמען אין דרייען, ביז ס׳קומט אַן דער פֿערטער — דער טויט״. דאָס דאָזיקע איינציקע ליד האָט אין זיך יחידישע מאָ־מענטן. דאָס האָט מאַרינאָוו געשריבן אין יאָר 1925, בעת דער „קונדס״ האָט נאָך געהאַלטן אין אַרויסגיין. די נאָך־„קונדס״־לידער זיינען אַלע גוזעלשאַפֿטלעכע, אַחוץ די אויטאָביאָגראַפֿישע באַלאַדע „פֿון סערניק״ (באַלאַדעס וועגן זיך אַליין): „מיין ערשטער אויפֿטריט״; „איך ווער בר־מצווה, איך ווער אַ שמיד״; „אין קוזניע״. די אַלע דריי באַלאַדעס האָט ער געשריבן אין יאַנואַר, 1938.

געטריי דער טראַדיציע פֿון זיינע ערשטע טריט אין דער ליטע־ראַטור, שרייבט שפּעטער מאַרינאָוו לידער און פֿאָעמעס, וואָס טעמאַ־טיש לאָזן זיי זיך טיילן אויף: סאַטירישע לידער, לידער וועגן סאָציאַלן אומגליק און רופֿלידער אָדער הימנעס. די לעצטע זיינען על־פּי־רוב גע־שריבן אויף נאַציאָנאַל־יידישע מאָטיוון.

„ווען נישט, חלילה, ער״ איז אַן אָפּרוף, אַ מין ענטפֿער אויף הוא־ווערס קאָמפּאַניע־רעדע בעת די פּרעזידענט־וואַלן אין 1932, ווען הואווער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „ס׳האָט געקאָנט נאָך ערגער זיין״. דאָס איז אַ בייסיקע סאַטירע, געשריבן אין דעם אַמאָליקן הויכן גאַנג פֿון פּאָליטישן ליד אין די 90ער יאָרן:

ווען ניט, חלילה, ער,
דער גרויסער אינזשינער, —
סע וואָלט געווען אַ גוואַלד, אַ גוואַלד! —

מע וואָלט געלעבט ווי אין אַ חלום,
מע וואָלט געשאָניטן אונדזערע שכירות,
געוואָרפן מענטשן פון די דירות;
דער הונגער וואָלט געזעסן אויבנאָן,
געפּאַכעט מיט זיין שוואַרצער פאָן,
צום טאַקט פון אַכצן מיליאָן,
וואָס האָבן גאָרניט וואָס צו טאָן,
חוץ טרעמפּן איבער אונדזער רייכן לאַנד,
פון ים־צו־ים, פון ראַנד־צו־ראַנד;
סע וואָלטן הונגער־מאַרשן שוואַרצן
אַלע וועגן וועלכע ציען זיך צום האַרצן
פון אונדזער לאַנד קיין וואַשינגטאָן —
אַך, פרעגט ניט, ס׳וואָלט זיך עפּעס טאָן,
ווען ניט, חלילה, ער,
דער גרויסער אינזשינער,
הערבערט הואווער!

אין דער געבראַכטער סטראָפע זעט מען די געזעלשאַפטלעכע סאַטירע, וואָס מאַרינאָוו שרייבט עד־היום. נאָענט צו דעם זעלביקן זשאַנער זיינען לידער, געשריבן אין דעם „קונדס״־הומאָריסטישן טאָן. פאַראַן אין אַזעלכע לידער סאַטירע, נאָר אָן בייסיקייט. שפּאָס פאַרנעמט דאָרט דאָס אָרט פון געזעלשאַפטלעכן פּראָטעסט. אַזאַ פּאָעמע איז דער „היסטערישער ראָמאַן״ אין פערזן — „די שוואַרצע בלאָנדינקע״. אייגנטלעך איז עס אַ סאַטירע אויף שונד־ראָמאַנען אין דער יידישער פּרעסע. געשריבן איז עס אין אַ שפּאַסיקן טאָן. דער גראָטעסק איז בכיוון אַזאַ איבערגעטריבענער, מען זאָל בולט זען דאָס אומגעלומפּערטע און דאָס ווילדע אין דעם שונד־ראָמאַן, וואָס דרוקט זיך אין דער טעגלעכער פּרעסע. צוזאַמען מיט שפּיל און לצנות גייט אַ קייט ווילדע המצאות. ווען מען פאַרענדיקט דאָס לייענען, טראַכט מען — סאַראַ ווילדע זאַך דאָס איז. אָבער באַלד קומט אויפן געדאַנק דער מוסר־השכל: זעט, אַט דאָס איז דער שונד־ראָמאַן; דאָס קאָרמעט מען אונדזער עולם. איז עס ניט קיין בייסיקע סאַטירע. אָבער עס איז דאָס, וואָס מאַרינאָוו האָט אַליין פאָרמולירט: „האָבן מיר זיך הויך צעלאַכט און דעם שקר אומגעבראַכט״. צי מאַרינאָוו האָט זיך איינגעגעבן אומברענגען דעם שקר, איז אַ פראַגע. אָבער ער האָט אויס־

געלאַכט דעם שונד־ראָמאַן אין זיין „היסטערישן״ ראָמאַן „די שוואַרצע בלאָנדינקע״. פֿאַר מאַרינאָוון איז עס אַ געזעלשאַפֿטלעכע טעמע. און ער באַטראַכט עס ווי אַ סאַטירע, הגם, ווי פֿריער באַמערקט, די „קונדס״־סאַטירע איז דאָ דער הויפּט־כוח, און ניט די סאַטירע אין דעם אָנגענומענעם זין.

אין דער צווייטער ריי קומען זיינע לידער וועגן סאָציאַלן אומגליק. דאָס זיינען ערנסטע לידער מיט אַ ציטער פֿון טראַגיק. צו זיי געהערן אַזעלכע לידער ווי „דער פֿאַרגעסענער מענטש״ (באַלאַדע וועגן אַ הונט). די טעמע אין איר גאַנצן הינטערגרונט איז אַ רעאַליסטישע. זי איז אויך געווען אַ טאָגטעגלעכע דערשיינונג אין די קריזיס־יאָרן. געשריבן איז דאָס ליד טאַקע אין יאָר 1933. מאַרינאָוו האָט אַליין געזען אַזאַ בילד ווי אַן אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע „גרויע געשטאַלט פֿון הויט און ביין״, „פֿון גאָט און מענטש פֿאַרגעסענער״ האָט געוואָלט אָפּיאָגן פֿון מיסטקאַן אַ הונט, אויך „פֿון גאָט און מענטש פֿאַרגעסענער״. מענטש און הונט רייסן זיך איבער דעם אָפּפֿאַל, וואָס מען קען געפֿינען אין דעם מיסטקאַן. פֿאַר אונדז האָט עס אויך אַ נאָכקלאַנג פֿון אַן אַלעגאָריע, דעם דיכטער דאַכט זיך פּלוצעם אויס,

אַז דאָ, אין גרויס־שטאָט, אין אַ ווינטער־נאַכט,
האָט ווידער יענער גס געטראָפֿן,
וואָס האָט מיט בלעמס אייזל זיך פֿאַרלאָפֿן,
אַ שטומע צונג האָט אויפֿגעהערט צו שטומען —
דער הונט האָט פּלוצלונג שפּראַך באַקומען.

דער הונט וואַרפֿט־אויף דעם מענטשן, „די קרוין פֿון דער נאַטור״, דעם „פּער פֿון דער יצירה״, פֿאַרוואָס ער באַרויבט אַ פּראָסטן גאַסן־הונט. דער מענטש, וואָס האָט „די נאַטור געשפּאַנט אין יאָך״, וואָס אים „דינען זיבן טעג אין וואָך״ און שאַפֿן פֿאַר אים ס׳גאַנצע וועלט־עשירות, — ווי קומט צו אים, ער זאָל באַרויבן אַ פּשוטן „בלודנעם הונט״. דער מענטש האָט אָבער ניט דערהערט דעם הונטס ווערטער, ער

איז שטום און שטאַר געשטאַנען ביי דער בלעכן כלי,
געראָיעט זיך אין מיסט און נבלה —
און שפּייז געזוכט פֿאַר זיין פֿאַרשמאַכטן גומען...
און „דעם הונט האָט צוריק דאָס לשון אָפּגענומען...״

פאַר די אַלע סאָציאַלע פּאָעטן, וואָס האָבן געשריבן וועגן מענטש־לעכער נויט איז געווען לאָגיש צו שרייבן וועקלידער, רופלידער און הימנען. אויך פאַר מאַרינאָוון זיינען זיי אַ באַזונדער זשאַנער. אָפּט זיינען זיי פאַרבונדן מיט וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע געשעענישן. זיי זיינען, אייגנטלעך, דער המשך פון זיינע ערשטע לידער, למשל, „מי ומי ההולכים". עס מאַכט ניט אויס, וואָס אין די 90ער יאָרן וואָלט ער ניט געשריבן באַגריסונג־לידער וועגן יידיש־נאַציאָנאַלע געשעע־נישן. אָבער דער זשאַנער איז דער זעלביקער. אַזוי זעען מיר עס אין דעם „חלוצים־ליד", וואָס ער האָט געשריבן לכבוד דער הסתדרות' 25־יאָריקן יובילײ. כאַראַקטעריסטיש איז דער ווענד:

לאָמיר אָנפילן די כוסות
מיט וויין פון כרמל־טרויבן,
געפלאַנצט מיט פרייד און האָפענונג,
מיט ליבע און מיט גלויבן.

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

פון מעריב־צייט ביז שחרית־פרי,
ווען ס'העלט דער מאָרגן־שטערן,
ביז ס'רופט צום אַקער אונדז דאָס פעלד —
זאָל הײנט געזונגען ווערן!

און ברעכט אַריין אין אונדזער ליד
געררויש פון טייכן טרערן,
פאַרבייסט אַ ליפּ, און זאָל קיין כליפּ
פון קיינעם היינט זיך הערן.

צו דעם זשאַנער דאַרף מען צורעכענען כמעט אַלע לידער אין זיין זאַמלונג „מיר וועלן זיין" (1944). דער טאָן איז אין גאַנג פון אַ הימן:

ווי לאַנג די ערד וועט יאָגן זיך
אַרום דער זון דורך רוים און צייט;

ווי לאַנג די זון וועט טראָגן זיך
פון אייביקייט צו אייביקייט —
דורך ליכט און חושך, פרייד און פּיין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

דער שמיד פון צייט — ער ווערט ניט מיד
דער שמיד פון צייט — ער שמידט און שמידט
פאַר אייך באַרבאַרן קורצע טעג,
פאַר אונדז צו אייביקייט דעם וועג!
דורך ליכט און חושך, פרייד און פּיין —
מיר וועלן זיין!
מיר וועלן זיין!

די אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע פּאָעטן, אין די 80ער און 90ער יאָרן, איז איינגאַנצן געווען פרעמד די יידיש־נאַציאָנאַלע און די פּאָזיטיווע יידיש־טראַדיציאָנעלע טעמע. אָבער, ווי פריער דערמאָנט, — ניט געקוקט אויף דער אַנדערשדיקער טעמע, איז דער זשאַנער דער זעלביקער, וואָס מיר באַטראַכטן איצט.

מיר האָבן פריער ציטירט מאָרינאָווס אַ נאַציאָנאַליסטיש ליד, אַ ליד אין גראַמען, וואָס ער האָט געדרוקט אין „קונדס" אין צייט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. געדרוקט האָט ער עס דעם 14טן דע־צעמבער, 1917. פון דעמאָלט אָן איז די דאָזיקע טעמע געוואָרן כשר אין מאָרינאָווס אויגן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז עס געוואָרן איינע פון זיינע עיקרדיקע מאָטיוון. צו זיי געהערן די פינף לידער „חורבן אַשכנז", געשריבן אין די דרייסיקער יאָרן. אויך די לידער אין די זאַמלונגען „מיר וועלן זיין!" און „שטאַרק און מונטער". די סאַמע באַוואוסטע צווישן זיי זיינען אַזעלכע לידער ווי „נחמו, נחמו, עמי". אין דעם ליד דערציילט מאָרינאָוו ווי „אין שפּעטער שעה, אין טיפער נאַכט, האָב איך אין פּיין און אַנגסט געוואַכט", און ווי „מיט

ציטערדיקע הענט האָב איך מיך נאָך אַ טרייסט געווענדט, צום אַלטן טרייסטער, צום תנך, — מיין בליק געאַנקערט אין ישעיהו בן אמוץ".

און ס'האָט געטאָן אַ פלייץ
אַ כוואַליע הייליק ליכט
און האָט אַ בלענד געטאָן אויף מיין געזיכט
און אין דער אומרואיקער נאַכט
מיר רו געבראַכט.

עס טויכט־אויף פאַרן דיכטער אַן אַלטער גרייז, וואָס טרייסט אים און פאַרזיכערט אים

פאַרגעסן האָט ניט שדי זיין הבטחה פון אַמאָל,
וואָס ער'ט געגעבן אַברמען אין ממראס טאָל:
ווי שטערן אויפן הימל און ווי זאַמד ביים ים,
אַזוי וועלן זיין די קינדער פון דיין שטאַם.
און ביז צום סוף פון אַלע צייטן — אייביק ניי,
איז די הבטחה פון אל שדי — עם ישראל חי.

— — — — — — — — — — — — — —

אויף הימלס האַרץ האָט ליב און העל
דער מאָרגנשטערן אויפגעבליט
און האָט מיין אַנגסט־געפייניקט זעל
באַשטראַלט מיט יונגליכט און מיט ליד.

ווי מיר האָבן עס פריער אָנגעוויזן — דער יידיש־נאַציאָנאַלער מאָטיוו איז בלויז אַ נייע טעמע ביי אַ ראַדיקאַלן פאָעט, וואָס ציט זיין ליטעראַרישע יניקה נאָך פון די ניינציקער יאָרן. פסיכאָלאָגיש, ריכ־טיקער געזאָגט, קינסטלעריש־פסיכאָלאָגיש, געהערט עס צום קאָמפּלעקס געזעלשאַפטלעכער פאָעזיע אין יענער תקופה.

דעם אונטערשייד צווישן דער בייסיקער סאָציאַלער סאַטירע און דעם „קונדס"־הומאָר — דאָס זעט מען אין טייל מאַרינאָווס לידער. אין

זיין פּאָעזיע זעט מען עס קלאָר, ווייל זיין פּערז איז קלאָר. חוצדעם — אין מאַרינאָווס אַנטוויקלונג זעט מען די מעגלעכע אַנטוויקלונג פֿון אַ סך סאָציאַלע פּאָעטן. מיר באַטאָנען דאָס וואָרט „מעגלעכע“, ווייל, ווי מיר ווייסן — דאָס רוב סאָציאַלע פּאָעטן האָבן ניט באַוויזן ממשיך זיין זייער שרייבן. דער פּערז, וואָס איז אויפגעקומען אין די 80ער און 90ער יאָרן, האָט דורך געציילטע „מאָהיקאַנער“ דערגרייכט אַ מער לויטערע שפּראַך, אַ פיינערן ריטם און אַ פעסטערע שורה. צווישן די דאָזיקע געציילטע געהערט יעקב מאַרינאָוו.

ש. ז. רובין

— 1879

ש. ז. רובין

ביים סוף פון אַ תקופה

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־פּאָעטן אין אַמעריקע זיינען ניט געווען סתם סאָציאַלע דיכטער. זייער סאָציאַלער מהות איז געווען אַ פּראָלעטאַרישער. אַזוי איז עס געווען זינט ווינטשעווסקי האָט זיך באַוויזן מיט זיין פּראָלעטאַריש ליד אין לאָנדאָן, אין יאָר 1884. אַזוי איז עס געווען ווען מאָריס ראָזענפעלד איז אויפגעקומען אין ניו־יאָרק סוף 1886, און עדעלשטאַט אין 1889. די דאָזיקע פּראָלעטאַרישע טענדענץ איז שפּעטער געוואָרן שטאַרקער. זי איז געווען די הויפּט־טענדענץ אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. סוף 1907 איז שוין אויפגעקומען דער זשורנאַל „די יוגענד". דאָס איז געווען אַ נייער אָנזאָג. די אימפּרעסיאָניסטן, „די יונגע", האָבן זיך באַוויזן אויפן דרך המלך. אָבער צווישן סוף ניינציקער יאָרן און דעם יאָר 1907 זיינען אויפגעקומען שרייבער, וואָס האָבן געהערט צוביידע וועלטן. טייל זיינען, פּסיכאָלאָגיש, געווען מער גענייגט צו די סאָציאַלע פּאָעטן. טייל האָבן זיך שפּעטער געריסן צו יחידישע מאָטיוון, צו זינגען ווי דער פויגל זינגט. על־פּי־רוב, אָבער, האָבן זיי פאַרמאָגט די אייגנ־שאַפטן פון ביידע תקופות.

צו די לעצטע געהערט שלמה ז. רובין. פּסיכאָלאָגיש און נאָכן מעטאָד נאָך געהערט ער אינגאַנצן צו דער סאָציאַלער תקופה. דער דאָזיקער מעטאָד איז רעאַליזם. און דאָס נוצט ער אויך אין יענע לידער, וואָס טראָגן מער אַ יחידישן כאַראַקטער. דאָך זיינען דאָ אונ־טערשיידן צווישן אים און די איבעריקע סאָציאַלע פּאָעטן. דאָס האָט צו טאָן מיט צוויי זאַכן. ער איז אויפגעקומען ביים סוף פון אַ תקופה; זיין טעמפּעראַמענט און כאַראַקטער האָבן געשטימט מיט דער תקופהס בין־השמשות. אין זיין רעאַליזם איז פאַראַן — רואיקערע באַטראַכטונג און ראָמאַנטישער אַפּגלאַנץ.

קינדהייט אין אייראָפּע

שלמה ז. רובין איז געבוירן געוואָרן אין לידע, ווילנער גובערניע, דעם ערשטן יאַנואַר, 1879. די משפּחה האָט געוואוינט אין לידע עטלעכע הונדערט יאָר.

זיין זיידע, פון פאָטערס צד, ר׳ משה רובין, אָדער ווי מ׳האָט גערופן — משהל באַשקעס, איז געווען אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס. געווען איז ער אַ חב״דניק. דאָך, פאַר יענער צייט, אַ ביסל אַ פאַרגעשריטענער. מען האָט אים געשעצט פאַר זיין גראדן שכל. אויף דער עלטער האָט ער אין עק שטאָט אויפגעבויט אַ קלויז אויף זיין אייגן געלט. די הינטערשטאָט־איינוואוינער האָט ער באַזאָרגט מיט אַ שול, אַ בית־מדרש, מיט אַן אָרט פאַר די פּרושים.

אַרום 1882 איז שלמה ז. רובין געקומען קיין באַרדיטשעוו אינאיינעם מיט דער משפּחה. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום פיר יאָר.

דאָס באַרדיטשעווער לעבן האָט ניט גוט געווירקט אויף דער משפּחה. באַזונדערס האָט עס שלעכט געווירקט אויף דעם צוקונפטיקן דיכטער. אין אים זיינען געבליבן איינגעקריצט זייער טרויעריקע זכרונות וועגן דער נייער שטאָט. ווען זיי האָבן זיך איבערגעצויגן קיין באַרדיטשעוו האָט זיך דאָרטן פאַרלאָפן אַ גרויס אומגליק: אַ גרויסע שׂרפה. עס האָט אָפּגעברענט דער צירק און עס זיינען געווען אַ סך קרבנות. די וועגענער מיט די פאַרשרפטע מתים און די יללות — דאָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס פיר־יאָריקע ייִנגל. זייער שלעכט האָט אויף דער משפּחה געווירקט דער נייער לעבן־שטייגער, אַפילו די פרעמדע שפּראַך. דער אוקראַיִנישער ייִדיש האָט דעם ליטווישן ייִנגל געקלונגען אינגאַנצן פרעמד. אין באַרדיטשעוו האָט די משפּחה געליטן נויט. דער פאָטער האָט זיך געקליבן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע. האָט זיך פּונקט דעמאָלט עפּעס אונטערגערוקט: ער האָט געקראָגן אַ שטעלע ביי אַ ייִדישן פּאָסעסאָר אין קיִעווער גובערניע. דאָרטן, אין אַ פאַרוואָרפן שטעטעלע, האָט די משפּחה אָפּגעלעבט עטלעכע יאָר. אין יענעם שטעטעלע האָט דער קליינער שלמה אָנגעהויבן גיין אין חדר. צו זעקס יאָר האָט ער שוין גוט געקענט עברי, געלערנט חומש, און געקענט לייענען רוסיש.

ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר, האָט מען אים אַוועקגעשיקט קיין לידע, צום זיידן. אין לידע האָט מען פאַר אים געדונגען אַ גוטן

מלמד און מען האָט אים אָפּגעגעבן אין דער יידיש־רוסישער צוויי־קלאַסן שולע (יעוורעיסקאַיע דוואוכקלאַסנאַיע אוטשילישטשע).

רובינס זיידע איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש. ער האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויפן אייניקל. האָט ער געוואָלט — דאָס יינגל זאָל ווערן אַלץ האָבן אַ גוטן באַגריף. האָט ער אים געשיקט זיך לערנען ביי אַ סטאָלער, שפּעטער — ביי אַ בלעכער, נאָכדעם — ביי אַ שלאָסער. סטאָלעריי איז אים שפּעטער צוניץ געקומען. אין מינעסאָוטא האָט ער זיך אויפגעבויט אַ הויז מיט די אייגענע הענט.

דער שווערער עקאָנאָמישער מצב, די פאַרפאָלגונגען, דאָס פּאָלי־טישע אומזיכערע לעבן — דאָס אַלץ האָט געבראַכט די רובין־משפּחה קיין אַמעריקע אין 1893.

אין אַמעריקע

ווען רובין איז אָנגעקומען מיט דער משפּחה קיין אַמעריקע, איז ער אַלט געווען 14 יאָר. ער איז גלייך געוואָרן אַן אַרבעטער אין אַ פאַבריק. ביינאַכט האָט ער זיך געלערנט אין אַן אָוונטשול (נאַיט־סקול). געחלומט האָט ער צו ווערן אַ שרייבער.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און רובין האָט זיך בלב ונפש איבער־געגעבן דער יידישער סאָציאַליסטישער און דער יוניאָן־באַוועגונג. דאָס האָט ביי אים צוגענומען יעדע פרייע שעה. דאָס האָט ביי אים אויך צוגענומען אַלע זיינע כוחות. ווייטער אַזוי לעבן, האָט ער פאַרשטאַנען, קען ער ניט. איז ער סוף 1902 אַוועק קיין מינעאַפּאָליס, מינעסאָוטאַ. דאָרטן איז ער אָנגעקומען אין פאַרמאַצעווטישן קאָלעדזש און ביי־נאַכט האָט ער געאַרבעט אין דער יידישער צייטונג „דער פאָלקס־וועכטער". אין 1905 האָט ער געענדיקט קאָלעדזש און איז געוואָרן אַן אַפּטייקער.

פאַרוואָרפן אין מרחקים, ווייט פון צענטער, האָט רובין ניט גע־וואָלט זיין אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער יידישער ליטעראַטור. האָט ער געשיקט ב. גאָרינען פאַרשיידענע מאַטעריאַלן צו דרוקן. גאָרין האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן דעם „טעאַטער־זשורנאַל און פאַמיליען־פריינד". רובין האָט איבערגעזעצט פאַרן זשורנאַל קלאַרענס דאַראָוס „רעאַליזם און קונסט אין ליטעראַטור" (דאָרט, דעם 15טן פעברואַר,

1903), דאָס ליד „די עלנדע" (די זעלביקע דאַטע). ער האָט אויך גע־שיקט לידער אין דער „צוקונפט", און „פאָרווערטס".

אין דער ענגלישער לאָקאַלער „טריביון", און אין אַנדערע לאָקאַלע ציטונגען, האָט ער אָפּגעדרוקט עטלעכע לידער אין ענגליש. אין די מינעאַפּאָליסער קרייזן איז ער געוואָרן גוט באַקאַנט. ד"ר סעמיועל ריינאַרד, דער ראַביי פון „טעמפּל איזראַעל", האָט אים פאַרבעטן צו שיקן לידער און זיין זשורנאַל „דהי דזשואיש פּראגרעס". שפּעטער, נאָך ד"ר ריינאַרדס טויט, איז דער זשורנאַל אַרויס אונטערן נאָמען „דהי דזשואיש וואָירלד".

אַ ביכל ענגלישע לידער האָט רובין שפּעטער אַרויסגעגעבן אין 1943, אין מענוויל, ניו־דזשוירזי. דער נאָמען פון ביכל איז „אַידל מאָומענטס". זיינע ענגלישע לידער האָבן די זעלביקע אייגנשאַפטן ווי זיינע יידישע לידער.

אין מינעאַפּאָליס האָט רובין מיטגעאַרבעט אין „פאָלקסוועכטער", וואָס וואגמאן האָט רעדאַקטירט. וואגמאן איז פריער געווען דער רע־דאַקטאָר פון „אידישן טעלעגראַף". רובין האָט אין דער ציטונג געאַרבעט ביינאַכט. ביטאָג — ווי דערמאָנט — איז ער געגאַנגען אין קאָלעדזש. ער האָט אינעם „פאָלקסוועכטער" געשריבן לאָקאַלע נייס און צוגעגרייט אַלע נייטיקע איבערזעצונגען.

סוף 1906 האָט רובין זיך אַריבערגעקליבן אין אַ ניי שטעטל — אינטערנעשאָנאַל פאָלס, אין שטאָט מינעסאָוטאַ. דאָרטן איז ער גע־וואָרן אַ פאַרמעגלעכער אַפּטייקער. ער איז דאָרטן אויך געוואָרן אַ מיטגרינדער און מיטרעדאַקטאָר פון אַן ענגלישער סאָציאַליסטישער צײַ־טונג „דהי באָרדער קאָלל" („דער גרענעץ־רוף").

דאָס שטעטל אינטערנעשאָנאַל פאַללס האָבן מיליאָנערן־עקס־פּלואַטאַטאָרס, „רויבער־באַראָנען", גרינדלעך אויסגענוצט פאַר זייערע אייגענע צוועקן. זיי האָבן אין דער שכונה פאַרנומען אַ מיליאָן אַקער לאַנד און באַצאָלט פאַר אַ טויזנט. דאָס זיינען געווען די קלאַנגען. זיי האָבן געהאַקט ביימער, געגראָבן מינעס. דער גאַנצער פּאָליטישער איינשטעל איז געווען — „נעם" און „גיב". אָבער אומגליקלעך זיינען געוואָרן די באַרויבטע פאַרמערס און די עקספּלואַטירטע אַרבעטער.

אין שטעטל זיינען אַלע סוחרים רייך געוואָרן. בתוכם — אונדזער אַפּטייקער שלמה ז. רובין.

צווישן די געקריוודעטע, אָבער, איז געווען גרינג אָנצופירן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. דער רוב מנין ובנין באַפעלקערונג איז דאָך באַשטאַנען פון געקריוודעטע.

אינעם שטעטל האָבן זיך געפונען פיר מיטגלידער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי: ש. ז. רובין, ראָבערט עפּ־ראבערטס, א. ב. מיללער און טשאַרלי טעילאָר. זיי האָבן דאָס געגרינדעט די צייטונג „דהי באָרדער קאָלל״. ס׳האָט זיך גלייך אָפּגעזוכט אַן אַלטער זעצער, אַ וואַגאַבונד. דער וואַגאַבונד האָט געזעצט און די פיר סאָציאַליסטן זיינען געווען די רעדאַקטאָרן, רעפּאָרטערס, שרייבערס, דרוקערס און עקספּעדיטאָרס. יונג, אידעאַליסטיש און דרייסט איז מען געווען, — האָט דאָס שרייבן אָנגעריסן. מען האָט די צייטונג געכאַפּט ווי מצה־וואַסער. פּראָווינציעלע צייטונגען האָבן איבערגעדרוקט אַ סך זאַכן, אַפּילו די גרויסע טעגלעכע צייטונגען האָבן זיך אָפּגערופן. אין יענער צייט, אַגב, האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין מינעסאָטאַ. עטלעכע יאָר איז די צייטונג אַרויס. און די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין יענער געגנט האָט געקענט פאַרצייכענען אַ גרויסן דערפאָלג. אין איין יאָר האָט די סאָציאַליסטן געפעלט בלויז 53 שטימען צו געווינען די „קאָונטי״ (דעם קרייז). דאָס וואָלט געמיינט געווינען די אַמטן פון שעריף־קאַסיר, קאָנטראָלער, פינף קאָמישאָנערס (אויפזעער) און דעם בילדונגס־פאַרוואַלטער. זיי האָבן, אָבער, סיי־ווי דערוויילט צוויי קאָמישאָנערס און אַ מיטגליד אין בילדונגס־ראַט.

די צייטונג האָט זיך געהאַלטן בלויז עטלעכע יאָר. די גאַנצע לאַסט איז געפאַלן אויף רובינען. אָבער דער אַלטער זעצער־וואַגאַבונד האָט אים סוף־כל־סוף באַפרייט פון דער לאַסט. ער האָט איינמאָל פאַררויכערט זיין ליולקע, אַריינגעוואָרפן דאָס ברענענדיקע שוועבעלע אין אַ פּאַפּיר־קאָרב און אַלץ איז אַוועק מיטן פייער — די מאַשינען, מאַנוסקריפּטן, דאָס הויז מיט האַק־און־פּאַק. און רובין איז געוואָרן אַ פרייער מענטש.

אין די דרייסיקער יאָרן איז רובין געווען פאַרבונדן מיט בויען הייזער אין ברוקלין. נאָכדעם האָט ער געהאַט אַן אַפּטייק אין מענוויל, ניו־דזשוירזי. זינט די 40ער יאָרן איז ער אַ מיטאַרבעטער אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״

ערשטע ליטעראַרישע טריט

אַ גוטער תלמיד איז רובין געווען אין דער לידער יידיש־רוסישער שול. אין דער שול האָט ער פאַרבראַכט צוויי יאָר. אָנגעקומען איז ער אַהין צו צען יאָר און געענדיקט די שול צו צוועלף יאָר. ער האָט דעמאָלט זיך אויסגעצייכנט מיט צוויי זאַכן: געקענט אויף אויסווייניק אַ סך רוסישע לידער; פאַרמאָגט אַ שיין סאָפּראַנאָ־קול.

מחמת די דערמאָנטע צוויי מעלות האָט מלך עפּשטיין אים שטאַרק מקרב געווען. מלך עפּשטיין האָט, קאָנטיק, געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף דעם יונגן רובינען. עפּשטיין איז געווען רובינס אַ קרוב. עפּשטיינס מוטער און רובינס זיידע, ר׳ משהל באַשקעס, זיינען געווען שוועס־טערקינדער. זייערע מוטערס זיינען געווען שוועסטערס. אַזוינאַך איז דער יונגער רובין געקומען אין באַריר מיט עפּשטיינען. און אין רו־בינס קרייזן איז עפּשטיין געווען באַרימט.

עפּשטיין האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. שוין אין יענע יאָרן איז ער געגאַנגען גלאָט ראַזירט ווי אַן אַקטיאָר. חיונה האָט ער געצויגן פון שרייבן „פּראָשעניעס״, פּאַסקווילן און מסירות. ער האָט געהאַט אַ זעלטן שיין קול און פאַרשטאַנען מוזיק. ווען ער איז געווען ניכטער, האָט ער זיך פאַרנומען מיט לערנען דעם יונגן רובי־נען די סודות השיר און אַ ביסל נגינה.

„דער קהלשער שרייבער״ און „דער ליטווישער רייזנדער״ — דאָס זיינען געווען עפּשטיינס באַקאַנטע חיבורים. פאַר דעם ווילנער פאַרלאַג ראָם האָט ער אויך געשריבן ווייבערשע תחינות. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף דעם יונגן רובינען געמאַכט עפּשטיינס „קהלשער שרייבער״. ער האָט פאַרגעדענקט דאָס ליד זיין גאַנץ לעבן. באַזונדערס — דעם אָנהייב:

דרייסיק יאָר אַ שרייבער אין קהל,
דער גרעסטער בעל־דעה אין שטאָט.
איצט איז די צייט אַ נעם צו טאָן
און מתוודה זיין זיך פאַר גאָט.

איך האָב אויף מיין לעבן וועלטן געקערט.
אַלע האָבן געציטערט פאַר מיר.

איך האָב בעלי־בתּים אין באָד געהערט
און גבירים געוויזן די טיר...

דאָס ליד האָט געהאַט צו טאָן מיט פּיישקע דעם שרייבער, מלך עפּשטיינס שווער — אַ ייִד אַ יאַבעדניק און אַ מסור. דאָס ליד, פאַרשטייט זיך, איז געגאַנגען מיט אַ באַשטימטער מעלאָדיע. ווען מלך עפּשטיין האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזן מיטן זינגען דאָס ליד, האָט אים דער יונגער רובין אונטערגעהאַלטן מיט אַ בים־באַם...

דער אמתער חשק צו שרייבן האָט זיך ביי רובינען דערוועקט, ווען ער האָט דורכגעלייענט צונזערס עטלעכע לידער. אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַ מאָדנע זאַך: עפּעס זיינען פאַראַן שורות ביי צונזערן, וואָס זיינען ניט גלאַט. האָט ער זיי אויסגעבעסערט און באַוויזן זיין לערער. דער לערער האָט אים דערקלערט, ווי אַזוי די מעלאָדיע פּילט־אויס אַ סך ערטער. און דער לערער האָט אים דערמוטיקט: שרייב. און רובין האָט קאַליע געמאַכט אַ סך שער־בלעטער.

זיין ערשט ליד האָט רובין אָפּגעדרוקט אין „פאָרווערטס״. געווען איז עס אַן איבערזעצונג פון ענגליש. זיין מעגלעך ערשט אָריגינעל ליד איז „מיינע געפילן״ (דעם 28סטן מאַי, 1899).

מיינע געפילן

פול מיט טרויער איז דאָס לעבן,
טרויער אָן אַ ברעקל פרייד,
און דער שפּיגל פון מיין טרויער
זיינען טרויעריקע רייד.

ווען עס נעמט מיך אָפטמאָל דריקן,
און דאָס טרעפט זיך אָלעמאָל,
און עס קומען אָן געדאַנקען,
טרויעריקע אָן אַ צאָל.

און מיר ווילט זיך אָפטמאָל שרייבן,
אַלץ דערציילן דעם פּאַפּיר,

און קלאַווישן, שטאַרק מינאָרנע,
רירן זיך אין מיין קלאַוויר.

און זיי קלינגען אָפּט צוזאַמען
אין האַרמאָנישער מוזיק,
זעלטן ווער עס קען באַגרייפן,
דיזע טרויעריקע שטיק . . .

„אין לאַנד פון פּאָעט"

אויסדריקן זיינע טרויעריקע געדאַנקען — ניט נאָר צו דעם האָט געשטרעבט דער אַנהייבער רובין. אין זיינע שפּעטערדיקע לידער דער־ציילט ער אונדז שוין וועגן זיין חשק צו שרייבן גאָר אַנדערש. ער האָט ליב צו טרוימען, צו „שפּילן און יאָגן און טרייבן מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט". ער דריקט עס אויס אין זיין ליד

אַליין אין מיין צימער

מיין צימער פאַרוויקלט איןביימער,
דאָס קרייען פון צענדליקע הענער,
מאַכט אומגערן מיך פאַר אַ טרוימער,
מאַכט בעסער מיין זעלע און שענער.
איך קריג דאַן אַ חשק צום שרייבן
אין טויזנטער פערזן און גראַמען
באַשרייבן, און מאַך פאַנאַראַמען,
און שפּילן און יאָגן און טרייבן
מיין פאַרשטעלונגס־קראַפט, ביז זיי בלייבן
איינגעקריצט טיף אין מיין זינען,
וואו איך קען זיי אימער געפינען.

אין אַ ליד, געווידמעט מאָריס ווינטשעווסקין, איז שוין דער זעל־ביקער „פּאָעט"־מאָטיוו אויסגעדריקט סאָציאַל. פאַראַן אין דעם ליד אַ יחידישער אונטערשטראָם. ער קען ניט פאַרטראָגן די אומיושרדיקע וועלט, ווענדט ער זיך צו דער „גרויסאַרטיקער האָפענונג", זי זאָל געבן

„פליגלען מיין גייסט”. ער וועט דעמאָלט קענען „פליען אַהין, וואָס די פאַרשטעלונגס־קראַפט הערט אַלעס און זעט, אין לאַנד פון פאַנטאַזיעס, אין לאַנד פון פּאָעט”. און אין יענעם לאַנד וועט ער געפינען מוט, שיינקייט און יושר.

די פּאָעטישע וועלט

(צו מ. ווינטשעווסקי געווידמעט)

מיין גייסטעס־אויג ווערט בלינד, ווען איך נעם נאָר באַקלערן,
די מענטשלעכע ליידן, פאַרברעכנס און שטראָף
און זע, אַז דאָס פאַלשקייט וועט קלענער ניט ווערן
און צום פלאָנטער פון ליגן וועט נעמען קיין סוף,
בלייב אַ פאַרצווייפלטער איך און מיר דאַכט
עס וועט קיינמאָל ניט נעמען אַ סוף צו דער נאַכט.

און איך פרעג אויב ס׳איז מעגלעך אַז הייליקע בלוט
זאָל ווערן פאַרגאָסן אָן אַ פאַרוואָס.
אויב ס׳איז רעכט דאָס אימער זאָל הערשן אַ קנוט,
אויפן פרייען געדאַנקען זאָל הענגען אַ שלאָס,
און ליבע זאָל ווערן געשלעכטלעך פאַרפלעקט
מיט צירונג און געלט, באַשמוצט און פאַרדעקט.

איז מעגלעך אַז איינזיכט זאָל זיין נאָר געקרוינט
און חניפה זאָל שפּילן אַ ראָל אין דער וועלט,
און שקר און עזות זאָלן ווערן באַלוינט
און גזל זאָל זיין הער, ווען דאָס אַלעס אים פעלט ?
איז מעגלעך, אַז גאָט האָט באַשאַפן די ערד
פאַר מענטשן צו נוצן אַ שווערד און אַ ביקס ?

גרויסאַרטיקע האָפנונג ! קום ווייז זיך צו מיר,
ווי צום נביא, אין אַלטן און ביבלישן זין,
און גיב מיין פאַרשוואַכטן מוח אַ ריר,
און פליגל מיין גייסט, ער זאָל פליען אַהין,
וואו דאָס פאַרשטעלונגס־קראַפט הערט אַלעס און זעט,
אין לאַנד פון פאַנטאַזיעס, אין לאַנד פון פּאָעט.

אין לאַנד וואו אַ הערשער זיצט ני׳ אויף אַ טראָן,
און קיינע געזעץ ווערט געמאַכט אין סענאַט,
וואו דער קאָדעקס פון לעבן פון ווירקן און טאָן,
איז געדרוקט אין לופט און ניט אויף אַ בלאַט,
וואו דער גלויבן טרעט אָפּ דעם וויסן זיין טראָן
פון וואו דענקענדער לעבן עס פאַנגט זיך ערשט אָן.

וואו ליבע דער קראַפט פון מענטשלעכן מוט
איז ריין ווי אַ קוואַל אין אַ גראָז־גרינעם טאָל,
און הייליק און טייער ווי מענטשלעכע בלוט,
וואו דער פרייער פאַרבאַנד איז שטאַרקער ווי שטאָל
וואו אומשטענדן מאַכן קיין דיסהאַרמאָני
וואו אַלץ איז ערהויבן ווי קונסט, פּאָעזי.

וואו קינדער, די פרוכט פון דעם פרייען פאַרבאַנד,
וואַקסן גיבורים אין גייסט און פיזיק.
און לעבן ווי ווילדע נאָר מיט אַ פאַרשטאַנד,
און שאַפן פאַר עלטערע פריידע און גליק
און וואַקסן אויס מענטשן מיט קעפּ און מיט הענט,
פון אמתער ליבע דער ריינער פּראָצענט.

דער פּאָעט האָט שוין ביי רובינען אַן אַנדער פונקציע ווי ביי אַ טייל סאָציאַלע פּאָעטן. ביי זיי איז ער געוועזן אַ באַוויינער, אַ מקונן, און אויך אַ רופער. ביי רובינען מערקט זיך עפּעס אַנדערש: דער דיכטער איז ביי אים דער, וואָס באַמערקט זאַכן און קלערט וועגן זיי. ער זעט זיי בעת די גאַנצע וועלט באַמערקט זיי ניט. פאַראַן ביי אים אַ סאָציאַל ליד, וואו דער „דיכטער" איז שטאַרק באַטאָנט:

איינדרוקן

די נאַכט איז אָנגענעם און שטיל
ס׳איז רואיק אין די גאַסן.
און איינזאַם גייט אַ פרוי אָן ציל
און קוקט אויף אַלץ געלאַסן.

און רופט אַ חשד אויף זיך אַרויס
אַ נידעריק געמיינעם.
כאָטש יעדן מיינט די פרוי דאַכט אויס
און רופט און רירט ניט קיינעם.

האָט איר באַטראַכט ווער איז די פרוי
וואו האָט זי זיך גענומען,
פאַרוואָס ערשיינט זי ווען דער טוי
צעשפרייט זיך אויף די בלומען ?

פאַרוואָס איז זי אַזוי פאַרטראַכט,
מיט אוממוט דאָ פאַרצויגן ?
פאַרוואָס איז זי אַזוי פאַרשמאַכט
מיט אויסדרוקלאָזע אויגן ?

פאַרשפּעטיקטע פון מיל, פון שאַכט,
פון אַרבעט פאַרגעניגן,
גייען פילע דורך דער נאַכט
חעם שלאָף און רו צו קריגן.

און אַלע מערקן דאָס געשטאַלט
ביים ליכט פון גאַז־לאַמטערן,
נאָר קיינעם, חוץ דעם דיכטער, פאַלט
ניט איין פון איר צו קלערן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם „פּאָעט"־מאָטיוו, ווייל דאָס איז געווען ביי אים אַ יסוד גלייך ביים אָנהייב.

אַגב, רובינס מוטער האָט ווייניק־וואָס געהאַלטן פון איר זונס לידער. איר דערקלערונג איז געווען: מ'דרוקט דיינע זאַכן אין „פאָרווערטס", ווייל דו גיסט אַוועק דיין לייב־און־לעבן פאַר דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ביסט אַ קאָכלעפל, שטייסט נאָענט צום שיסל. אַן אמתע יידישע צייטונג וועט דיינע זאַכן ניט דרוקן.

פונקט דעמאָלט האָט רובין אָנגעשריבן דאָס ליד „אַ מוטער". ער האָט עס אַוועקגעשיקט אין זיין מוטערס באַליבטער צייטונג, אין „יידי־

שעס טאַגעבלאַט״. דאָס ליד איז דאָרטן געווען געדרוקט אויף אַ זייער חשובן אָרט, דעם 25סטן אויגוסט, 1902. אין עטלעכע טעג אַרום איז דאָס ליד אויך דערשינען אין דעם „טאַגעבלאַטס״ וועכנטלעכע אויסגאַבע — „די יודישע גאַזעטן״, דעם 29סטן אויגוסט, 1902.

מיר ציטירן עס דאָ נאָך אַ שפּעטערער ווערסיע. אין דער איצטיקער ווערסיע געפינט זיך די זעקסטע סטראָפע, וואָס די „טאַגעבלאַט״־רעדאַקציע האָט בשעתו אויסגעלאָזן.

אַ מוטער

זי זיצט זיך די אַלטע פון זיבעציק יאָרן,
פאַרטראַכט, אין אַ ווינקל ביים איינגאַנג פון טיר,
זי זיצט און זי קלערט, ווי זי האָט פאַרלאָרן
איר פרייהייט, איר לעבן, וואָס איז איצט מיט איר?

זי זעט זיך אַ בליענדע יונגינקע מיידל
מיט מיידלעך איר גלייכן, מע שטיפט און מע שפּאַסט;
די טאַליע, די לאָקן, די שיך און דאָס קליידל,
מער ווייס זי קיין זאַך ניט, זי טראָגט ניט קיין לאַסט.

און שפּעטער אַ ביסל דאָס האַרץ פאַנגט אָן דריקן,
זי האָט זיך באַקענט מיט דעם צווייטן געשלעכט,
זי הייבט אָן צו טראַכטן, צו טרוימען פון גליקן,
זי וואַכט ניט דורך טעג און שלאָפט ניט דורך נעכט.

און אָט קומט אַ שדכן, ער שלאָגט פאָר שידוכים,
מיט רייכע, מיט פיינע, מיט גאַנץ שיינע לייט.
זי הערט זיך אָפּט איין צום געשפּרעך, די וויכוחים,
און פרעגט זיך ביים פאָטער: וואָס האָט ער קיין צייט?

און אָט איז איר קנס־מאָל, עס ברעכן זיך טעלער,
זי לעבט דורך מינוטן פון פריידן און פיין;
זי פילט ווי מען גזלט איר פרייהייט וואָס שנעלער,
און דאַכט זיך מע זאָגט איר: עס מוז אַזוי זיין.

און אָט איז איר חופּה, עס שפּיל אַן אָרקעסטער,
די פּאָרעלעך טאַנצן קאַדריל און לאַנסע;
איר פֿאַנגט אָן צופּן און קלאַפּן פּעסטער,
זי הערט אינסטינקטיוו פֿון איר פֿרייהייט — אַדיע.

זי איז שוין אַ מוטער פֿון עטלעכע קינדער,
זי האָט פֿון זיי צרות מיט נחת באַנאַנד,
זיי פּרואוון זיך אויס, ווער פֿון זיי קען געשווינדער
פֿאַרמוטשען דער מאַמעס געזונט און פֿאַרשטאַנד.

די קינדער ערצויגן, אַליין ווערט זי עלטער,
אין גרוקייט פֿאַרבייט זיך איר שוואַרצער קאָפּ האָר,
די קינדער זיי ווערן צו איר עטוואָס קעלטער,
זי בלייבט מיט איר מאַן — אַן אַלטינקע פּאָר.

עס קומען אָפּט קינדער, נאָר בלויז אויף מינוטן,
מען רופֿט זי אויך באָבע אַ פּאָר מאָל אין וואָך,
די מאַמע, די אַלטע, נעמט אַלץ אָן פֿאַר גוטן,
נאָר אָפּטמאָל אין שטילקייט באַוויינט זי איר בראָך.

דעם פּאָעטס מוטער האָט געביטן די מיינונג וועגן איר זונס לידער. זי האָט געקראָגן פֿאַר אים דרך־ארץ. נאָך מער דרך־ארץ האָט זי פֿאַר אים געקראָגן — ווען ס׳איז אָנגעקומען דער האָנאָראַר פֿאַרן ליד, מיט אַ בקשה צו קומען זיך זען מיטן רעדאַקטאָר. דער רעדאַקטאָר האָט דעם יונגנמאַן פֿאָרגעשלאָגן אַ שטעלע. אָבער רובין האָט געטראַכט וועגן אָנקומען אין קאַלעדזש און ער האָט דעם פֿאָרשלאַג ניט אָנגענומען.

נייטראַלע טעמעס

סוף נײַנציקער יאָרן און אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט האָבן נײַע דיכטער זיך שוין דערלויבט געוויסע פֿרייקייטן. וועגן די דאָזיקע פֿרײַ־קייטן האָבן ניט געטראַכט די דיכטער סוף אַכציקער און אָנהייב נײַנ־ציקער יאָרן. אין רובינס צייטן — אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט — האָט שוין אַ דיכטער געקענט טראַכטן וועגן „מײַנע געפֿילן", וועגן „אַליין

אין מיין צימער", וועגן „דיכטערס לאַנד". אַזעלכע יחידישע טענער האָבן זיך אויך פריער געהערט. זיינען זיי אָבער געווען שטענדיק פאַרוועבט אין אַ סאָציאַלער ראַם. אמת, עס זיינען אויך פריער געווען רייך־יחידישע מאָטיוון, אָן שום סאָציאַלן הינטערגרונט. זיי האָבן זיך, אָבער, ניט באַוויזן ביי פּאָעטן, וואָס זיינען געווען אַקטיוו אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. אין רובינס צייטן איז דאָס שוין מעגלעך געווען. ער אַליין איז געווען זייער אַקטיוו אין דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. דאָך האָט ער, שוין ביים אָנהייב, געקענט שרייבן וועגן איבערלעבונגען, וואָס האָבן קיין דירעקטן שייכות ניט געהאַט מיט דער סאָציאַלער מחשבה.

רובינס ליד „אַ מוטער" איז ניט אַ געשטאַלט־ליד, ווי עס זיינען די לידער וועגן סאָציאַלע קרבנות אָדער קעמפּערס. ער שילדערט לעבן־שטייגער אין דעם ליד. דאָס איז שילדערונג אויף „אַן אייביקער" טעמע. די ערשטע סאָציאַלע פּאָעטן וואָלט אַזאַ ליד אויסגעזען ווי „פּאָעטישע" פּאָעזיע, אָדער — ווי אַ „נייטראַלע טעמע".

אַזעלכע נייטראַלע טעמעס זיינען פאַראַן טאַקע ביי רובינען אַחוץ דעם ליד „אַ מוטער". אַזאַ ליד איז —

אָסיען

און דער זומער איז פאַרשוואונדן
מיט דעם שרעקלעך־הייסן וועטער,
פון די גרויסע, גרינע ביימער
פאַלן בערג מיט גרינע בלעטער.

אַלע פעלדער ווערן ליידיק,
בלויז די פּיענקעס בלייבן איבער,
און דאָס וועטער, רק עס בייט זיך,
ווי די צייט וואָלט האָבן פיבער.

מאַרגנס פילט זיך שוין דער אָסיען,
מיטאָגס ברענט די זון שוין זעלטן,
אָוונטס שמעקט גאַנץ שטאַרק דער ווינטער
דורך די נעכט רעגירן קעלטן.

טונקל, כמאַרנע איז דער הימל
פּרעסנד, שווער די אַטמאָספערע,
קרענקלעך פילן שטאַרקע מענטשן,
יעדן פּרעסט אַ לאַסט אַ שווערע.

(„טעאַטער זשורנאַל און פאַמיליען פריינד", דעם 29סטן אָקטאָבער, 1902)

אַזאַ ליד איז אויך —

ווינטער קומט

די טעג ווערן קירצער און קעלטער,
די ערד ווערט פאַרטריקנט פון עלטער,
דאָס גראָז ווערט פאַרוויאַלעט און געל.
עס פאַלן די בלעטער פון קווייטן
יחוס׳דיק ווערן די בייטן,
ווייל אָסיען טרעט איבער די שוועל.
עס רעגנט יעצט עפטער און מערער
עס ווערן די פעלדער אַלץ לערער,
ביז אַלץ וועט פאַרשווינדן פון זיי.
די ווינטן זיי פייפן און ברומען,
און זאָגן דער וועלט אָן דעם קומען:
פון קעלטן און דחקות פון ווי.

(„צוקונפט", דעצעמבער, 1903)

מען געפינט ביי רובינען אַזעלכע „נייטראַלע", „פּאָעטישע" טעמעס אויך אין די שפּעטערע יאָרן. אָט איז, למשל, אַ ליד, וואָס ער האָט אָנגע־שריבן דעם 20סטן אויגוסט, 1932:

אַ באַזוך ביי מיין מוטער

מיר האָבן צוזאַמען שטונדן פאַרבראַכט,
און פאַרזוכט דעם טעם פון גן־עדן.
פאַרביי איז דער לעצטער טאָג און די נאַכט,
די ווילע קומט־אָן זיך צו שיידן.

שיידן ? ניין, ניין ! אויך די זון זעצט זיך אָפּ
און די כוואַליע פון ים ווערט פֿאַרשוואונדן,
אויף מאָרגן הייבט אויך זי ווידער איר קאָפּ
און ברענגט וואַרעמע ליכטיקע שטונדן.

אַזוי גייט דאָס לעבן אַרויף און אַראָפּ
ערגער און אויך אַמאָל בעסער.
שלאָגט זיך דער טומל אַרויס פונעם קאָפּ —
לעבט רואיק זיך, שענער און בעסער.

ס׳קומען מינוטן פון אמתער פרייד,
מינוטן פון נעמען און געבן.
אין נעפּל פֿאַרשווינדן שמערצן און לייד,
עס ווילט זיך דאַן האָפן און לעבן.

פאַראַן ביי אים אויך „נייטראַלע״ טעמעס, וואָס האָבן אַ סאָציאַלן אונטערטאָן. דער אונטערטאָן איז אַ סאָציאַלער, אַן אַלגעמיין־עטישער, אָבער ניט קיין פּראָלעטאַרישער. דאָס זעט מען אין זיין ליד „אַ סאָנאַטאַ״ („צוקונפט״, יאַנואַר, 1903).

אַ סאָנאַטאַ

ווען די עבבאָ מאַכט טרוקן אַ וועג
ביים גרויסן און ברויזנדן מער ;
שפּאַציר איך דאָרט אָפּט און באַקלער
דעם שרעקלעך פאַרוויסטעטן ברעג.
דאָס גראָז, דאָס זאַמד און די פיש,
ווי זיי ליגן אין וואַסער אַליין ;
ווערט מיין האַרץ מיר דאַן שווער ווי אַ שטיין
און מיר דוכט צו דער וועלט קומט אַ סוף.
נאָר פּלוצלונג ערוואַכט ווי פון שלאָף
דאָס וואַסער ווערט ברייטער און הויך,
מיין פֿאַנטאַזיע שפּרינגט אָפּ ווי אַ טרוס,
מיין יאוש פֿאַרשווינדט ווי אַ רויך,
מיין זעלע לעבט אָפּ און ווערט פריש.

סאָציאַלע לידער

רובינס סאָציאַלע לידער דערציילן אונדז אַ סך וועגן דער תקופהס אָנקומענדיקע שקיעה. דער זודיקער פּראָלעטאַרישער קלימאַט איז שוין אַן אָפּגעקילטער. דאָ און דאָרטן פלאַקערט־אויף אַ רוף צום קאַמף. דער טרויער איז, אָבער, מער אַ רעפלעקטיווער. דאָס טרערן־ליד איז ווי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינגעשטילטן קומער. דאָס איז שוין דער האַרבסט פון דער דעמאָלטיקער פּראָלעטאַרישער תקופה. און מערק־ווירדיק — ווי דאָס טרעפט זייער אָפט: דער ליטעראַרישער קלימאַט שטימט מיטן דיכטערס כאַראַקטער און אייגנשאַפטן. רובין אַליין איז אויסערגעוויינלעך גוטמוטיק, זיין קומער איז פאַרבאָרגן. ער איז שטאַרק געניגט צו באַטראַכטן די וועלט, ניט מיט פאַרצווייפלונג, נאָר מיט טרויער, אָבער אויך — מיט אין־ברירה...

ר ו פ ל י ד ע ר

צווישן זיינע לידער קען מען זיך אָנטרעפן אויף געציילטע וועק־ און רופלידער. אָבער טאַקע ניט מער ווי געציילטע. אַזאַ ליד איז די ווענדונג צו די, וואָס דאַרפן שטימען אין די וואַלן. בשעתו האָט דאָס ליד געהערט צו די אַקטועלע פּאָליטישע לידער. אַזעלכע לידער האָבן באַצוועקט צו דערגרייכן אַ פּראַקטישן נוצן. דערפון נעמען זיך די ענג־לישע ווערטער. דאָס ליד איז טאַקע פאַרבונדן מיט די וואַלן:

צו די וואָוטערס

אין טאָג פון די וואַלן,\
פון בודעל די קוואַלן,\
פון שרעקלעכן שווינדל און ליגן!\
אין טאָג ווען מטבעות\
דיקטירן די דעות\
אָט האַן קענט איר אַל־דאָס גוטס קריגן.

אין טאָג פון עלעקשאָן,\
ניט זוכט קיין פּראָטעקשאָן

פון לאַנג שוין פאַרפוילטע פאַרטייען,
און שטימען צו קריגן,
דאַן זאָגן זיי ליגן,
דערמיט אייך דעם קאָפּ צו פאַרדרייען.

גייט שטימט פאַר דער עכטער,
און אויך דער גערעכטער
פאַרטיי פון דער אַרבעטער־קלאַסע.
און דאַן זייט איר זיכער,
אַז הילפע קומט גיכער
פאַר אייך און דער גאַנץ־גרויסער מאַסע.

אַ וועקליד איז דאָס ליד —

אַ מ ע ר י ק ע

מיין לאַנד, דאָס נייע לאַנד,
שטאָלצע און פרייע לאַנד,
ווערט רואינירט.
איצט איז דאָ מענטשן־רעכט,
אַלץ איז צופוילט און שלעכט,
פרייער — באַדייט קנעכט
אין גאָלד געצירט.

ווען דאָס פאָלק וואָלט זיין קלוג,
ווי עס איז שטאַרק גענוג,
פאַרוואָס צוזען ?
וואָלט אַלץ דאָס שלעכטיקייט,
דאָס אומגערעכטיקייט
און נידערטרעכטיקייט
קיינמאָל געשען.

שקלאַפן שטייט־אויף, ערוואַכט,
און פרוווט אויס אייער מאַכט,

ווילט ווערן פריי
ושאַפט אָפּ דעם גאָט פון געלט,
ופירט איין וואָס אייך געפעלט,
בויט אייך אַ ברידער־וועלט
אויף פון דאָסניי.

(„אידישע אַרבעטער וועלט", דעם 10טן יאַנואַר, 1913)

רובינס ליד „באַגינען" געהערט שוין ניט צו די רוף־ און וועק־לידער. דאָס ליד איז גיכער אַן אָנזאָג־ליד. ס'מאַכט אַן איינדרוק ווי אַ דערציילעריש ליד וועגן דעם אויפוואַכנדיקן גיבור, דעם אַרבע־טער־קלאַס, וועגן דעם שטערן וואָס „האַלט אין איין רייסן דעם וואָלקן" און וועגן דער שיינער צוקונפט:

באַגינען

אין מזרח און מערב, אין דרום און צפון,
אין אַלע פינף טיילן דער וועלט,
באַוועגט זיך דער גיבור, וואָס האַלט אין איין שלאָפן,
און קריגט שוין דעם מוט וואָס אים פעלט.

אין רוסלאַנד, אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד, אין פרייסן,
אין יעטוועדער אַרבעטס־אָסטראָג,
באַווייזט זיך אַ שטערן און האַלט אין איין רייסן
דעם וואָלקן וואָס מאַכט נאַכט פון טאָג.

ער זאָגט־אָן דעם אָנקום פון בעסערע צייטן,
די צייטן פון ליבע און גליק,
וואו מענטש וועט אַ מענטשן ניט שפּאַנען, ניט רייטן,
ניט האַלטן אין קנעכטשאַפט און צוויק.

ער זאָגט אָן די ענדע צום שטרייט, צו מלחמות,
צו מסחר־פאַרדינסט און פּראָצענט,
די ענד צו פאַרלייגן — צו אָפּטאָן נקמות —
דאָס האַרץ, דעם קאָפּ און די הענט.

דערקלערונג, אַרגומענט און באַטראַכטונג אין סאָציאַלן ליד

די געציילטע וועקלידער זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר רובינס סאָציאַל ליד. זיי זיינען אָפּקלאַנגען פון אַ פאַרגייענדיקער תקופה. פאַר אים און פאַר זיין צייט איז דאָס סאָציאַלע ליד ניט קיין טרערן־ליד. דאָס ליד איז אויך ניט דער פּיינלעכער אויסגעשריי פון גרויל אָדער פאַר־צווייפלונג. פאַר אים און פאַר זיין צייט איז כאַראַקטעריסטיש — דער דורכגעטראַכטער באַגריף וועגן יושר, אויסגעדריקט, פאַרשטייט זיך, אין דער פּאָעטישער פאָרם. זיין סאָציאַל ליד איז דערקלעריש. ער שיל־דערט אַן אָביעקטיוו בילד. ער קומט דערצו דורך באַמערקן זאַכן, דורך טראַכטן וועגן זיי. איין זאַך פאַרבינדט אים מיט אַ צווייטער און ער טראַכט־דורך אַ זאַך ביז צו אַן אויספיר.

פאַראַן ביי אים אַ ליד „די אייזנבאַן”. ער באַשרייבט, וואָס ער זעט, בעת ער פאָרט מיט דער אייזנבאַן. גלייך מיט דעם, לויפן אויך זיינע געדאַנקען — די באַנען זיינען נוצלעך און נייטיק. דאָך ווערט אים אור־מעטיק, ווען ער טראַכט וועגן די, וואָס האָבן געבויט די באַנען. זיי האָבן דאָך בשעתם „פאַנטאַזיעס פאַרוויקלט און מי”. ער טראַכט וועגן די, וואָס טוען די שווערסטע אַרבעט, כדי די באַנען זאָלן קענען לויפן. דאָס ליד איז אַ סאָציאַל־דערקלעריש ליד. עס איז דאָ אין ליד רובינס אַן אייגנ־שאַפט — איינגעהאַלטענע עמאָציע. דאָך ענדיקט ער דאָס דאָזיקע דער־קלעריש־עמאָציאָנעלע ליד מיט אַ שטאַרקער פּראָטעסט־נאָטע. די, וואָס האָבן אַלץ געטאָן און טוען פאַר די אייזנבאַנען, זיינען ניט קיין נולן. „זיי זיינען די סומע, זיי זיינען די טייז אין דער שפּיל, אין דעם קאָן: אָט זיי, די באַליידיקטע, טויטע און שטומע, זיינען די ציגל דער ציוויליזאַציאָן”. ניט געקוקט, אָבער, אויף דעם דאָזיקן אויפברויז, איז דאָס ליד דערקלעריש, מיט אַן עמאָציאָנעלעם דורכלויכט און אַ מין בונטאַרישן סוף. דאָ פּילט מען שוין דעם אָנקומענדיקן בין־השמשות פון אַ תקופה.

די אייזנבאַן

די באַנען, זיי לויפן פון פיילן נאָך שנעלער,
אויף רעלסן, וואָס זיינען אויף שפּאַלטן געלייגט;
די רעלסן, זיי ווערן טאָג־טעגלעך אַלץ העלער
פון רעדער, וואָס זיינען צום לויפן גענייגט.

די רעלסן, זיי גרייכן אויף טויזנטער מיילן,
זיי בינדן צונויף פיל שטעטלעך און שטעט.
ביים זייט שטייען דערפלעך, ווי גאַרבן אין ציילן
און דאַכט זיך זיי מורמלען אין שטיל אַ געבעט.

עס לויפט דורך אַ דערפל, באַלד ווערט ער פאַרשוואונדן,
ווייט זעט מען פורמאַנעס, זיי פאָרן אין וועג,
די ברעגעס פון טייכלעך מיט בריקן פאַרבונדן —
די טייכעלעך הודזשען פון ברעג ביזן ברעג.

און מיט די באַנען לויפן אויך מיין געדאַנקען
און שטעלן זיך אויף סטאַנציעס פון צייט צו צייט אָפּ,
און פונקט ווי אַ ליכטל, וואָס האַלט באַלד ביים צאַנקען,
אַזוי ווערט אויך ליכטיג און פינצטער אין קאָפּ.

איר טראַכט פון די נוצן, וואָס קומען פון באַנען,
ווי גוט און ווי גרינג איז דער שנעלער פאַרקער,
מיר שיינט, אַז קיין בעסערס איז גאָרניט פאַראַנען
די מענטשהייט זאָל האָבן דערצו אַ באַגער.

און דאָך ווערט מיר אומעטיק, פינצטער אין מוח,
ווען איך גיב אַ קלער, נאָר אַ טראַכט אַרום די,
וואָס האָבן צום בויען געלייגט זייער כוח
און האָבן פאַנטאַזיעס פאַרוויקלט און מי.

פון די, וועלכע האָבן געגראָבן טונעלן,
פאַרשאָטן די גריבער, פאַרגלייכט בערג און טאָל,
פון די, וועלכע האָבן פאַרנומען די שטעלן
פון ערד און די גריבער, פיל מער ווי איין מאָל...

פון די, וועלכע זיינען געלעגן אין מינעס,
געגראָבן דעם איזן, פאַרפעסטיקט דעם שטאָל;
פון די, וועלכע האָבן געשמאָלצן די שינעס
און זיינען פון היץ דאָרט געפאַלן אָן צאָל.

פון די, וועלכע ליגן טאָג־טעגלעך אין שאַכטן
און גראָבן די קוילן, די האַרטע ווי שטיין,
און פּלאָגן זיך, ליידן, האַרבן און שמאַכטן
צו געבן די מעגלעכקייט באַנען צו גיין.

פון די, וועלכע הייצן די לאָקאָמאָטיוון,
סיי זומער, סיי ווינטער, ביי טאָג און ביי נאַכט,
און אַלע, וואָס האַלטן דעם וועג, דעם מאַסיוון,
פאַרפּערטיקט, גערייניקט און אימער באַוואַכט.

פון די וועלכע האָבן די מי אָפּגעגעבן
דער וועלט שוין גאַנץ לאַנג און זיי גיבן נאָך איצט,
פון די וועלכע האָבן פאַרשפּילט זייער לעבן
און זיינען ווי נולן געוואָרן געשאַצט.

זיי זיינען קיין נולן, זיי זיינען די סומע,
זיי זיינען די טויז אין דער שפּיל, אין דעם קאָן:
אָט זיי, די באַליידיקטע, טויטע און שטומע,
זיינען די ציגל דער ציוויליזאַציאָן.

דערקלערעריש, אָבער אויך באַשרייבעריש איז זיין קרעפטיק ליד „די בויער". דאָס ליד האָט ער געשריבן אין 1936, ווען ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער בוי־אינדוסטריע.ביים בויען אַ בנין האָט ער באַוואונדערט דאָס שאַפערישע אין יעדן אַרבעטער — „אַזוי ווערט, ווי גליד צו אַ גליד, געפורעמט פון אַרבעט אַ ליד". מיט דער אַרבעט ביים בנין, וואָס האָט אים אינספּירירט, איז ער געווען פאַרבונדן אויף צוויי סטאָדאַרד פּלעיס, אין ברוקלין, ניו־יאָרק:

די בויער

מיר מישן זשוויר און צעמענט
מיט שטאַרקע און פלייסיקע הענט,
מיר נעגלען אַ ברעט צו אַ ברעט
און דעקן דעם הוילן סקעלעט

מיט ציגל געפורעמט פון ליים;
מיר בויען פאַר מענטשן אַ היים.

דער סטאָלער, דער מולער, דער שמיד,
דער ווייסער, דער שוואַרצער, דער ייד,
האָרעווען שווער און מיט שווייס,
צי קאַלט איז אין דרויסן, צי הייס,
עס שליסט זיך אַ פאַך מיט אַ פאַך,
דער קעלער ווערט איינס מיטן דאַך.

מיט דראָטן, ווי נערוון, אָן צאָל,
פאַרוועבט דער סקעלעט איז פון שטאָל,
און רערן אין אייזערנעם גוף
שלענגלען אַראָפּ און אַרוף,
און אַלץ ווערט פאַרבונדן, פאַרוועבט,
דער בנין צעוואַקסט זיך און לעבט.

דער טעסלער זעגט און ער האַקט,
דער סטאָלער האַמערט צום טאַקט.
דער גלעזער, מיט זיכערע הענט,
שטעלט פענצטער אריין אין די ווענט,
ווי אויגן אין בנינס געזיכט,
ברענגט ער נשמה און ליכט.

דער מאָלער מיט פאַרבער־טאַלענט
פאַרפּוצט דעם סופיט און די ווענט
מיט פאַרב און האַרמאָנישן חן
וואָס ער קאָן נאָר שאַפן אַליין.
אַזוי ווערט, ווי גליד צו אַ גליד,
געפורעמט פון אַרבעט אַ ליד.

דעם זונפאַרגאַנג פון דער דעמאָלטיקער פּראָלעטאַרישער תקופה זעט מען אַ ביסל בולטער אין רובינס סאָציאַל־אַרגומענטאַטיווע לידער. דאָס זיינען כמעט פּאַרטייטשנדיקע לידער. ער לערנט דאָרט סאָציאַלן פשט.

פֿאַראַן ביי אים אַ ליד „תקע בשופר גדול לחרותנו!", געדרוקט אין „צייט פֿון פֿאַרשטאַנד", לידז, אויגוסט־סעפּטעמבער, 1906. צי דאָס ליד איז פֿריער דערשינען, און ס'איז אַן איבערדרוק — דאָס איז ניט פֿעסטגעשטעלט. ס'איז אָבער סימבאָליש. דעם זשורנאַלס נאָמען איז — „צייט פֿון פֿאַרשטאַנד". דאָס דערמאָנט אונדז אין שכלדיקייט, ראַציאָנאַליזאַציע. עס איז ניט די צייט פֿון „טרערן־לידער", מאַרטירערטום, פֿלאַמיקע אויפֿרופֿן, זודיקע קאַמפֿלידער. ס'איז — די „צייט פֿון פֿאַרשטאַנד".

אין דעם ליד ווענדט זיך דער דיכטער מיטן אויסרוף: בלאָזט ניט דעם שופֿר אין טאָג פֿון ראש השנה. דאָס איז דאָך בלויז פֿאַר געציילטע, „וואָס ווייסן ניט און גלויבן". מיטן שופֿר קען מען מאַמאָנען ניט אָפּשרעקן.

און איר, וואָס ווייסט, ווי גרויס די צאָל
איז פֿון די, וואָס גלייבנד לעבן,
ווייסט אויך, אַז ניט אַ שופֿרס קול
וועט וועקן זיי צום שטרעבן.
און וועקן דאַרף מען זיי פֿון שלאָף...

— — — — — — — — — — — —

דער קול, וואָס וועקט זיי דאַרף זיין קלאָר,
פֿאַרשטענדלעך די כוונה,
און אויך ניט איינמאָל אין אַ יאָר,
אין טאָג פֿון ראש השנה,
נאָר אומעטום און אַלעמאָל,
וואו נאָר שקלאַפֿן גייען,
זאָל הערן זיך דער שופֿר־קול
פֿון אייערע אידייען.
אידייען, וועלכע פֿריידיקן
ווי צו ליבן דיין געזעלן,
וועם שלאַפֿן צו פֿאַרטיידיקן,
זיך קעגן הערשער שטעלן.

אַן ענלעך רעפֿלעקטיוו־סאָציאַל ליד איז „צו מיין ברודער". דאָס ליד לאָזט אויך איבער אַן איינדרוק ווי אַ ווענדונג־ליד. דער דיכטער

גיט־צו מוט „דעם ברודער״ דורך ווענדן זיך צו אים דירעקט. אין דעם ליד געפינט מען די השפעה פון וועקלידער, אָבער אָן דער אָנגענומענער דינאַמישער רעטאָריק אין אַזעלכע לידער. פאַראַן אין דעם ליד — רוף, אָבער אויך אַרגומענט, אויסטענהן זיך.

צו מיין ברודער

האָסט קיין מוט, מיין ליבער ברודער,
קענסט ניט שטייען שוין מער ביים רודער
אויף דער שיף וואָס פירט צום זיג?
מוט פּרוביר אַ ביסל באָרגן,
פון דעם צוקונפטס שיינעם מאָרגן,
און זעץ מוטיק פאָר דיין קריג.

קענסט ניט? דאָס איז גאָר קיין טענה,
ווען עס ליידן ברידער דיינע
גרויסע נויטן אויף דער וועלט.
העלף אַרויס זיי פון די נויטן,
ליכט און וואַרהייט העלף פאַרשפרייטן,
גיב די ראַט דאָרט, וואו עס פעלט.

גיי, ערקלער די אַרבעטס מאַסע,
אַז זיי זיינען זעלבסט אַ קלאַסע,
אין מאָראַל, אין פּאָליטיק.
אויך ערקלער זיי אַז וואָס שנעלער,
זיי פאַרריכטן זייער פעלער
העסטאָ זיכער קומט דאָס גליק.

גיי, גלייך אויס די קרומע מוחות
און די שלאַפע גיב צו כוחות,
בינד אַרום דעם קראַנקנס וואונד.
נאָר מיר האָבן פילע וואונדן,
וועלכע זיינען ניט פאַרבונדן,
וועלכע מוזן זיין געזונד.

מעגן ווײַלן זיך די דומע,
מעגן שעלטן דיך די פֿרומע,
מעג מען אויסלאַכן דײַן וואָרט.
קוים נאָר דענקסטו אמת ערלעך,
מעג עס אויך זײַן שווער, געפֿערלעך,
מוזסטו שפּילן דײַן קאָרט.

אײַנגאַנצן רעפֿלעקטיוו־ליריש איז דאָס ליד —

אַ לעגענדע

כי לא יחדל אביון מקרב הארץ (דברים ט״ו; י״א)

און איך טראַכט און טראַכט אָן ענדע,
איז עס ווירקלעך אַ לעגענדע
וואָס איך האָב געהערט;
דאָס עס מוזן מענטשן לײַדן,
אַז מען קען דאָס ניט פֿאַרמײַדן,
ס'איז אַזוי באַשערט?

דאָס איז ווירקלעך אַ לעגענדע,
נעמען מוז צו דעם אַן ענדע,
וואָס איך האָב געהערט;
דאָס עס מוזן מענטשן לײַדן,
אַז מען קען דאָס ניט פֿאַרמײַדן
ס'איז אַזוי באַשערט.

סאָציאַלע אַלעגאָריע

אין זײַנע סאָציאַלע לידער איז רובין שטענדיק ליריש, אײַנגעהאַלטן ליריש. ער איז, אָבער, אויך דערקלערעריש, מיט אַן אונטערטאָן, ווי אין ווערקלידער. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים איז אויך די סאָציאַלע אַלעגאָריע. דאָ זעט מען ניט דעם ווערקליד־אונטערשטראָם. דאָ איז ער ליריש באַדאַכט, דורכגעטראַכט. די אַלעגאָריע טראָגט שטענדיק אײַבער אײן דערשײַנונג אין אַ צווייטער. און דאָס דאַרף קלערער מאַכן

ש. ז. רובין — אין די עלטערע יאָרן

דעם זין פון דער דערשיינונג. דעריבער איז עס שטענדיק ווי אַ מוז פאַר אַ פאַבל. און ס׳איז ניט שווער צו געפינען אַ פאַבל אָדער צוויי ביי יעדן סאָציאַלן פאָעט. מאָריס ווינטשעווסקי האָט געשריבן

אַ סך פֿאַבלען. ביי רובינען איז פֿאַראַן אַ פֿאַבל, נאָך קרילאָוון נאָך, „רער העלפֿאַנד און דער הונט". געדרוקט האָט ער די פֿאַבל אין „פֿאָר־ווערטס", דעם 5טן אויגוסט, 1901. אַגב — געוואוינט האָט ער דעמאָלט אין בראָנזוויל. אין די שפּעטערדיקע יאָרן געפֿינען מיר ביי אים אַ פֿאַבל „די פֿידל און די באַנדורע", געדרוקט אין „טאָג", דעם 9טן מערץ, 1947. די פֿידל, די יחסנטע, שטעלט אויס איר גרויס יחוס. „פֿאַר סטראַדיוואַרן און קרעמאָנען צאָלן פֿידלער אָפּ מיליאָנען; פּאַגאַניני מיט זיין שפּילן האָט דערגרייכט די העכסטע צילן". מיר גיבן דאָ איבער דאָס ליד ווי דער דיכטער האָט עס שפּעטער אויסגעבעסערט:

די פֿידל און די באַנדורע

העי באַנדורע, גראָבע צורה!
הער מיך שפּילן. אמת, קלענער
פֿון דיר בין איך, אָבער מיינע טענער
צעגייען זיך אין אַלע גלידער.

פֿאַר סטראַדיוואַרן און קרעמאָנען
צאָלן פֿידלער אָפּ מיליאָנען.
פּאַגאַניני מיט זיין שפּילן,
האָט דערגרייכט די העכסטע צילן;

געקאָנט האָט, דורך מיר מאַכן,
מענטשן וויינען, זינגען, לאַכן
ברענגען פֿריידן און נחמות,
לייטערן פֿון זינד נשמות.
גליק און ליבע טויט און לעבן
קאָן די פֿידל איבערגעבן.
אין דאָס האַרץ פֿון וויאָלינען
קאָן דער מייסטער גאָט געפֿינען.
זאָג מיר דו! מיט בויך, דעם גראָבן,
ווער דאַרף דיך ביי אונדז דאָ האָבן?

די באַנדורע האָט געטאָן אַ שטיקל ברומע
און געזאָגט בזה הלשון;
פֿידל, פֿידל גאָט זאָל היטן,

דו זאָלסט נאַרישקייטן שיטן ?
איך בין גרויס, ביסטו קלענער,
דאָס מיינט ניט אַז דו ביסט שענער.
דיין ציגעלע איז שיין געשליפן
האָך, פֿאַלש זיינען דיינע באַגריפֿן.

קאָנטראַבאַס בין איך פֿאַרשריבן
אין די נאָטן ; קלאַנגען זיבן
ווי פֿאַר דיר איז אויך מיין גאַמע
און דער בוים איזביידנס מאַמע.

איך קאָן זאָגן „קיי־שפּיי״, „פּיפּערנאָטער״,
„קלייענער גאָרנישט״ און שוין פּטור !
דאָס זאָגט ניט אַ בעל אַחריות
און מאַכט נאָך קינדערשע העוויות.

ווערטן שאַצט מען דורך קאָנטראַסטן ;
דעם טעם פֿאַר עסן קומט דורך פֿאַסטן.
שטאַרק אין היפּוך פֿון וואָרט־שקלאַפֿן,
אַזוי האָט גאָט די וועלט באַשאַפֿן...

אַ ראָד מוז האָבן אירע אַקסן ;
אָן ערד קאָן אַ בוים ניט וואַקסן,
איך באַנדורע בין אויך אַ פֿידל.
„באַנדורע״ איז קיין וואָרט פֿאַר זידל.
יעדער טייל פֿון אַן אָרקעסטער
איז ניט ערגסטער, איז ניט בעסטער,
טענער גאַנצע, פֿלאַכע, שאַרפֿע
פּויק, באַנדורע, פֿידל, האַרפֿע,
זיינען טאַטע, מאַמע, ברידער, שוועסטער,
אין מוזיקאַלישן אָרקעסטער.
איצט פֿאַרשטייסטו „פֿאַני פֿידל״
ווי מען שפּילט אַ שיינע לידל !

די פֿידל האָט דעם צונג פֿאַרלאָרן,
און איז פֿאַר בושה רויט געוואָרן.

ענלעך צו פאַבלען איז דאָס סאָציאַלע ליד, וואו אַלעגאָריע איז די הויפט־אייגנשאַפט. מיט צוויי זאַכן איז עס ענלעך. איינס — מיטן אַרי־בערטראָגן דעם באַטייט און זין פון איין דערשיינונג אויף דער צווייטער. צוויי — מיטן אויספיר, מיט דער מאָראַל. אַזאַ ליד איז רובינס —

א י י נ י ק י י ט

דער לאָקאָמאָטיוו, דער שמשון הגיבור,
וואָס שלעפּט שווערע לאַסטן דורך נעכט און דורך טעג,
דער שד, וואָס פאַרניכטעט, צעבריעכט און פאָרט איבער
אַלצדינג וואָס אים קומט, וואָס אים שטייט נאָר אין וועג.
דער סוחר וואָס פאָהט אויף די ווייטערסטע רייזן,
דער ריז וואָס באַזיצט אַזאַ זעלטענע קראַפט,
דער גענייע־געדאַנקען, פאַרקערפּערט אין אייזן
וואָס האָט גרויסע גליקן, דער מענטשהייט פאַרשאַפט.
די גרעסטע דערפינדונג! דער שטאָלץ פון יאָרהונדערט,
דער אמתער שפרייטער פון ציוויליזאַציאָן,
דער רינג וואָס פאַראייניקט וואָס איז אָפּגעזונדערט,
און ברענגט אין פאַרבינדונג נאַציאָן מיט נאַציאָן.
די קראַפט וועלכע ווייזט אויס צו זיין אַ פאַרט־עטער
פון קרעפטן וואָס טרעטן דעם וועג קיינעם אָפּ,
ווערט אויך זייער אָפּט, דורך דער ווירקונג פון וועטער,
געצוואונגען צו בייגן זיין אייזערנעם קאָפּ...

דער וואָלקן וואָס ווערט דורך די קעלטן פאַרפראָרן
און פאַלט צו דער ערד, אין דער פאָרמע פון שניי,
וואָס ווערן צעשמאָלצן און גייען פאַרלאָרן,
ווען שטראַלן נאָר שיינען אַ רגע אויף זיי —
די שנייען זיי ווערן געטריבן פון ווינטן,
און האָבן קיין כוחות דאָס ווידערצושטיין,
אויך וואַנדלען אַרום ווי ציגיינער געזינטן,
וואָס האָבן קיין תקומה און מוזן אַלץ גיין.
אָט דיזע קריסטאַלקעס, וואָס האָבן קיין לעבן
כמעט, אין שוואַכקייט פון זייער נאַטור,
זיי ווערן פאַרוואַנדלט צו וואַסער אין טייכן

צו דאַמף אונטער העכערער טעמפּעראַטור.
און דאַך, ווען דיזער פֿאַרפֿראָרענער רעגן
ווערט נאָר פֿאַראייניקט — איז שוואַך, ווי ער איז,
פֿאַרשטעלט און פֿאַרצאַמט ער די רעלסן און וועגן,
און ברענגט צו אַ שטילשטאַנד דעם אייזערנעם ריז.

דאָס ליד „אייניקייט” קען אונדז דינען ווי אַ מוסטער אין רובינס סאָציאַלער אַלעגאָריע. אַן ענלעך ליד איז ביי אים „פרילינג”. די גאַנצע נאַטור וואַכט אויף אין פרילינג, די זון „שטראַלט מיט פרייד”, די אָרעמע קינדער „קומען ענדלעך אַרויס אויף דער גאַס” — אַלץ האָט אויפגעלעבט. אָבער דאָס געזאַנג פון פייגעלע אין שטייג „האָט געקענט... רירן אַ שטיין”. און דאָס פייגעלע האָט געזונגען — „לאָזט מיר פליען, וואו עס ציען די געפילן מיר”, „איך וויל פריי זיין, וויל געטריי זיין, ניט פאַרשקלאַפט ווי איר”.

סאָציאַלע ליריק

אַט אין דעם נאָרוואָס־ציטירטן ליד „פרילינג” קלאָגט זיך דאָס פייגעלע אין שטייגל:

אויף די פעלדער,
אין די וועלדער,
אין דער לופט זאָ ריין,
נייע בלומען, —
וואו עס קומען
מאַכן אַלעס שיין.

דאָרטן וויל איך,
דאָרטן פיל איך,
דאָרטן לאָזט מיר גיין,
ווייל מיין זינגען
זודרכגעדרונגען
דאָ מיט אַ געוויין.

אָט דער לירישער טאָן הערט זיך ביי רובינען אין גאָר אַ סך לידער. דעם לירישן טאָן האָבן מיר געהערט ביי אים אין די סאַמע ערשטע לידער — אין די פערזענלעכע, אין די נייטראַלע מאָטיוון. מיר הערן זיי אויך אין זיינע סאָציאַלע לידער. צווישן זיינע שענסטע לידער איז פאַראַן אַ פערזענלעך ליד, און דאָך איז עס אַ פרייהייט־ליד. דער ליריזם אין ליד איז רירנדיק — אויך דער געדאַנק. דאָס איז דאָס ליד:

מיין האַרץ האָט זיך ענדלעך אַביסל באַרואיקט

מיין האַרץ האָט זיך ענדלעך אַ ביסל באַרואיקט,
איז שטילער אַ ביסל געוואָרן
און וועל נאָך אויך מעגלעך ווי אַנדערע מענטשן
לעבן אין קינפטיקע יאָרן.

מיין האַרץ האָט זיך ענדלעך אַ ביסל באַרואיקט,
איך ליב מיר, שיינט, ערלעך אַ צווייטער,
איך האָב זיך צו איר, דוכט, לאַנג איבערגעגעבן,
פרייוויליק, ווייט ניט קיין געצווונגענער.

מיין האַרץ האָט זיך ענדלעך אַביסל באַרואיקט,
דער ווייטיק איז ענדלעך פאַרשוואונדן.
איך האָב צו מיין איצטיקער וואָרער געליבטער
מיין גייסטיקן איך צוגעבונדן.

מיין האַרץ האָט זיך ענדלעך אַביסל באַרואיקט,
איז ענדלעך אַנטשוויגן געוואָרן,
צו דיזער געליבטע, דער געטין דער פרייהייט
האָב איך אייביקע טרייהייט געשוואָרן.

(אויגוסט, 1903)

צו רובינס סאָציאַלער ליריק געהערן די צוויי לידער געווידמעט דעם „בונד”. דאָס ליד „פאַרן בונד” איז אַן עלעגיע וועגן געפאַלענעם מאַרטירער. דאָס איז צווישן די גאָר געציילטע סאָציאַל־סימבאָלישע לידער ביי רובינען. געשריבן איז עס, מן הסתם, אָנהייב הייַנטיקן יאָר־הונדערט. מיר גיבן איבער דאָס ליד בשלימות:

פאַרן „בונד"

גאַנץ ווייט פון גערויש און פון לעבן
פון פרייד, פון גליק, פון געוויין,
געפינט זיך אַן איינזאַמער קבר,
באַדעקט מיט אַן איינפאַכן שטיין.

עס וואַקסט אויפן קבר קיין גראָז ניט,
קיין בוים, ניט קיין בלאַט, ניט קיין בלום,
עס זעט זיך קיין מענטש ניט, קיין פייגל,
ווייט וויסט איז אַרום און אַרום.

און טיף אין דעם דאָזיקן קבר,
פאַרגעסן פון אַלעס וואָס שטרעבט,
ליגט אַ געוועזענער מענטש דאָרט,
אַ מענטש וואָס האָט איינמאָל געלעבט.

אַ מענטש ניט אין זין פון די רייכע,
פון די וועמעס גאָט איז דאָס געלט,
פון די וועלכע לעבן פון שווינדל,
פון רויב און פון מאָרד אויף דער וועלט.

ביי אים איז דאָס לעבן געוועזן,
אַ חוב צו זיין פאָלק, צו דעם כלל,
צו שפּרייטן אידייען פאַר פרייהייט,
פאַר גלייכהייט און רעכט איבעראַל.

אַ זון פון יהודה המכבי,
אַ ריטער פון יידישן רעכט,
אַ דענקער ווי הלל הזקן,
אַ שטיצער פון מענטשלעכע רעכט.

געלעבט אין דעם לאַנד פון ראָמאַנאָווס,
אין לאַנד פון טיראַנישן קנוט;

אין לאַנד וואָס באַרויבט אונדזער לעבן,
אין לאַנד וועלכע טרינקט אונדזער בלוט.

אין לאַנד וואו די נאַכט איז אַ תּפיסה,
דער טאָג איז מיט שרעקען פאַרשטעלט,
אין לאַנד וואָס פאַרמשפּט די קינדער
נאָך איידער זיי זעען די וועלט.

דאָרט האָט ער געזעען די ליידן,
געזען די רעגירונג אָן טאָלק,
און האָט באַשלאָסן צו קעמפן,
צו געבן זיין בלוט פאַר זיין פאָלק.

געשטריטן האָט ער ווי אַ טיגער,
ניט מורא געהאַט פאַר קיין שטראָף,
ביי טאָג און ביי נאַכט רק געאַרבעט,
צו ברענגען דעם אָנפאַנג פון סוף.

און קעמפענדיק איז ער געפאַלן,
געפאַלן אין מיטן דער נאַכט.
זיין גוף האָבן צוויי־דריי חברים
מקבר געווען ביינאַכט.

דער וואָלקן פאַרגאָסן האָט טרערן
און קדיש געזאָגט האָט דער ווינט.
די ערד האָט געעפנט איר בוזים
און שלוכצנד געדריקט איר ליב קינד.

דאָס צווייטע ליד, געווידמעט דעם „בונד”, איז אויך וועגן מאַר־טירער. דאָך ענדיקט זיך דאָס ליד, ניט אין אַ תּהומיקער מרה־שחורה, נאָר אין האָפענונג־טענער. דאָס ליד הייסט טאַקע —

די וועלט וואָס וועט קומען

(געווידמעט די אָפּפער פון „בונד”)

יאָ, אַלץ וועט אין גאַנצן ווערן פאַרביטן,
און די, וועלכע האָבן אַם מייסטן געליטן,
וועלן מיט קראַנצן ווערן באַקרוינט.
מיט ערלעכע לידער פון ערנסטע זינגער,
באַגלייטעט אויף האַרפן פון קינסטלעכע פינגער,
וועלן פאַר ליידן זיי ווערן באַלוינט.
קינדער געקליידט אין זייַדנס און רויטן,
מיט פריילעכע פאָנען פון שיינע קאָלירן,
מיט קראַנצן געפלאָכטן פון פרעכטיקע קווייטן,
אין גרויסן טריאומף־צוג זיי וועלן מאַרשירן.
אַ ריזן־אָרקעסטער וועט אַל זיי באַגלייטן
און וועט זייער שיינקייט מיט מוזיק באַצירן.
און אַלעס, וואָס מענשלעך איז, וועט האַרמאָנירן,
און מענטשלעכע ליבע וועט מענטשלעך רעגירן.

(נוואַרק, נ. דזש.)

עוואָלוציע — דער סוד

ווען רובין האָט געוואוינט אין מינעאַפּאָליס, מינעסאָטאַ, האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד אונטערן נאָמען „עוואָלוציאָן”. דאָס ליד האָט ער אָנגעשריבן דעם 31סטן מערץ, 1926. געדרוקט, אָדער איבערגעדרוקט, האָט ער דאָס ליד אונטערן נאָמען „דער סוד” אין „טאָג”, דעם 12טן נאָוועמבער, 1944.

דאָס ליד איז אַ מין אַלגעמיינער אני־מאמין פון אַ מאַטעריאַליסט, וואָס גלייבט אין דאַרוויניזם, אין דער עוואָלוציע פון מינים. במשך קרוב צו 20 יאָר האָט זיך ביי רובינען דער טראָפּ געביטן. פריער איז געווען באַטאָנט — די עוואָלוציע. שפּעטער — דער סוד. און דאָס ליד ענדיקט זיך טאַקע מיט די ווערטער: „די וויסנשאַפט ברענגט אי סימנים, אי עדות — דער סוד איז די גאָטהייט אַליין...”

ווען רובין וואָלט באַוויזן אַרויסגעבן אַ בוך לידער, וואָלט ער זיכער געשלאָסן דאָס בוך מיט דעם דאָזיקן ליד —

דער סוד

ווען איך בין אומענדלעכע טויזנטער יאָרן
געלעגן אין בלאָטע פאַרשטעקט,
נאָך איידער מיין זיווג געווען איז געבאָרן
און קיין זאַך האָט מיך ניט געשרעקט —

ווען איך בין געווען אַן איינפאַכע צעל,
אָן וועלכן באַגריף, אָן געפיל,
וואו קוים האָט געשמילקעט אַ פונק פון אַ זעל
און פינצטער געווען און שטיל —

ווען צופעליק האָט מיך אַ שטורעם גענומען
און האָט מיך פאַרוואָרפן אַהין,
וואו איך בין אָן וויסן, אָן דענקען געקומען
אין אָנרירונג האַרט מיט מיין מין —

דער אָנריר אַ פלאַם האָט אין מיר דאַן באַשאַפן,
געקראָגן האָב איך אַ געפיל.
גערעכנט האָב איך זיך ניט מער פאַר אַ שלאַפן
איך האָב שוין געשטרעבט צו אַ ציל.

און מיר האָט געוועקט אַ חשק צו לעבן,
אַ דראַנג נאָך אַ העכערער ספער.
דער דראַנג האָט געשטופט מיך און האָט מיר געגעבן
מוט פאַרן קאַמף מיט געווער.

אַזוי בין איך לאַנגזאַם מגולגל געוואָרן.
פון נישטיקן טראָפן אין ים.
אין העכערע מינים, ביז איך האָב פאַרלאָרן
דעם אויסזעהן פון וואַנען איך שטאַם

— — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — —

מיך האָט כסדר געצויגן צו הויכקייט,
דער רוים איז געווען מיין ציל,
צו לעבן אין נעסטן פון פעדערשער ווייכקייט —
דערצו האָט געגאַרט מיין געפיל.

אַזוי בין איך העכער און העכער געשטיגן,
איך האָב זיך אַנטוויקלט אַלץ מער ;
עס האָט שוין מיין עגאָ אין מיר ניט געשוויגן,
עס האָט זיך דערוועקט אַ באַגער

אַלץ העסער און העכער צו שטרעבן
מיט חשק צו לוקסוס און פּראַכט,
צו ווינציקער פּראַצע און גרינגער צו לעבן —
אויף דעם האָב איך איצט זיך פאַרטראַכט.

דער פאַרשריט גענומען מיליאָנען האָט יאָרן —
ווער קאָן דאָס גאָר מעסטן דעם שיעור ?
ווער קאָן דאָס גאָר פירן אַ חשבון אַ קלאָרן,
פאַרשרייבן דאָס אַלץ אויף פּאַפּיר ?

באונים און גריבלער און דענקער אַלץ האָבן
היסטאָריש געפאָרשט די נאַטור ;
געפאָרשט סיסטעמאַטיש, געזוכט און געגראָבן,
און ענדלעך געפונען אַ שפּור —

אַ רמז, אַ וואונק אויף דעם סוד פון יסודות,
וואו עס פאַנגט זיך די רעטעניש אָן,
און פאָרשנדיק האָבן געפונען זיי עדות
אין דרך פון עוואָלוציאָן.

די שטיינער, די בערג, די ריזיגע וועלדער
דערציילן פון שאַפונג דעם נס,
און יעטוועדער צמח, וואָס וואַקסט אויף די פעלדער,
באַשטימט דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס.

די פעלזן, דיביימער, די בלומען, די טאָלן,
די ברואים פאַרוואַקסן אין שטיין;
די אוראַלטע צייטן באַלד שוין צעמאָלן —
דערציילן די סודות אַליין.

דער סוד פון אַנטוויקלונג, דער אָנפאַנג פון לעבן,
דער ברונען, וואו גייסט ווערט געשעפט,
דער וועבשטול פון פילן, פון לײדן, פון שטרעבן,
וואו סווערט די נשמה געוועבט —

מוז בלייבן אַ סוד פון פאַרבאָרגענע סודות;
דער מענטש קאָן דעם גרונט ניט דערגיין;
די וויסנשאַפט ברענגט אי סימנים אי עדות —
דער סוד איז די גאָטהייט אַליין...

אַ מוסטער פון אַ צייט-אָפּשניט

רובין איז אפשר ניט דער לעצטער דיכטער פון דער פריער פּראָלעטאַרישער תקופה אין אַמעריקע. געווען נאָך אים זיכער נאָך עטלעכע דיכטער — אָדער מאָטיוון פּראָלעטאַרישע ביי דיכטער — וואָס האָבן פאַרלאָזן דעם פּראָלעטאַרישן קלימאַט. טייל זיינען שפּעטער געוואָרן איבערגאַנג-פּאָעטן, טייל — יחידישע. רובין איז אָבער אַ גוטער מוסטער ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען אַ פּאָעט ביי זונפאַרגאַנג פון דער פריער סאָציאַלער תקופה אין אַמעריקע. אַ גוטן ביישפּיל זעען מיר אין זיין ליד „בראשית און סוף" („טאָג־מאָרגן זשורנאַל", דעם 14טן נאָוועמבער, 1954):

בראשית און סוף

מיינע לידער, פּראָסטע לידער,
ניט געקינצלט, ניט געציירט.
אין שפּראַך פון מיינע שוועסטער, ברידער,
ניט געשליפן, ניט פּאָלירט.

איך זינג פון זיך און זינג פון יענעם,
זינג פון ליבע, צער און האַס, —
פון גן־עדן און פון גיהנום
פון דער שטוב און פון דער גאַס.

איך קלעטער ניט אויף הויכע
בערג, שווים ניט צו קיין ווייטן ברעג
איך באַזינג די וואָכיק־בלייכע
חול המועדיקע טעג.

אין מיין מוח צוקען פלאַמען
פון אַ העלער שאַרפער ליכט.
גראַמען יאָגן זיך נאָך גראַמען,
די יצירה פון געדיכט.

קלאַנגען העפטן זיך מיט קלאַנגען,
אין מיין דיכטער־קעניגרייך
שלאָגן קוואַלן מיט געזאַנגען,
שטראָמען ווי אַ פליסיק טייך.

זיי גיבן מיר אַ צי צום זינגען,
איך הער טענער און הער קלאַנג.
ווי אַ כישוף נעמט מיך צווינגען
און צווינגט אַרויף אויף מיר געזאַנג.

ווערטער קומען און איך קלייב זיי,
מעסט זיי, פּאַס זיי אין אַ ראַם
פון געדאַנקען און פאַרשרייב זיי
אויף אונדזער יידיש און אין גראַם.

יעדער יידיש וואָרט איז טייער ;
ווי פּערל קלייב איך זיי מיט מי
און לייטער זיי אין ריינעם פייער
פון גאָטס־געבענטשטער פּאָעזי.

קומט דער פערז אַרויס אַ גוטער,
ריטמיש גלאַט און קלינגט אויך שיין,
קלייב איך נחת ווי אַ מוטער
ווען איר קינד הייבט אָן צו גיין.

איך הער אַ שיר אין ווינט פון צפון
אַ ווינטער־ליד פון שניי און קעלט.
דער מזרח זינגט אַ ליד פון האָפן
אויף פרימאָרגן פאַר דער וועלט.

איך הער אין וואַסערפאַלן קלאַנגען
פון זיסע לידער, פּראַכטפול שיין;
און געטלעכקייט — אין רייפע זאַנגען
און אייביקייט — אין שטיין.

איך הער ווען פויגלען זינגען שירה,
געזאַנג, ווען האָניק זוכט די בין;
ווען דער גריל שפּילט אין זיין לירע —
אין דעם פּלייס פון קלוגן שפּין.

איך באַזינג די פּראָסטע קווייטן
וועלכע וואַקסן ווילד פּאַרזייט
איינס איז אַנדערש פון דעם צווייטן,
ווי אַ טעפּיך אויסגעניייט.

איך זינג פון פריש־צעאַקערט פעלדער,
פון גרינע לאָנקעס, ריין און גלייך,
פון סטאַדעס שעפּסן, טיפע וועלדער
און פון זילבער־קלאָרן טייך.

איך הער אַ ליד אין קינדס געלעכטער
און געזאַנג אין קינדס געוויין;
אין די טריט פון גאַסן־וועכטער
און פון האַמער־קלעפּ אין שטיין.

אין דעם רעש פון דאַמף־מאַשינען,
אין סירען פון שיף און באַן. —
אין דעם וועבשטול און אין שפּינען,
אין זיי איז אויך אַ ליד פאַראַן.

אין די צייטונגען, זשורנאַלן,
אין בוך, געדרוקטע בלאַט פּאַפּיר,
אין דרוק־מאַשין און דרוק־מעטאַלן
לעבן לידער האָרט פאַר מיר.

לידער זיינען מיינע קינדער,
סיי מיין ברכה, סיי מיין שטראָף,
די אומשטערבלעכע פאַרבינדער,
דער בראשית און דער סוף.

יוסף יפה

1938 — 1865

יוסף יפה

דערקענונג

יפהס אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע האָט זייער גוט פאַרשטאַנען זיין דערמוטיקער און רעדאַקטאָר — דוד פּינסקי. סוף לעצטן יאָרהונ־דערט איז עס געווען, ווען פּינסקי האָט זיך באַקענט מיט יפהן. ער האָט גלייך באַגריפן יפהס ווערט. שפּעטער האָבן אויך די ייִנגערע פּאָעטן דערפילט יפהס ליד. מער ווי אַלע — זישאָ לאַנדוי. דאָס איז כדאַי צו באַטאָנען. לאַנדויס פּאָעטישע נייגונגען האָבן געטיילט אַ סך „יונגע". און זיי אַלע האָבן געלייקנט די פּערזן־שרייבער פון די 80ער און 90ער יאָרן. פאַר דעם טיפּישן פאַרשטייער האָבן זיי געהאַלטן דוד עדעל־שטאַט. יענע פערזן־שרייבער כאַראַקטעריזירט לאַנדוי מיט אַזעלכע ווערטער:

„פילע ניט־באַרופענע (האָבן זיך) גענומען צו פערזן, אַלס דעם פּרימיטיווסטן מיטל צו קענען אויסדריקן זייערע געפילן און העלפן „פאָרווערטס שטופּן די פרייהייטס־רעדער", ווי עס האָט זיך אויסגע־דריקט דער טיפּישסטער פאַרשטייער פון יענער צייט — דוד עדעל־שטאַט."

אין דער אמתן — האָט לאַנדוי געהאַלטן — איז אין יענער צייט גאָר ניט געווען „קיין סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דיכטונג". „וואָס עס איז יאָ געווען — שרייבט לאַנדוי — איז אָט וואָס: די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען האָבן ביי זיך געהאַט גראַמען־דעפּאַרטאַ־מענטן" (הקדמה צו לאַנדויס אַנטאָלאָגיע „די יידישע דיכטונג אין אַמע־ריקע ביז יאָר 1919"). אָבער ס'איז זייער מאָדנע — לאַנדוי האָט אָבער געפונען פאַר נייטיק זיך אָפּשטעלן אויף איין אויסנאַם. דאָס איז געווען א. ליעסין, דער פּאָעט פון „שווערע" שורות, און דער דע־מאָלטיקער רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „די צוקונפט". די, וואָס קענען לאַנדויס פּאָעטישן מהות ווי אויך ליעסינס לידער, ווייסן ווי לאַנדויס דערקלערונג וועגן ליעסינען האָט ניט געשטימט מיט לאַנ־דויס געשמאַק. קען מען לאַנדויס דערקלערונג וועגן ליעסינען אָננעמען ווי אַ „דרויסנדיקע" אנערקענונג. געווען אָבער אַ פּאָעט אין יענער

צייט, וואָס לאַנדוי האָט „אײַנערלעך" אָנערקענט. דאָס איז געווען דער שטילער פּאָעט יוסף יפה. יוסף יפהן האָט לאַנדוי געווידמעט איינע פון זיינע שענסטע לידער. דאָס איז דאָס ליד „דיכטונג" („צוקונפט", יולי, 1930).

אין ליד „דיכטונג", דריקט לאַנדוי אויס דעם דיכטערס שטימונג בעת ער איז פאַרטאָן, פאַרטיפט אין דעם פּראָצעס פון שאַפן.

פאַר יפהן, איז דער דאָזיקער פּראָצעס שטענדיק געווען אַ מיס־טעריע. זישאָ לאַנדוין האָט דער שאַפן־פּראָצעס געלאָקט. ער האָט זיך אין דעם דאָזיקן פּראָצעס געקענט ממש אויפלייזן, „סענסועל" פאַרלירן.

לאַנדויס ליד „דיכטונג" געהערט צו גאָר אַן אַנדער פּאָעטישער דיקציע ווי יפהס לידער. דאָך האָט לאַנדוין שטענדיק אינטערעסירט יפהס אָפּטע פערזן וועגן דער מיסטעריע — שאַפן. לאַנדוי האָט דאָס ליד געווידמעט יוסף יפהן. עס איז אפשר גאָר מעגלעך, און אפשר אויך זיכער, אַז אינעם דערמאָנטן ליד האָט לאַנדוי געמיינט יפהן:

ד י כ ט ו נ ג

יוסף יפהן

די נאַכט האָט אויפגעמאַכט די ריגלען,
און די לבנה שווימט אַרויס.
דאָס פּלאַך־לאַנד און די גרינע היגלען,
זיי לויפן מײַלנווייז פאָרויס.

ער גייט. מיט אים צוזאַמען גייען
די ריחות פון אַ שאַרפן קוואַל.
אַרום אים ווייטע ווערטער ווייען
און רוישן ווי אַ וואַסערפאַל.

און וואָס די ווייטע ווערטער זאָגן,
און וואָס די נאַכט זינגט אין איר ליד,
האָט זיך אין שטיקער ליכט צעשלאָגן
און וואַלגערט זיך ביי זיינע טריט.

ער גייט. ווי ער וואָלט לייכט געשוואומען,
און וואָרט, און נאַכט, און קלאַנג, און שיין
האָט ער געצויגן אויף זיין גומען,
ווי דאָס געווען וואָלט אַלטער וויין.

און זיינע חושים נעמען ווינען
פון ליבשאַפט גרויסער און פון גליק : —
וואָס אותיות און ווערטער מיינען
אַנטפלעקט האָט אים אַן אויגנבליק.

די פינגער הייבן אָן צו קנעטן
פון זילבן ווערטער און געמיט,
איין וואָרט נעמט זיך צום צווייטן בעטן
אין לויב פון קומענדיקן ליד.

די נאַכט האָט אויפגעמאַכט די ריגלען,
אין הימל פיטערט זיך דער לאַם,
דאָס פלאַך־לאַנד שלינגט איין אַלע היגלען,
די ערד באַוועגט זיך ווי דער ים.

יפהס שאַפונג־מאַטיוון במשך יאָרן האָבן זיכער באַאיינפלוסט לאַנדוין אַנצושרייבן דאָס דאָזיקע שיינע ליד. דאָס איז שוין ניט געווען אַן אָפיציעלע, דרויסנדיקע באַמערקונג אין אַ הקדמה, ווי לאַנדוי האָט עס געטאָן מיט ליעסינען. דאָס איז געווען אַ טיפערע אנערקענונג, אַן עמאָציאָנעלע, אַן אנערקענונג פון אַ קרובישער זעל. לאַנדוי האָט עס באַשטעטיקט אין אַ בריוו צו יפהן, געשריבן דעם 30סטן יוני 1930 :

„ליבער יוסף יפה, —

איך וויל זיך פאַר אייך מודה זיין, אַז איך האָב שטענדיק געהאַט אַ שוואַכקייט צו אייך. איך האָב זעלטן געזען אַ דיכטער, וואָס זאָל אַזוי ליב האָבן פּאָעטן ווי איר. קעגן וואָס זאָג איך דאָס ? קעגן דעם, אַז איר זאָלט וויסן פאַרוואָס איך האָב אייך געווידמעט אַ ליד וועגן „דיכטונג״. איך האָב דאָס ליד געשיקט ליעסינען און וועל זיין שטאַרק צופרידן אויב עס וועט אייך געפעלן.

אייער,

זישאַ לאַנדוי״

לידער — ווי אַ קולט

לאַנדוין האָט זיכער אימפּאָנירט ניט אַזוי יפהס „ליב האָבן פּאָעטן״, ווי יפהס זיין אײַנגאַנצן פאַרטאָן אין יחידישקייט, סענסואַליזם און אין פאַרוואַנדלען דאָס שרייבן לידער אין אַ קולט. יפהס מערסטע טעמעס

זיינען טאַקע: „איך“, ליבע און פּערזענלעכער גענוס פון שאַפן. לאַנדוי האָט זיכער געפילט, אַז אין אָט־דעם פאַרליבטן פּאָעט — פאַרליבטן אין ליבע און ליד — ליגט דער אָנהייב פון טייל „יונגע“, די סענ־סואַליסטן אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע.

זיין קינדהייט און יוגנט האָבן יפהן געקענט אָנלאָדן מיט גענוג סאָציאַלן באַוואוסטזיין און מיט ביטערקייט קעגן דער געזעלשאַפט־לעכער אָרדענונג. די עמיגראַנטישקייט, די סביבה אין די ראַדיקאַלע קרייזן פון ניו־יאָרק האָבן, לויט דער לאָגיק נאָך, באַדאַרפט אין אים אַרויסרופן די דיכטונג פון סאָציאַלן פּראָטעסט, לידער פון אַ „טרערן־מיליאָנער“. דאָך איז ער געוואָרן אַ פריער זינגער פון פּריוואַט־יחידישע איבערלעבונגען. די, וואָס האָבן אים געקענט, וועלן צוגעבן, אַז דער זייער שטילער און בנעימותדיקער יפה איז געווען אַן אויסער־געוויינלעך גוטמוטיקער מענטש, אַ לב טוב, שפּילעוודיק ווי אַ קינד, און אַן אינטראָווערט. אין זיין גאַנצער ביאָגראַפיע גייען דורך אָט־די שטריכן, און ענלעכע לייטמאָטיוון — אין זיינע לידער.

יפהס לעבן איז זייער ענלעך צום לעבן פון אַ סך אַנדערע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן. מען וועט אָבער ניט געפינען אין זיין ביאָגראַפיע אַזעלכע מאָמענטן, וואָס זאָלן זאָגן עדות מכוח זיין אַקטיוון אָנטייל אין וואָסער עס איז באַוועגונג. געזעלשאַפטלעכע אידייען האָבן אים ניט צופיל אינטערעסירט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט זיינע בני־דור. עס זיינען פאַראַן ביי אים לידער אויף סאָציאַלע טעמעס. ער האָט ניט אין ליד געווידמעט דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק. אָבער דאָס איז ניט געווען דער עיקר פון זיין שאַפן. דעריבער איז אויך זיין ביאָ־גראַפיע בלויז אַ לעבן־באַשרייבונג פון אַ שאַפערישן יחיד און ניט פון אַ שליח ציבור. זי איז אַן „אינדיווידואַליסטישע“ ביאָגראַפיע. זי שפּיגלט ניט אָפּ קיין שום געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן אין אַ געווי־סער תקופה.

זיין לעבן, זיין וועלט, זיין טראַכטן און פילן איז געווען אַ חלום:

> אַ חלום — די פריילעכסטע טענער,
> אַ חלום — דער שטילסטער געוויין;
> אַ חלום — די צערטלעכסטע ליבע,
> אַ חלום — דער חלום אַליין. („ווידמונג“)

און אין אָט דעם חלום האָט אַ פּאָעט אין די 80ער און 90ער יאָרן געלעבט דאָס אויסגעחלומטע לעבן פון די שפּעטערדיקע „יונגע“.

אַן אינדיווידואַליסט איז שוין יפה געווען נאָך פאַר „מתן־תורה", אָבער אַן איינזאַמער אינדיווידואַליסט. דוד פינסקי האָט דערפילט דעם עכטן פּאָעט אין אים. ער האָט אים מקרב געווען, אים אַרויסגעפירט אין דער ברייטער עפנטלעכקייט, אָבער יפהס יחידישער נוסח האָט גע־לויכטן פון די מערסטע לידער זיינע. סתם זינגען, אָדער זינגען בלויז „פאַר זיך און פאַר איר און פאַר אייניקע פריינד", איז אין יענע יאָרן געווען אַ געזעלשאַפטלעכע זינד, אומנייטיק אויסברענגעריש, אַ נוצ־לאָז שפּיל:

כ'האָב שטענדיק געזונגען און זינג נאָך ביז היינט
פאַר זיך און פאַר איר און פאַר אייניקע פריינד.
און בלאָזט עס פון דרויסן אויף מיר מיט אַ קעלט,
איך וואַרעם זיך אָן אין מיין זוניקער וועלט.

אָבער אַנדערש הייבט אָן אויסזען די דאָזיקע „אומנייטיקע פאַר־שווענדערישקייט" ווען מען באַגרייפט, אַז ביי יפהן איז אַלץ געווען „געזאַנג":

דאָס ישטיקעלע ברויט, וואָס איך עס,
איז געזאַנג.
די קריוודעס, וואָס איך פאַרגעס,
איז געזאַנג.
און אַלץ, וואָס איך קאָן נאָר פאַרשטיין,
איז געזאַנג.
און איך וועל מיר אַזוי פאַרגיין
אין געזאַנג. („געזאַנגען").

זיין „יחידישע" ביאָגראַפיע שטימט אינגאַנצן מיט זיין יחידיש ליד. די דאָזיקע האַרמאָניע ווייזט ווי עכט ער איז געווען, ווי פשוט און נאַטירלעך. דאָס איז געווען דער גאַנצער מהות פון יפהן דעם מענטשן און דעם פּאָעט. וואָרן איין זאַך האָט אים שטענדיק באַהערשט: פּאָעזיע. ער איז אינגאַנצן פאַרטאָן אין דעם. אַפילו זיין פרנסה, זיין אַרבעט, פון אַ גראַווירער, ווי עס דריקט זיך אויס זיין פריינד און פראַטעזשע, „איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיין דיכטונג, מיט זיין שאַפן" (דוד פינסקיס אַריינפיר צום בוך „געזאַנגען"). צו זיבעציק יאָר האָט יפה מורא געהאַט אויפהערן אַרבעטן. „ער האָט מורא געהאַט, שרייבט פינסקי, אַז דעמאָלט וועט ער אויפהערן צו דיכטן". וואָרן אַרבעטנדיק, האָט

ער געשאַפֿן זיינע לידער. ביי דער אַרבעט האָבן זיך זיינע ליפּן געהאַלטן אין איין באַוועגן. דאָס האָט ער געשעפּטשעט פּערזן, זיינע אייגענע פּערזן, נייע פּערזן. און פֿאַרנדיק אַהיים נאָך דער אַרבעט האָבן זיינע ליפּן נאָך אַלץ געשעפּטשעט דאָס נייע ליד. און דאָס נייע ליד פֿאַר־צייכנט ער ניט. ער טראָגט עס אין זיכרון. ער לעבט מיט דעם. ערשט אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן האָט ער אָנגעהויבן פֿאַרצייכענען יענע לידער, וואָס ער האָט פֿריער ניט געהאַט פֿאַרשריבן. און פֿאַר־חושט, שטענדיק פֿאַרטאָן אין פּערזן האָט ער „געלעבט" זיין פּאָעזיע. אַן אינטראָווערט — איז אויך זיין דיכטונג געווען על־פּי־רוב אַן אינ־דיווידואַליסטישע. אַזוי האָט דער דאָזיקער שעמעוודיקער, איידעלער פּאָעט זיך געהאַלטן אַן אַ זייט פֿון דעם דעמאָלטיקן שטאַרקן געזעל־שאַפֿטלעכן שטראָם.

יונגע יאָרן

יוסף יפה איז געבוירן געוואָרן דעם 24סטן דעצעמבער, 1865 (חנוכה צום דריטל ליכטל), אין סאַלאַנט, קאָוונער גובערניע, ליטע. אין אַ רבנישער משפּחה. די משפּחה האָט געצויגן איר יחוס פֿון דעם גאון ר' מרדכי יפה, דעם בעל הלבוש.

ביי די עלטערן איז יוסף געווען אַ ציטעריקער. ניט דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען דער בכור, נאָר וויל זיי האָבן געוואַרט גאַנצע זיבן יאָר ביז גאָט האָט זיי צוגעשיקט אַ זון.

פֿון דער נאַטור איז ער געווען אַ שטילער, אַ שעמעוודיקער. דאָס זייער געראָטענע יינגל איז געווען שטענדיק פֿאַרנומען מיט שפּילערייען, מיט אומשולדיקע שטיפֿערייען. זיי זיינען ניט קיין אַנדער זאַך ווי — באַקענען זיך מיט זאַכן און געשעענישן, און זיי אויסשפּילן ווי ווירק־לעכקייטן. אַזוי האָט ער זיך באַקענט מיט דער דרויסנדיקער וועלט. אָבער אין זיך האָט ער שטום און טרויעריק געטראָגן אַן אַנדער וועלט — שטילע באַליידיקונג און — טרוימען. די באַליידיקונג איז געווען געמישט מיט שטילן צער. די אָרעמקייט אין הויז האָט דאָס גורם געווען. און די חלומות זיינען געווען די באַהעלטענישן, וואו דאָס יינגל האָט זיך געקענט ראַטעווען כדי ניט צו פֿאַרזינקען אין מרה־שחורה.

און די אָרעמקייט אין דער דאָזיקער איידעלער רבנישער משפּחה האָט געצוואונגען דעם טרויעריק־גליקלעכן יינגל פֿאַרלאָזן די וואָרעמע היים גלייך נאָך זיין בר־מצווה. מען שיקט אים קיין ווילנע זיך לערנען

אַ מלאכה. ניט גרינג איז אָט־דער באַשלוס אָנגעקומען דער משפּחה. אַזוי איז עס געווען אין די 70ער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט. זיך לערנען אַ מלאכה האָט ביים עם־הספר געמיינט — פאַרשוואַרצן די אויגן דער משפּחה. מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער שרייבט די סעריע דאָבע־לידער, דערמאָנט ער עס. דאָבעס מוטער איז דעם יינגלס אַן אויסגעפּאַנטאַזירטע מומע, אַ צדקניות, אַ קלוגע. האַלט זי, אַז פאַר איר דאָבען וואָלט יוסף געווען „דער חתן דער בעסטער". און הגם זי ווייס, אַז אין יחוס שטייען זיי גלייך, דאָך —

דאָך זאָג איך דיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַן:
דו זאָלסט דיך ניט ריכטן אויף דאָבען,
ביז וואַנען דו וועסט ניט זיין קלאָר אין גאַנץ ש״ס
און סמיכות רבנות ניט האָבן!

וואָס ווילט זיך דיר לערנען אַ מלאכה? פאַרוואָס?
צי האָסטו מער גאָט ניט אין האַרצן?
דער טאַטע, דער זיידע, דער פעטער אַ רב —
דו וועסט זיי די אויגן פאַרשוואַרצן,

(„די מומע")

און ווי שפּעטער אין זיין לעבן פלעגט ער יעדע ביטערקייט פאַר־יאָגן מיט שפּילערייען און מיט חלומות. אַזוי איז אויך געווען, ווען די מומע האָט אים געהאַלטן אין פאַרוואַרפן זיין עמכדיקייט. ער אַנטרינט מיט דאָבען אין וועלדל, און די שרעק פאַרשווינדט, זיי לאַכן און טאַנצן און שפּרינגען,

דאָס טייכעלע מורמלט אַ ליבלעכעס ליד, —
די פייגעלעך צווישערן, זינגען,

זיי צווישערן מונטער, זיי זינגען אַ פּראַכט,
זיי ווייסן קיין כבוד, קיין יחוס,
אין וועלדל איז לוסטיק, אין וועלדל איז פריי,
דאָרט דאַרף מען צום ליבן קיין סמיכות.

(„די מומע")

דער אָרעמער מייסטער־גראַווירער, ביי וועמען דאָס דרייצן־יעריקע בחורל יוסף איז געווען אין דער לער, איז געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן. געוואוינט האָט ער הינטער דער שטאָט, לעבן בית־עלמין. אָט־דער

מחוסר־לחם איז געווען אַ ייד אַן אַכזר. ער האָט געצוואונגען זיינע לערן־יינגלעך אַרבעטן פון קאַיאָר ביז צוועלף ביינאַכט. און גראָווירט האָבן זיי אין די לאַנגע נעכט ביים שיין פון אַ קליין לעמפּל. ניט נאָר נאָפּט, נאָר אויך עסן האָט ער זיי געזשאַלעוועט. און די עלטערן פון די לערן־יינגלעך האָבן געצאָלט דערפאַר. אָפּגערעדט האָט מען מיטן באַ־לעבאָס, אַז וועטשערע וועלן זיי ביי אים עסן. חוץ דעם — זאָל ער די יינגלעך אויסטיילן פינף קאָפּיקעס אַ טאָג אויף איבערבייסן ביז וועטשערע. האָבן זיי וויניק־וואָס געגעסן אַ גאַנצן טאָג. און די וועט־טשערע איז שטענדיק געווען זייער אַ מאָגערע. זשעדנע און אויסגע־הונגערטע האָבן די צוויי לערן־יינגלעך — יוסף און זיינער אַ חבר — באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלעמאָל אָפּעסן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין און הנאה האָבן פון לעבן. האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּשפּאָרן פון די פינף קאָ־פּיקעס, וואָס זיי פלעגן קריגן אויף די טעגלעכע הצטרכותן. דעם הונ־גער האָבן זיי געשטילט מיט טרוקענעם ברויט. די פּאָר גראָשן האָבן זיי געקליבן אין אַ ליימענער באַנק. ווען זיי האָבן אָנגעקליבן דעם גרויסן סכום פון אַ גאַנצן רובל, האָבן זיי צעבראָכן דעם באַנק, און זיך גע־לאָזט וואוילגיין. אין איין טאָג האָבן זיי צעפּטרט דאָס געלט. אָנגעקויפט פון שענסטן און בעסטן און אַלץ אויפגעגעסן אויף איין מאָל.

אַ מ ע ר י ק ע

ווען יפה איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער לער, איז ער שוין אַלט געווען זיבעצן יאָר. ער איז דעמאָלט אַוועקגעפאָרן קיין רעוועל. דאָרטן האָט געוואוינט זיינער אַ פעטער. געאַרבעט האָט ער ביים פעטער אין געשעפט. שנעל האָט ער געוואונען אַלעמענס ליבשאַפט און צו־טרוי. אָבער זיין לעבן אין רעוועל און זיין נייע באַשעפטיקונג האָבן ניט פאַרבעסערט די מערכה. די משפחה איז אַלץ מער געזונקען אין אָרעמקייט. און ער, דער פאַרדינער, האָט קיין סך ניט געקענט העלפן. דער פאָטער, דער רב, האָט זיך אַלץ געמאַטערט אין גרויס דחקות. דאָס שטעטל איז געווען אָרעם און האָט פשוט ניט געקענט אויסהאַלטן אַ רב בכבוד. איז נאָך דער מוטערס טויט האָט מען פאַרקויפט דאָס ביסל מטלטלים און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ווייטער אַמע־ריקע צו זוכן גליקן. אַזוי איז יוסף געקומען קיין אַמעריקע מיט דער משפחה, אין יאָר 1891. ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַרום 26 יאָר.

אויפן וועג צו דער שיף האָט יפה זיך צופעליק באַקענט מיט דער

משפחה רובינשטיין. געווען איז דאָס אויף אַ סטאַנציע אין דייטשלאַנד. געשטאַמט האָבן די רובינשטיינס פון איהומען, מינסקער גובערניע. אָבער דעמאָלט זײַנען זיי געווען צווישן די געליטענע פון גירוש־מאָסקווע. שטענדיק גרייט צו העלפן מענטשן, העלפט זיי יפה צו טראָגן די פעקלעך אין די וואַגאָנעס און פון די וואַגאָנעס. ניט נאָר איז יפה אַן איידעלער אין כאַראַקטער, נאָר אויך אין אויסזען. אָבער ניט גע־קוקט אויפן אויסזען איז ער געווען זייער אַ געזונטער און אַ שטאַרקער יונגערמאַן. אויף דער שיף ווערן אַלע זײַנע מיטפּאָרער שלאַף אויף דער ים־קראַנקייט. דער איינציקער, וואָס האַלט זיך אויף די פיס, איז דער יונגער יפה. ער העלפט אַלעמען, איז פאַרנומען מיט יעדן איי־נעם. דאָס האָט אים נאָך מער דערנעענטערט צו די רובינשטיינס. און אַזוי האָט זיך געוועבט זייער פרײַנדשאַפט. אין ניו־יאָרק איז דאָס געווען דאָס ערשטע הויז, וואו יפה איז געווען אַ שטענדיקער איינגייער. און דאָרטן האָט ער זיך באַקענט מיט די רובינשטיינס אַ קרובה, אַ פרײַלין גאָלדבערג. און דורך דער לעצטער האָט ער זיך באַקענט מיט איר שוועסטער, דער צוקונפטיקער בעלא יפה, יוסף יפהס לעבן־באַגלייטערין. דאָס ליד "צוויי שוועסטער" (אין בוך „לידער", ז׳ 53) איז כמעט ווי אַן אויטאָביאָגראַפיש ליד וועגן אָט־די באַקאַנטשאַפטן, וואָס זײַנען שפּעטער געווען אַ טייל פון זײַן לעבן.

און אַזוי איז געפלאָסן זײַן לעבן: ער אַרבעט פון דעם ערשטן טאָג־אָן זינט ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק ביי זײַן גראַווער־פאַך. ער פאַרדינט גאָר נישקשהדיק פאַר יענע צײַטן — פופצן דאָלאַר אַ וואָך. און די פרייע צײַט פאַרברענגט ער מיט די רובינשטיינס און מיט די שוועסטערס גאָלדבערג. אָבער אַדאַנק דער עלטערער גאָלד־בערג ווערט ער נאָענט באַפרײַנדט מיט דער עלטערער שוועסטערס מאַן, מיט טעאָדאָר לאָפּוכאָוו־קאַרמענען. די פרײַנדשאַפט מיט קאַר־מענען שפּילט אַ גרויסע ראָל אין יפהס פּאָעטיש לעבן. ווען יפה האָט זיך מיט אים באַקענט, האָט שוין קאַרמען באַוויזן אָפּצודרוקן לידער אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" — אונטערן נאָמען: קרעמען. און אַדאַנק קאַרמענען הייבט אָן יפה שרײַבן לידער.

דער אָנהייב

אין דער סעריע אויסגעפּאַנטאַזירטע „דאָבע"־לידער שילדערט יפה ווי אַזוי ער איז געקומען אַמאָל צו פאָרן צו זײַן פעטער אין סאַלאַנט, האָט ער מיט זיך געבראַכט אַ פּעקל לידער, „איינגעפּאַקט אין

תפילין־זעקל". דעם פרומען פעטער זיינען די לידער ניט געפעלן. וואָס פּאַר אַ לידער דאָס זיינען געווען, איז זיך שווער פאַרצושטעלן. זיי זיינען, מן־הסתם, געווען שטיפערישע און בייסיק־סאַטירישע לידער.

לידער, זאָגט ער, מוזן זיין
הייסע, יידישע און רעכטע;
דיינע לידער האָבן גיפט,
דיינע לידער זיינען שלעכטע.

אָבער די לידער האָבן נושא חן געווען ביי דאָבען.

און איר מיינונג איז מיר גוט,
און איר מיינונג איז מיר טייער,
ווען איך האָב די דאָבען האָלט
און מיין ליבע ברענט ווי פייער.

— — — — — — — — — — — — —

„יאָ", זאָגט זי, דיין ליד איז גוט.
ווייסט, דיין נאָמען וועט זיך הערן,
ווען דו וועסט נאָך מיט דער צייט,
ווי אליקום בדחן ווערן!
(„דער פעטער")

די געשטאַלט דאָבע, פונקט ווי די גאַנצע סעריע דאָבע־לידער, איז בלויז אַ פועל־יוצא פון פאַרשטעלונגס־קראַפט. דאָס איז אַ בענקשאַפט נאָך דער קינדהייט. אין די שפּעטערע יאָרן איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָעטישער „אויסגעפּאַנטאַזירטע" דערינערונג. ווען ער באַקענט זיך אָבער מיט קאַרמענען איז ער שוין אַ יונגערמאַן פון העכער זעקס און צוואַנציק יאָר. זיין באַגריף וועגן שרייבן און דרוקן לידער איז זייער אַ ראָמאַנטישער.

יפה האָט אַזוי פאַרערט פּאָעזיע, אַז ער האָט באַטראַכט פּאָעטן ווי געטלעכע מענטשן. אָבער אויב זיין האַרציקער פריינד קאַרמען, קען דרוקן לידער, טראַכט זיך יפה, קען ער אַליין אפשר אויך דרוקן לידער. געשריבן האָט ער אַ סך פריער.

איינמאָל גייען זיי אין געוועט: ווער וועט אָנשרייבן אַ בעסער ליד אויף דער זעלביקער טעמע. זיי שיקן אַוועק די לידער אין פילאַדעלפיער „שטאַט־צייטונג". ביידע לידער ווערן געדרוקט אין דער צייטונג. אויף דער בקשה פון דער רעדאַקציע דאַרפן די לייענער

באַשטימען וועגן די צוויי לידער. יפהס ליד נעמט מער אויס. דאָס ליד ווערט באַקאַנט דעם ברייטן עולם. און ווערליק דעם מנהג פון יענער צייט, פּאַסט מען צו אַ מעלאָדיע צו די ווערטער און מ׳זינגט דאָס ליד אין פֿאַרשיידענע קרייזן. דער דאַזיקער פֿאַל גיט אים צו זייער אַ סך מוט. ער הייבט זיך אָן באַטראַכטן פֿאַר איינעם פֿון יענע געציילטע, אויסדערוויילטע מענטשן, וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט אינספּיראַציע און מיטן גרויסן סוד צו קענען געפֿינען ווערטער אויסצודריקן זיינע געפֿילן. ניט נאָר שרייבט ער לידער, ער ווערט נאָכמער פֿאַרטראָגן אין יענעם טראַנס, וואָס אין אים האָט ער זיך שוין געפֿונען זיין גאַנץ וויטערדיק לעבן. און געווען איז דאָס — שטענדיק חלומען, שטענדיק שעפּטשען שורות, לידער, שטענדיק אַרומגיין אַ פֿאַרחושטער אונטערן רושם פֿון פּערזן. אין לויף פֿון די וויטערדיקע זיבן יאָר דרוקט ער ניט קיין סך, אַרום אַ טוץ לידער. מעגלעך, אַז זיין זשאַנער — ליבע־לידער — האָט ווייניק אויסגענומען ביי די סאָציאַל־באַוואוסטזיניקע, אוטיליטאַרישע רעדאַק־טאָרן אין דער דעמאָלטיקער ראַדיקאַלער פּרעסע. אין יאָר 1898 שיקט ער אַ ליד משה קאַצן, דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פֿון „אידישן פֿאָלקס־אַדוואָקאַט" און פֿון „טעגלעכן אידישן העראַלד". קאַץ ווייזט אים צוריק דאָס ליד. און יוסף יפה הערט אויף צו שיקן לידער אין רעדאַקציעס.

פּינסקיס דערמוטיקונג

עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן די וויטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון דעם יונגן דיכטער אָן דוד פּינסקיס אָנערקענונג און דערמוטיקונג. דוד פּינסקי איז סוף 1899 געקומען קיין ניו־יאָרק אויף דער איינלאַדונג פֿון דעם „אבענד בלאט". ער איז דאָרטן געוואָרן דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר, ווי אויך אין איר וועכנטלעכער אויסגאַבע „די אַרבייטער צייטונג".

פּינסקי האָט פֿאַרמאָגט אָן אייראָפּעאישע בילדונג. ער איז געווען נאָענט באַקאַנט מיט פֿאַרשיידענע טענדענצן, זשאַנערן און שטרע־מונגען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור. דאָס האָט אים געגעבן אַ סך אַ ברייטערן בליק און אַ טאָלעראַנטערן צוגאַנג צו ליטעראַרישע דערשיינונגען ווי דאָס האָבן געהאַט אַ סך אַמעריקאַנער־דערצויגע־נע יידישע קריטיקער. פּינסקיס סאָציאַל־באַוואוסטזיניקער דרך אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אים ניט געשטערט צו דערבליקן

לחלוטין אייגנאַרטיקע טענער ביי אַנדערע דיכטער. דער ליבע־מאָטיוו, ווי יפה האָט אים קולטיווירט סוף 19טן יאָרהונדערט, איז געווען פרעמד דער גאַנצער סביבה אין יענער צייט. פּינסקי, אָבער, דערזעט אין יפהן אַן אויפריכטיקן פּאָעט, אַ קוואַליקן פּאָעט. ער דערזעט אין אים אַ פּאָעט, וואָס קומט מיט אַ נייעם ניואַנס, מיט אַ ניי וואָרט אין דער יידישער פּאָעזיע. און דאָס ערשטע ליד וואָס דוד פּינסקי דרוקט, — פון אָט דער צווייטער פּעריאָדע אין יפהס שאַפן, — איז ווידער אַ ליבע־ליד. אַזוי איז אויך געווען דאָס ערשטע ליד, וואָס פּאַר איר האָט ער געוואונען אַמאָל אַ פּרעמיע. געהייסן האָט דאָס ליד „די ליבע זאָל לעבן"... שפּעטער האָט ער איבערגעדרוקט דאָס ליד אין זיין בוך „לידער", ז' 40.

מיט דעם דאָזיקן ליד הייבט זיך אָן די צווייטע, די רייפע פּעריאָדע אין יפהס שאַפן. ער דרוקט לידער אין אַלע צייטשריפטן, וואָס פּינסקי רעדאַקטירט: „אבענד בלאט", „אַרבייטער צייטונג", „דער אַרביי־טער", „די אידישע וואָכנשריפט", „די צייט". טייל זאַכן האָט מען אי־בערגעדרוקט אין „יוד". שפּעטער דרוקט ער זיינע לידער אין „צו־קונפט", „פּאָרטשריט", אין „קונדס".

מחמת דעם נייעם שטויס צו שאַפן, ווערט ער נאָכמער פאַרטראָגן אין דער עטערישער וועלט פון ליד. די גאַנצע וואָר פון זיין לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין חלום. אין דעם דאָזיקן חלום וועבט ער זיינע לידער, איז זיך מפרנס וועבנדיק לידער און חלומענדיק לעבט ער דאָס ווירקלעכע לעבן, וואָס איז אויך ביי אים — דוכטעניש און חלום.

ליד און לעבן

דוד פּינסקי באַמערקט אין זיין הקדמה צום בוך „געזאַנגען" (1936):

„די אַרבעט (פון אַ גראַווירער — נ. ב. מ.) איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיין דיכטן, מיט זיין שאַפן. אויך איצטער, אַ בן שבעים, לייגט ער זי ניט אַוועק. ער האָט מורא, אַז דעמאָלט וועט ער אויפהערן צו דיכטן". וואָרן בעת ער זיצט ביי דער אַרבעט און גראַווירט אויס בוכשטאַבן און צייכענונגען, „שטעלט ער זיך צוזאַמען אַ ליד. די אויגן גלאַנצן פון דעם נייעם איינפאַל, די ליפּן באַוועגן זיך, שעפּטשען די נייע פערזן". און אַזוי איז ביי אים געגאַנגען האַנט אין האַנט — ליד און אַרבעט, אַרבעט און ליד.

געווען איז יפה אַ גאַנץ גוטער פאַרדינער, ווען ער האָט געאַר־

בעט פאַר אַ באַלעבאָס. פופצן דאָלאַר אַ וואָך אין די ניינציקער יאָרן איז געווען אַ שיין געהאַלט. געאַרבעט האָט ער ביי אַ דייטשישן באַ־לעבאָס דזשאָן סטאָרק, אויף דזשאַן סטריט, ניו־יאָרק. סטאָרק איז געווען זייער צופרידן פון דעם דיכטער־אַרבעטער. ער האָט אַרויפגע־לייגט אויף אים מער התחייבותן ווי אויף אַנדערע. אויך האָט ער אים אָנגעוואָרפן אַרבעט מער ווי אַנדערע. דעם פאַרחושטן פּאָעט אין די עולמות העליונים האָט עס ווייניק־וואָס געאַרט: די אַרבעט, וואָס ער טוט, איז דאָך געזאַנג. און דער באַלעבאָס האָט געהאַלטן דעם דיכטער־אַרבעטער פאַר אַן אנשטענדיקן, פאַר אַן „עטישן" מענטשן — אַז אַלץ קען מען ביי אים אויספירן.

נאָך שווערער איז אָבער אים אויסגעקומען צו אַרבעטן ווען ער איז, אין יאָר 1903, געוואָרן אַ באַלעבאָס פאַר זיך. צו דער שווערער אַר־בעט זיינען צוגעקומען באַזונדערע עטישע פּראָבלעמען. אים איז אויס־געקומען אַרבעטן אין פאַרן שותף זיינעם אי פאַר די אַרבעטער זיינע. געהאַט האָט דער פּאָעט־באַלעבאָס זיין שאַפּ אויף פולטאַן סטריט. דער שותף איז געווען אַן אַלטער, קראַנקער מענטש. האָט יפה געהאַט רחמנות אויף אים, און געטאָן אויך דעם שותפס טייל אַרבעט. און ווען דער שותף איז געשטאָרבן האָט יפה דערזען, אַז ער קען בשום אופן ניט פירן דעם וואַרשטאַט אָן דער הילף פון זיין פרוי. איז פרוי יפה געוואָרן די בוכהאַלטערין פון שאַפּ. און זי האָט געטאָן אויך פאַרשיידענע אַנדערע אַרבעטן. יפה האָט באַהאַנדלט זיינע אַרבעטער אויף אַ גאַר מאָדנעם אופן. וועגן איידעלער באַנעמונג — איז ניט שייך צו רעדן. ער האָט אָבער זיינע זעקס, און, שפּעטער, דריי אַרבעטער באַהאַנדלט גאָר אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. די אַרבעטער פלעגן ביי אים פאַרדי־נען אַן ערך 80 דאָלאַר אַ וואָך. און פאַרן באַלעבאָס אַליין איז גע־בליבן ניט מער ווי אַרום 40 דאָלאַר אַ וואָך. דאָס איז שוין געווען פאַר זיין אייגענער אַרבעט, וואָס ער האָט אַרייגעלייגט, מער פון זיינע אַרבעטער, און אויך פאַר זיין פּרויס אַרבעט.

די געשיכטע פון דער ראַדיקאַלער קאָלאָניע אין ניו־יאָרק קען אָנווייזן אויף אַ סך פאַלן, וואו דער פייערדיקער פריידיקער פון סאָ־ציאַלער גערעכטיקייט, און אַפילו פון „דירעקטער אַקציאָן" און „פּראָ־פּאַגאַנדע דער טאַט", זאָל ביי זיך אין וואַרשטאַט זיך גאָרניט פירן ווי אַ באַוואוסטזיניקער רעוואָלוציאָנער, נאָר ווי אַ געצוואונגענער עקספּלואַטאַטאָר. ה. לייוויק רירט אָן די פּראָבלעם אין זיין דראַמע

„דער שאַפּ״. יפה, ווידער, איז דאָך געווען אַ פּאָעט, וואָס האָט אין פלאַקער פון סאָציאַלן אויפבּרויז געווען גאָר ס׳רוב פאַרנומען מיט אינדיווידואַליסטישע מאָטיוון. גראָד ער האָט אָפּגעהיט די גאַנצע עטיק לגבי זיינע אַרבעטער. און געטאָן האָט ער עס, ניט מחמת אַ וואָסער־עס־איז לאָגישן פּרינציפּ. ער האָט עס געטאָן, ווייל דאָס איז געווען זיין כאַראַקטער, אַזוי האָט אים אונטערגעזאָגט זיין אינסטינקט. דער שטילער, שעמעוודיקער דיכטער איז געווען פול מיט איידלקייט יעדע רגע פון זיין לעבן. עפּעס פאַרבאָרגן פרום איז ער געווען און שטאַרק אָפּגעהיט מיט מענטשן. ליבע און פאַרגעבונג — דאָס זיינען געווען די הויפּט־געדאַנקען, וואָס האָבן אים באַוועלטיקט. זיין כאַראַקטער קען מען דערפילן אין זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן וועגן זיך און אַרום זיך. ער איז פול מיט פּשטות און טיף אויפריכטיק. אָט־די צוויי מידות זיינען געווען ביי אים איינס. זיינע לידער וועגן זיך זיינען, דעריבער, ניט געווען בלויז וואונטשן. זיי האָבן, פּשוטו כמשמעו, פול און קלאָר אָפּגעשפּיגלט זיין כאַראַקטער און זיינע מחשבות. און ניט איין ליד קען מען ביי אים געפינען, וואו עס שטייט פאַר אונדז אָפּן יפה דער מענטש און דיכטער. דער מענטש און דער דיכטער זיינען ביי אים געווען איין און די זעלביקע זאַך. איינע פון יפהס כאַראַקטעריסטישסטע לידער איז —

קלאַפּ דו אין זיין טיר

קלאַפּ דו אין זיין טיר,
ווען דיין פריינד איז אין נויט.
דערקוויק אים דאָס האַרץ
מיט דיין אָרעמען ברויט.
טרעט אָפּ אים דיין באַנק,
גיב אָפּ אים דיין קיסן ;
שלאָף זעלבסט אויפן האַרטן דיל
מיט אַ ריינעם געוויסן ; —
און חלומען וועסטו
אַ חלום אַ זיסן.
ווען דיין פריינד איז אין נויט,
קלאַפּ דו אין זיין טיר.
ווען דו אים באַדאַרפסט,
זאָל ער קומען צו דיר.

(„צוקונפט״, פעברואַר, 1938)

דאָס איז געווען יפהס גלויבן ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן אין לעבן. און אַזוי האָט ער געלעבט. איז ווען מען איז אַ באַלעבאָס קען פון אַזאַ אויפפירונג ניט קומען קיין מזל־ברכה. איז ער שטענדיק געווען און געבליבן אַ טרוימער. ער אַליין כאַראַקטעריזירט אַזאַ בעל־חלומות אין זיין ליד —

דער טרוימער

ער גייט בלינדערהייט אַרום,
זעט די וועלט ניט ריכטיק;
דאָך עס שיינט פאַר אים די זון
און זיין וועג איז ליכטיק.

פונקט ווי אַ פאַרחלומט קינד
בויט ער לופט־געצעלטן; —
און ווי גאָט, פון גאָרנישט ניט,
שאַפט ער צויבער־וועלטן.

שטערט זיין שיינעם חלום ניט,
ס׳וועט פאַר אים ניט טויגן,
גאָט אין הימל, עפן אים
קיינמאָל ניט די אויגן.

(„צוקונפט“, סעפטעמבער, 1938)

און אָט דער טרוימער, וועמען גאָט אין הימל האָט „קיינמאָל ניט געעפנט די אויגן“, איז פאַרבליבן אַ טרוימער, אַ „פראַכט־מענטש“ — ווי עס דריקט זיך אויס זיין איבערגעגעבענער פריינד דוד פינסקי. „ער איז געווען — שרייבט פינסקי — ווייט פון קאַמף און קריג, פול מיט ליבשאַפט צו דער וועלט און מענטשן“. ער איז עס געווען אַפילו דעמאָלט, ווען ער האָט אויף די עלטערע יאָרן געליטן נויט. פרוי יפה האָט מרמז געווען אויף די זייער שווערע יאָרן אין אַ בריוו צו איי־גענע אין חודש פעברואַר 1935: „ביי אונדז איז גאָר קיין נייס ניטאָ. מיר זיינען געזונט און דאַרפן זייער האָבן אַרבעט, — און דאָס איז יעצטיקע צייטן זייער שווער צו קריגן“. אין דעם זעלביקן בריוו לויפט דורך דעם פאָעטס אַ שורה: „נאָך גאָר קיין נייס ניטאָ, עס ווערט צו ביסלעכווייז אַ ביסעלע ערגער...“

און עס האָט מאָדנע געשטימט: זיין צוגאַנג צו מענטשן, זיין עטישע באַציאונג צו זיינע אַרבעטער און מיטאַרבעטער — מיט זיין עפּיקורעאישן צוגאַנג צום לעבן. זיין טרוימערישע „בלינדקייט“, זיין

פֿאַרטראַגנקייט האָט געשטימט מיט זיין קענען איבערטראָגן נויט. זיין פּראָזע אין די זונלאָזע וואַרשטאַטן האָט געשטימט מיט זיין זוניק ליד. אינטערעסאַנט איז ליעסינס באַמערקונג אין זיין הקדמה צו יפהס בוך „געזאַנגען":

„און אַזוי האָט ער זיין לעבן דורכגעזונגען, אונדזער עכט־יידיש־לעכער עפּיקורייער — ניט אין זון־צעברענטן פּרס, צווישן די דופּטיקע וויינגערטנער פֿון נאישאפּור, נאָר אין די געדרייטע געסלעך אַרום דעם ניו־יאָרקער פּאַרק־ראָו, צווישן די געשמאַקלאָזע, אומגעלומפּערטע, הויכע מאַכינעס, אין די ענגע ווענטלעך פֿון די טונקעלע וואַרשטאַטלעך — אין אייביקן זאָרג און אייביקער פּראָצע".

דאָרטן, „אין די ענגע ווענטלעך פֿון די טונקעלע וואַרשטאַטלעך", האָט ער פֿאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פֿון זיין לעבן. אָבער ער האָט דאָרטן געשפּונען און געשעפּטשעט זיינע לידער. שפּינען און מורמלען לידער איז אים מער אָנגעגאַנגען ווי זיי צו דרוקן. במשך זיין גאַנצן לעבן האָט ער באַוויזן אַרויסצוגעבן בלויז צוויי זאַמלונגען לידער: 1) „לידער", 1914, מיט אַן אַריינפֿיר פֿון דוד פּינסקי; און 2) „געזאַנגען", 1936, מיט הקדמות פֿון א. ליעסין און דוד פּינסקי. דעם גרעסטן טייל לידער זיינע האָט ער ניט צונויפֿגעזאַמלט אין בוכפֿאָרם. און גאָר אַ גרויסן טייל לידער האָט ער אַפֿילו ניט אָפּגעדרוקט. עס קען קלינגען מאָדנע, ער האָט די ניט־אָפּגעדרוקטע לידער ניט געהאַט אָנגעשריבן אויף פּאַפּיר. צווישן זיי זיינען געווען לידער ניט נאָר פֿון די לעצטע יאָרן, נאָר אַפֿילו פֿון די ניינציקער יאָרן און אָנהייב הייַנטיקן יאָרהונדערט. ער האָט די אַלע ניט־פֿאַרשריבענע לידער געקענט אויף אויסווייניק. צווישן פּאָעטן האָט ער, מן־הסתם, געהאַט דעם בעסטן זיכרון.

דער פּנקס לידער

אין די לעצטע עטלעכע יאָר פֿון זיין לעבן האָט ער זיך ווי אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף. ער האָט פּלוצעם באַגריפֿן: אַחוץ שוועבן מיט לידער אין ווייטע וועלטן, דאַרף מען זיי אויך בפּועל־ממש פֿאַר־שרייבן — פֿאַר די צוקונפֿטיקע דורות. האָט ער זיך פֿאַרשאַפֿט אַ דיק בוך און האָט דאָרטן אָנגעהויבן פֿאַרשרייבן אַלע זיינע לידער. יעדע זאַך אין זיין לעבן איז פֿאַר אים געווען אַ געשעעניש, יעדע איבער־לעבונג — אַן אָנרעגונג פֿאַר אַ ליד. האָט ער אויך פֿאַרצייכנט אַ סעריע לידער וועגן זיין „פּנקס", וואו ער האָט איינגעזאַמלט זיין גאַנץ פּאָעטיש

עשירות. און ניט קיין פּשוטע געשעעניש איז געווען פאַר אים יעדע זאַך, נאָר שטענדיק אַ „פּאָעטישע" געשעעניש, דערצו נאָך אַן „איב־טראָוורטע". ער דערציילט אין דער דאָזיקער סעריע לידער ווי אַזוי ער טראָגט אַ ווילן אין האַרצן דעם פּנקס „מיט לידער אָנצופּילן". אָבער באַלד ווערט קלאָר: ער האָט ניט געמיינט פאַרשרייבן די פון פריער שוין־געשאַפענע לידער, נאָר טאַקע דעם גאַנצן פּנקס „מיט לידער אָנצופּילן". דער דיכטער אין אים פּירט אים שטענדיק אַוועק פון קאָנקרעטע זאַכן צו פּאָעטישע:

האָב איך אַלע מיינע לידער
אין מיין פּנקס איינגעשריבן,
איז מיר מערער פון דריי פערטל
לערער פלאַץ אין אים פאַרבליבן.

האָב איך באַלד דערפילט אין האַרצן
אַזאַ ווייטיק, אַזאַ שטילן:
ווייניק צייט איז מיר פאַרבליבן
פאַרן פּנקס אָנצופּילן.

באַלד, און ס'לעבן איז פאַריבער...
איז מיר אַ געדאַנק געקומען:
— האָסט אין לעבן, ווי אין פּנקס,
אויך גאַנץ ווייניק פלאַץ פאַרנומען! —

און אין אַן אַנדער ליד פון דער דאָזיקער סעריע שרייבט ער:

איך מוז מיין פּנקס אָנפּילן
אינגאַנצן מיט געזאַנג;
דאָס איז געווען און איז ביז איצט
מיין איינציקער פאַרלאַנג.

(„מיין פּנקס", אין „געזאַנגען" ז. 28)

און אין זיין ליד „נצחוני, בני" („געזאַנגען", ז' 32) ברענגט ער אַרויס דעם געדאַנק וועגן זיינע לידער:

איך גיי מיט זיי, איך זינג מיט זיי,
ווייל אַנדערש קאָן איך ניט:
איך בין ניט זייער בורא מער,
און ווער ווי זיי — אַ ליד.

דאָס איז געווען דער תמצית פון זיין לעבן און פון זיין שאַפן. און דערמיט געהערט ער צו די גאָר ערשטע פּאַרלויפער פון די „יונגע". זיכער דער בולטסטער פּאַרלויפער זייערער. „ליד־קולט", יחידיש־קייט־קולט און חלום־קולט איז ביי אים געווען אַלץ, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

געשטאָרבן איז דער פּאָעט מאָנטיק, דעם 28סטן פעברואַר, 1938, 10 מינוט צו צוועלף אין דער פרי, אין בראָנקס האָספּיטאַל, אין עלטער פון 72 יאָר. זיין טויט איז געקומען פון אַ האַרצשלאַג און לונגען־אָנצינדונג. צו קבורה האָט מען אים געבראַכט אויפן מאָנטעפיאָרי בית־עולם פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

ערשטע לידער

אויף וויפל עס לאָזט זיך פעסטשטעלן, האָט יוסף יפה אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד בערך אין יאָר 1894, אַרום אַנדערהאַלבן יאָר נאָך עדעלשטאַטס טויט. אין יענער צייט האָט אָנגעהויבן אויפגיין יוסף באָווּשאָווערס שטערן. עס זיינען שוין דעמאָלט געווען באַקאַנט די פּאָעטן דוד גאָלדשטיין, נחום באַבאַד, יצחק זיילין, א. ל. וואָלפסאָן, י. ש. פרענאָוויץ, בנימין ראָזענבלום. באַלד נאָך זיי זיינען געקומען — נייטן לעמפערט, וויליאַם קאַיזער, יעקב מאַרינאָוו. צוזאַמען מיט די דעמאָלט שוין באַרימטע פּאָעטן ווי מאָריס ווינטשעווסקי און מאָריס ראָזענפעלד האָבן זיי אַלע געפורעמט דאָס סאָציאַלע ליד אין פאַרשיידענע נוסחאות. דאָס סאָציאַלע ליד האָט געהערשט מער ווי וואָסער־עס־איז אַנדער ליד אין דער יידישער פּאָעזיע אין די 90ער יאָרן אין אַמעריקע. און דאָס איז ניט געווען קיין צופאַל. ניט נאָר דאָס ליד איז געווען דורכגענומען מיטן סאָציאַלן מאָטיוו, נאָר דאָס גאַנצע אימיגראַנטן־לעבן איז געוואָרן סאָציאַל־באַוואוסטזיניק. ווילנדיק־ניט־ווילנדיק האָט יעדער פּראָגרעסיווער יונגערמאַן געהערט צו אָט־דעם געפיל־לעבן. און אַ נייער פּאָעט אין יענער צייט האָט זיך געמוזט אָנשטויסן טאָג־טעגלעך אויף דעם מאָטיוו פון יענער צייט — אויפן סאָציאַלן מאָטיוו. פאַר אַ מענטשן וואָס האָט געהערט צו יענער אַטמאָספערע איז געווען ממש אוממעגלעך ניט צו שרייבן קיין סאָציאַלע לידער. ערשטנס — אין יענע יאָרן איז דאָס געווען די הערשנדיקע שטימונג.

צווייטנס — אַלע, הן די אַנאַרכיסטן, הן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן,

יוסף יפה אין די מיטעלע יאָרן

האָבן באמת געגלויבט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז שוין ביי דער שוועל. ס'איז בלויז אַ פראַגע פון עטלעכע חדשים. און דאָס האָט געשאַפן דאָס אַלגעמיינע גלויבן, אַז אונטער אַזעלכע באַדינגונגען

איז פאַר יעדן „טראַכטנדיקן מענטשן" אַ מוז צו זיין ניצלעך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָס קלאַפּט שוין אין טיר. קונסט — דאָס וועט מען לאָזן אויף מאָרגן נאָך דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

דריטנס — דער געזעלשאַפטלעכער „מאָראַלישער אימפּעראַטיוו" האָט טאַקע אַלעמען געיאָגט אין דער ריכטונג פון סאָציאַלן מאָטיוו.

די פּאָעטן אין יענע יאָרן זיינען געווען גלויביקע אידעאַליסטן, און ווי אידעאַליסטן האָבן זיי אויך געגלויבט אין דעם מאָראַלישן באַרוף פון פּאָעט. אָט דער עטישער מאָמענט האָט זיי ניט דערלויבט זיך אָפּ־צוקערן פון מענטשלעכע ליידן, וואָס זיי מוזן העלפן אָפּצושאַפן. דער כלל איז געשטאַנען העכער פון יחיד, און דער יחיד האָט געקענט בלויז זיין אַ קרבן פאַרן כלל, אָבער ניט פאַרקערט.

דער קרבן־מאָטיוו האָט זיך אָפט פאַרוואַנדלט אין דעם מאַרטי־רערשאַפט־מאָטיוו. און דאָס, ווידער, האָט אַריינגעבראַכט עקזאַלטיר־טע רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק אין דער מרה־שחורה פון סאָציאַלן ליד. אַזעלכע רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישע שורות בליצן־אויף ביי עדעלשטאַטן און ראָזענבלומען, ביי באָוושאָווערן און זייליגנען. אָבער ביי זייליגנען מערקט מען שוין אַן איינבראָך אין דעם דאָזיקן עקזאַל־טירטן מאָטיוו. אַנשטאָט עקזאַלטירטע מאַרטירער־ראָמאַנטיק הערן זיך שוין ביי אים טענער פון רעזיגנאַציע. און פון רעזיגנאַציע ביז צו זיין יחידיש, ביז צו זיין פּריוואַט, איז איין טראָט. ביי זייליגנען און ביי בנימין ראָזענבלומען זיינען דאָס אָבער אַלץ געווען איבערלעבו־נגען אין די ראָמען פון סאָציאַלן מאָטיוו.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך דעמאָלט באַוויזן ווי אַ פולשטענ־דיקער יחידישער ראָמאַנטיקער און אַ פולשטענדיקער „עפּיקורייער", איז געווען דער דעמאָלטיקער אָנפאַנגער יוסף יפה. אָבער — בעת ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע אומזיכערע טריט, האָט ער אויך גע־שריבן סאָציאַלע לידער. ער האָט זיי געמוזט שרייבן. די צייט האָט דאָס געפאָדערט. זיי זיינען געווען אָדער אויסנאַמען, אָדער דאָס גע־זעצלעכע צאָלן מס זיין סביבה און צייט, אָדער גאָר פּערזענלעכע איבערלעבונגען.

ווי צופעליק עס זאָלן ניט האָבן געווען יפהס ערשטע לידער, זיינען זיי אָבער זייער וויכטיק פאַר דעם ליטעראַטור־היסטאָריקער. זיי דערציילן אונדז וועגן יחידישע קאַפּריזן פון אַן אָנפאַנגער־פּאָעט. זיי

דערציילן אויך עפּעס וועגן דער פרייקייט, ממש אַפּיקורסותן, וואָס אַ ראַדיקאַל־געשטימטער מענטש האָט זיך שוין געקענט דערלויבן בײַ־ך אין מיטן ניינציקער יאָרן.

מעגלעך, יפהס ניט באַטרעטן דעם דרך המלך פון דעם אויסשליס־לעך סאָציאַלן ליד, איז גאָרניט געווען קיין געוואָגטער שריט מצד דעם יונגן דיכטער. מעגלעך — זיין סאָציאַל באַוואוסטזיין איז ניט געווען שטאַרק אַנגעגליט אין אים, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט די ליידנשאַפטלעכע זינגער פון סאָציאַלן יושר. אַזעלכע זאַכן ווערן באַשטימט זייער אָפט דורך דעם פּאָעטס טיפן איינבליק, דורך זיין אינטעלעקטועלער רייפקייט אַרומצונעמען ברייטע סאָציאַלע קאָמ־פּלעקסן. ווי די זאַך זאָל ניט האָבן געווען — יפהס ערשטע פּערזענלעכע לידער זיינען סימפּטאָמען פאַר די אָנקומענדיקע יחידישע טענער פון די שפּעטערע פּאָעטן — יעקב אַדלער, ה. רויזענבלאַט, יואל סלאָנים א״אַ. היסטאָריש געהערן זיינע ערשטע פּריוואַטע לידער צו די ערשטע יחידישע מאָטיוון אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע. זיי געהערן צו דעם דאָזיקן אָנהייב ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער דאָזיקער מאָטיוו האָט ניט איינמאָל אויפגעבליצט ביי די סאָציאַלע פּאָעטן, וואָס זיינען געקומען פאַר אים.

יפה ווערט באמת פּראָדוקטיוו אין יענער צייט ווען פּינסקי קומט צו פאָרן קיין אַמעריקע סוף לעצטן יאָרהונדערט. ווי דערמאָנט פריער — פּינסקי ווערט דעמאָלט דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „אבענד־בלאַט״. ער דערפילט דעם אייגנאַרטיקן טאָן פון יפהס לידער און ער דערמוטיקט אים זייער שטאַרק. פון יענער צייט אָן ווערט יפהס וועג אין דער פּאָעזיע אַלץ קלערער און בולטער. אָבער יפהס נטיה צום יחידיש־פּערזענלעכן ליד מערקט זיך שוין לאַנג פאַר דעם פּינסקי־פּעריאָד. אין די ערשטע זעקס יאָר פאַר דער דאָזיקער צייט האָט יפה אָנגעשריבן און געדרוקט אַ ריי לידער, וואָס אויף זיי איז כדאי זיך אָפּשטעלן. אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט, האָט ער אין יענער צייט אָנגעשריבן אַ קימאַ־לן פון אַ זעכצן לידער. געדרוקט האָט ער מן־הסתם אפשר אַ העלפט. צווישן זיי איז שוין דאָ אַן אינדיווידואַליסטיש ליד וועגן אַ פּאָעט:

דער פּאָעט

נעמט אַלעס פון אים פאָרט
ער שווייגט און רעדט קיין וואָרט,
נאָר יענע זיסע שעה אין רו,

ווען ער נאָך אויבן שוועבט,
באַגייסטערונג דאָרט שאַפט
און זיינע פערזן וועבט —
דאָס נעמט פון אים ניט צו.

(„פרייע אַרבעטער שטימע", דעם 2־טן מערץ, 1894)

פאַראַן אויך צווישן זיי דאָס סאָציאַלע ליד:

קאָנטראַסטן

ניט קיין טאָג, ניט קיין נאַכט,
אַלץ פאַרזאָרגט און פאַרשמאַכט;
ניט ער האָפט, ניט ער שטרעבט,
ניט ער ליבט, ניט ער לעבט,
ביז צום סוף — אין זאַוואָד
פאַלט ער טויט לעבן ראָד

אי ביי טאָג, אי ביי נאַכט
זעט ער אַלץ לויטער פראַכט
און ער האָפט און ער שטרעבט,
און ער ליבט און ער לאַכט,
און צום סוף — מיין באַראָן
שפּאָרט נאָך אָפּ איין מיליאָן.

(„פרייע אַרבייטער שטימע", דעם 23־טן מערץ, 1894)

אונדז זיינען אויך באַקאַנט די געדרוקטע לידער: „כ'האָב געזוכט אַזוינס" (1894(?) „פילאַדעלפיע שטאַט־צייטונג"), „וואָלט איך וויסן" (אין בוך „לידער", ז' 68), „איך הער איר קול און ציטער אויף" (אין בוך „לידער", ז' 61), „דעם אינגלס אינגעלע" („דער נייער גייסט", נומ' 8, מאַי, 1898; שפּעטער איבערגעדרוקט אין בוך „גע־זאַנגען", ז' 154), און „ביט פרעג מיך וואָס איך טרויער" („פאָרווערטס", דעם 22סטן יאַנואַר, 1899; איבערגעדרוקט אין בוך „געזאַנגען", ז' 84).

ווי מיר האָבן דערקלערט אין אַ פריערדיק אָרט, איז זיין ערשט ליד, — „כ'האָב געזוכט אַזוינס" — געווען געדרוקט אין יאָר 1894, אין „פילאַדעלפיער שטאַט־צייטונג". נאָך אַן אַמאָליקער מיטטיילונג פון פרוי בעלאַ יפה איז דאָס ערשטע ליד יפהס געווען געדרוקט אין דער דאָזיקער צייטונג אין 1895. די דאָזיקע צייטונג איז געווען אוממעגלעך צו קריגן. יפה האָט אָבער אין 1894 אָפּגעדרוקט צוויי לידער אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע". דאָס זיינען די נאָרוואָס דערמאָנטע לי־דער „דער פּאָעט" און „קאָנטראַסטן". ווי מיר האָבן דערמאָנט, זיינען זיי געווען געדרוקט אין חודש מערץ, 1894. אויב דאָס ליד „כ'האָב געזוכט אַזוינס" איז געווען זיין ערשט ליד, איז עס געווען געדרוקט אָנהייב 1894. אָדער — פרוי יפה האָט געענוי ניט געוואוסט. זי האָט אָנגעגעבן דאָס יאָר 1895.

יפהס, מן־הסתם, ערשט ליד וועט אונדז איצט קלינגען זייער נאַאיוו. אונדז וועט זיין שווער צו באַנעמען, אַז לידער פון אַזאַ מין זיינען געווען אַ נייער אָנזאָג אין דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע. מיר מוזן אָבער געדענקען, אַז די יידישע פּאָעזיע אין אַמעריקע איז אָנהייב 90ער יאָרן געווען אַ שווערמוטיקע, אַ מרה־שחורהדיקע. זי איז אויך געווען פול מיט רוף־ און קאַמף־מאָטיוון, ממש איבערגעלאָדן מיט די דאָזיקע מאָטיוון. און אויב פּאָעטן האָבן זיך אין יענע יאָרן דערלויבט אַ ביסל פאַרגעניגן, איז עס געווען — צו שפּאָטן פון שונא מיטן סם פון סאַטירע. און דער שונא איז געווען — שטאַט, קאַפּיטאַל און זייערע אַלע משרתים.

אַט אין יענער צייט האָט יפה געשריבן זיינע לידער וועגן ליבע, וועגן יחידישע, פּריוואַט־יחידישע איבערלעבונגען, זכרונות און שטי־פּערייען. דערמיט האָט יפה אַריינגעבראַכט אין דער טויט־ערנסטער און ביטער־סאַטירישער פּאָעזיע אַ לייכטן טאָן, אַן אָפּפרישנדיק וואָרט. און דאָס ערשטע ליד יפהס, אָדער פון די ערשטע לידער זיינע, איז טאַקע געווען פון דעם דאָזיקן מין:

כ'האָב געזוכט אַזוינס

כ'האָב געזוכט אַזוינס און געפונען אויך,
ווי איך האָב געוואָלט, אַ שיין מיידעלע;
שיינען שיינט זי גאָר ווי די העלע זון,
זינגען זינגט זי פּונקט ווי אַ פייגעלע.

און איך האָב געמיינט — מיט איר שיין געזיכט
וועט זי מאַכן העל מיינע צימערן; —
און דער זיסער קול פון איר שיינעם מויל
וועט מיר הילכן זאַנפט אין די אויערן.

אָבער ניט אַזוי ווי איך האָב געטראַכט,
האָט זיך אויסגעלאָזט מיט מיר, אָרעמען;
פינצטער איז ביי מיר יעדער ווינקעלע,
הערן הער איך נאָר לידער ביטערע.

יאָ, זי איז גאַנץ שיין, מיין יונג וייבעלע,
אָבער ניט פאַר מיר, נאָר פאַר אַנדערע;
און זי זינגט גאַנץ זיס ליבע לידעלעך,
אָבער ניט פאַר מיר, נאָר פאַר פרעמדע לייט.

אַט אין דעם ליד פון אַן אָנפאַנגער קען מען שוין באַמערקן גע־וויסע אייגנשאַפטן פון דעם שפּעטערדיקן רייפן פּאָעט. מען דערפילט גלייך זיין אויפריכטיקן, לייכטן פאָלקסטאָן, זיין שטילן טרויער און אײדעלן הומאָר. און דער מאָטיוו אַליין — ליבע — איז איינער פון די הויפּט־טעמעס אין זיין שפּעטערדיקער פּאָעזיע. אָבער דאָס וויכטיק־סטע דאָ איז דער „איך״־מאָטיוו, וואָס איז מיט אַן ערך 15 יאָר שפּעטער געוואָרן דער יסוד פון דער נייער יידישער פּאָעזיע, פון די „יונגע״.

ס'איז כדאַי צו באַמערקן: צווישן די ערשטע 16 לידער פון דעם אָנהייב־פּעריאָד אין זיין שאַפן געפינען זיך גאַנצע אַכט לידער אויף דער טעמע „ליבע״. צווישן די זיבן געדרוקטן לידער פון יענע יאָרן זיינען פיר אויף דער טעמע „ליבע״, און בלויז צוויי לידער אויף דער טעמע אָרעמקייט. צווישן די לידער, וואָס ער האָט, מן־הסתם, אַליין פאַרבראַקירט, ד״ה צווישן די ניט־געדרוקטע לידער, געפינען זיך מיינסטע לידער, וואָס די צייט, די סביבה און די דעמאָלטיקע אַלגע־מיינע אַטמאָספערע האָבן עס אין אים אַרויסגערופן. דאָס זיינען אַלץ געזעלשאַפטלעכע לידער, לידער פון לעבן־שטייגער און אַלגעמיינע מאָטיוון.

אין דעם דאָזיקן דערמאָנטן בינטל לידער זיינען פאַראַן צוויי בולט סאָציאַלע לידער. איז איינע פון זיי, „צוויי תפילות״, דאָס ערשטע סאָ־ציאַלע ליד זיינע. אָבער דאָס ליד איז ניט אינגאַנצן ציל־באַוואוסט נאָכן נוסח נאָך פון דער סאָציאַלער פּאָעזיע אין יענער צייט. ער האָט געשריבן דעם סוף פון דעם דאָזיקן ליד אין האַלב־שפּאַס, איראָניש אָדער סאַרקאַסטיש. דאָך האָט דאָס ליד ניט אויסגעדריקט יענעם סאָציאַלן באַוואוסטזיין, וואָס מיט דעם איז געווען דורכגענומען די גאַנצע סאָציאַלע יידישע ליטעראַטור. בלויז אַ באַלעבאַטישער בליק אויף דער סאָציאַלער פּראָבלעם האָט געקענט אַרויסרופן אַזעלכע שורות:

דער גזר קומט דירעקט פון דעם הימל,
דערצו איז קיין תרופה פאַראַן;
עס ווערט אימער רייכער דער רייכער,
און אָרעמער דער אָרעמאַן.

מחמת דעם ליטעראַטור־היסטאָרישן ווערט פון דעם ליד גיבן מיר דאָ איבער דאָס ליד בשלמות:

צווי תפילות

אין הימלביים בית־דין של מעלה
איז איצטער אַ מישענעס גאָר,
ס'צאַנקען אַרום די מלאכים
פאַר מענטשישע תפילות אַ פּאָר.

די ערשטע, זי איז דאָ געקומען
צו שוועבן פון אונטערשטער וועלט,
פון איינעם וואָס האַנדלט מיט תבואות
און האָט אויף פערצענט נאָך פיל געלט.

ער בעט זיך: רבונו של עולם,
אַזוי ווי דו ווייסט דאָך אַליין,
אַז קוים צעשטערסטו דעם יקרות
דאַן בלייבן די תבואות מיר שטיין.

און איך האָב געקויפט און געזאַמלט,
אַריינגעלייגט מיין קאַפּיטאַל,
און שיקסטו אַ רעגן דאַן ווער איך
אַ קבצן מיט אַלע עגאַל.

דעריבער, אַ טאַטע געטרייער,
פאַר דיר איז דאָך אַלץ איינערליי,
ניט שיק דאָך קיין רעגן, געטרייער,
האַלט אָפּ אויף אַ וואָך אָדער צוויי.

די צווייטע, זי קומט פון אַן אָרימען,
וואָס דינט ביי דעם רייכן פאַר ברויט,
און אַרבייט אי ערלעך אי שווערלעך
און קען ניט פאַרטרייבן די נויט.

ער בעט זיך: רבונו של עולם,
דו זעסט דאָך, דו ווייסט דאָך אַליין
ווי מוראדיק גרויס איז דער יקרות,
דערצו די פרנסה ווי קליין.

עס קרענקען פון הונגער די קינדער,
קיין פּלאַץ מער ניטאָ אויף דער וועלט,

פאַרטריקנטע שטייען די לאָנקעס,
פאַרברענטע די תבואות פון פעלד.

אָ, עפן די קוואַלן פון רעגן,
טרינק אָן די פאַרפּילוועטע ערד,
ס׳זאָלן געדייען די זאַנגען,
דער יקרות זאָל ווערן צעשטערט.

פאַרמשכונט איז אַלעס פון שטוב שוין,
עס שטאַרצן נאָרליידיקע ווענט,
פאַרטריקנטע שטייען די לאָנקעס,
די תבואות פאַרדאַרט און פאַרברענט.

נו, זייִנען די בית־דין מבולבל
און ווייסן ניט מער וואָס צו טאָן,
און איינער קוקט אָנעט דעם צווייטן
פונקט ווי אין בני־אָדם דער האָן.

און טאַקע וואָס זאָל מען דאָ מאַכן ?
זיי טענהן ביידע ניט שלעכט.
און וועמען, אַדרבא, וועמען
זאָלן זיי געבן דאָ רעכט ?

עס שושקען זיך די דיינים,
און איינער גיט שטרענג זיך אַ שטעל,
און רופט די מלאכים צוזאַמען,
און גיט זיי אַרויס אַ באַפעל : —

„אין נאָמען פון בית־דין של מעלה
לאָזט שנעל אייך אַראָפּ אויף דער ערד
צו זען ווער געטאָן האָט מער גוטעס,
און יענער וועט ווערן דערהערט”.

ס׳פליען אויף גיך די מלאכים
פון דיינס אַלמעכטיקן בליק,
זיי לאָזן אַראָפּ זיך נאָך אונטן
און קומען צופליען צוריק.

עס ווערט אַזאַ רעש, אַ געפּילדער,
עס רוישט אַזאַ ווילדער געשריי,
עס דוכט זיך אָט־אָט און עס שפּאַלט זיך
דער זיבעטער הימל אין צוויי.

עס הילכט : — אַז ער, ער נאַר, דער גביר,
ער העלפט דאָך דעם עולם אין נויט,
ער האָט דאָך אין שטאָט דעם הקדש,
די שול און די בעדל געבויט !

„אַ קלייניקייט עפּעס זיין גוטסקייט,
צי איז דאָס דען טאַקע אַ שפּאַס ?
ווען ניט ער, דאַן וואָלטן געלעגן
די קראַנקע פאַרשמאַכט אויפן גאַס.

עס הערט זיך אַ שוואַכינקער קוֹלכל :
„רבותי, וואָס איז אייך געשען ?
ווען עס וואָלט ניט געוועזן קיין הונגער,
דאַן וואָלטן קיין קראַנקע געוועזן !”

„מען וואָלט געהאַרפט קיין הקדשים,
ווען ס'וואָלט ניט געוועזן קיין נויט,
די שולכלעך, די בעדלעך און אַלעס —
דאָס וואָלט דאַן דער עולם געבויט !”

דאָך גיי־זשע און רייד דיר צוזאַמען,
מען ווערט פון געטומל אַזש דול.
עס הילכט נאָר : אַ שולכל, אַ הקדש,
אַ הקדש, אַ בעדל, אַ שול !

אומזיסט, ס'וויל דאָס שוואַכינקע קולכל
ניט ווערן אַ רגע פאַרשטילט
און דאָס מען זאָל אים דערהערן —
דער אָרימער מאַן האָט פאַרשפּילט !

אָ, וואָלט איך אַ דיין געוועזן !
איך וויים, ווענען איך וואָלט דערהערט,

האָך פּסקענען שטענדיק די בית־דין
אי אויבן אי אונטן פאַרקערט!

דער גזר קומט דירעקט פון דעם הימל,
דערצו איז קיין תרופה פאַראַן,
עס ווערט אימער רייכער דער רייכער,
און אָרימער דער אָרימאַן.

אַ צווייט סאָציאַל ליד, וואָס יפהּ האָט געשריבן אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, איז „הוליע קבצן״. דאָס ליד געהערט צו די יאָרן 1897־1898. געשריבן איז עס אין פאָרם פון אַ פּאָליטישן אָדער גע־זעלשאַפטלעכן פעלעטאָן. בשעתו האָט דעם דאָזיקן זשאַנער קולטי־ווירט דער יונג־פאַרשטאַרבענער, זייער טאַלאַנטירטער פּאָליטישער פּאָעט נייטן לעמפּערט. דאָס ליד גופא איז טאַקע ניט כאַראַקטעריס־טיש פאַר יפהס ליריק, הגם יפהס איראָנישער טאָן געוועלטיקט אין דעם ליד. פאַר אונדז איז עס אָבער באַלערנדיק: עס ווייזט אונדז יפהס איראָניע. שפּעטער ווערט ביי אים די איראָניע אַלץ מער ראַפי־נירט. דאָס ליד באַטאָנט אויך דעם זשאַנער — די הומאָריסטישע און סאַטירישע לידער אין די 90ער יאָרן. פון זיי האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט הן די פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע סאַטירע, הן די באַלאַגאַן־פּאָעזיע, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט פעלעטאָן־פּאָעזיע. דאָס יחידישע ליד איז טאַקע געווען יפהס עלעמענט. אָבער ווי יעדער דיכטער פון זיין צייט האָט ער געצאָלט צינז. אַגב, דער פעלעטאָן־סטיל קומט־אויף, צומאָל, אויך שפּעטער אין יפהס רייפערע לידער. לאָמיר ציטירן דאָ דאָס ליד „הוליע קבצן״:

הוליע קבצן

(ויהי היום און עס איז געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט. האָט דער רייכער גוגענהיימער געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז דאָס שפּייז וואָס בלייבט פון די רייכע טישן זאָל מען אַריינוואַרפן אין ריינע „באַרלס״ (פעסלעך), און די אָרעמע אַרבעטסלאָזע זאָלן קומען און דאָס אויפעסן).

הוליע, קבצן, מיסט איז ביליק,
לופט און וואַסער קאָסט קיין געלט,
מענטשן רייכע, פילאַנטראָפּן
זיינען פיל דאָ אויף דער וועלט!

וואַרף אַוועק די אַלטע זאָרגן
וועגן אַרבעט, וועגן ברויט:
גוגנהיימער איז דיין טאַטע
און אַ סוף איז צו דיין נויט.

דאַרפסט ניט מער קיין ברעקלעך קלייבן,
בעטלען וואַרפסטו אויך ניט מער:
גוטע שפּייזן וועסטו קריגן
גלייך מיט יעדן מיליאָנער.

נייע באַרלס, פרישע עסן
אָקאָרשט פון דעם רייכנס טיש:
אַ מחיה פראַסט דער ריח,
עס, און זיי געזונט און פריש!

ווי אַ ווינטשפינגערל וועט דאָך
יעדע באַרל זיין פאַר זיך:
וואָס דו ווילסט נאָר פאַראַ מאַכל
וועסטו קריגן דאָרט אויף גיך:

אינדיק־בראָטן און אויסטריצע,
מאַרצעפּאַנעס זיכער אויך,
פּודינג, פרוכטן און קאָנפעקטן,
דורכגעמישט מיט פעטן יויך.

קוק ניט וואָס עס אויסזעט מיסטיק,
שמעקן אָבער שמעקט עס רייך,
לאַנגע יאָר די פילאַנטראָפּן,
אַלע מוזן לעבן גלייך!

און דאָס אַלץ אַ דאַנק דיין טאַטן
קענסטו קריגן אָן אַ סענט,
שנעלער, חברה, צו די באַרלס
מיט די לעפל אין די הענט!

(1897)

יפהס אַנדערע ניט־געדרוקטע לידער פון די 90ער יאָרן זיינען בסך־הכל דריי אין צאָל. איינס איז אַ ליד פון שטעטלשן שטייגער־לעבן:

פראַנצע דער שבת־גוי

ניט קיין ווייב און ניט קיין קינד,
ניט קיין שטאַל און ניט קיין רינד,
צייט מען קען אים אָן אַ היים,
און אין קעשענע קיין פיים,
דרייסיק יאָר אַלט אומגעפער,
פראַנצע איז ער און ניט מער.

שבת איילט ער אין דער פרי,
טראָגט די צעבערס פאַר די קי;
נעמט די לייכטערס צו פון טיש,
קריגט דערפאַר אַ שטיקל פיש,
קריגט אַ טעלער קאַלטן יויך
און אַ מוצאי חלה אויך.

אומעטום איז פראַנצע פול:
סיי אין שענק און סיי אין שול,
יידיש רעדט ער ווי אַ ייד,
שפרינגט מען קדוש, שפרינגט ער מיט.
גיט אַ שנעפסל אים און בעט,
וועט ער זינגען אייך על חטא.

קומט אַ חזן פון דער ווייט,
פראַנצע גייט אין שול פאַרשמייט,
און אַ גאַנצע רונדע וואָך
זינגט ער אַלץ דעם חזן נאָך;
יעדעס פיצל מיטן קנאַק,
און זיין זינגען האָט געשמאַק.

גויים זאָגן — אַנדערס ניט,
פראַנצע איז געוויס אַ ייד.
און די ייִנגלעך מאַכן שפּאַס,
כאַפּן פראַנצען אויפן גאַס,
און זיי זינגען: אַי, אַי, אַי,
זשידע פראַנצע ביסט אַ גוי!

און אין שטעטל אין סאלאנט
איז דאָס פראַנצע גוט באַקאַנט;
און אין געגנט ווייט אַרום
קען מען פראַנצען אומעטום,
דאָך פון וואַנעט איז ער דאָ,
אָט דער תירוץ איז ניטאָ.

און דער עולם האָט אַ חשד,
דאָס פון יידישן סאָלדאַט
מיט דער שיקסע אויפן פעלד
שטאַמט עס פראַנצע אויף דער וועלט.
אָבער וויסן איז דאָס שווער,
פראַנצע איז ער און ניט מער.

צו יפהס גאָר ערשטע פּרואוון געהערט דאָס ליד, וואָס האָט אַ שייכות מיט לעבנס־באַטראַכטונגען:

ניין, ניט דער איז טויט אינגאַנצן

ניין, ניט דער איז טויט אינגאַנצן,
ווער עס לאָזט נאָך זיך אַ דור,
ווען אויך ניט קיין זייער גרויסן,
כאָטש איין אייניציק צווייגל נאָר.

און זאָגאַר עס וויסט אַיעדער —
קוים דעקט וועמען צו די ערד,
האָט ער מער שוין קיין פאַרלאַנגען,
נאָר ער רוט דאָרט אומגעשטערט.

אָבער האַלט זיך די נשמה,
וואָלט אַ יעדערער געוועלט
דאָס אַ זכר פון זיין לעבן
זאָל פאַרבלייבן אויף דער וועלט.

זייער אָפט אין אַ פאַמיליע,
צי אין פריידן צי אין לייד,
פון אַ טויטן עלטער־זיידן
ווערט אַמאָל אויך אַ גערייד.

און זאָגאַר אויף יענעמס קבר
איז פאַרשימלט לאַנג דער שטיין
און קיין סימן איז פאַרבליבן
אין דעם קבר פון געביין.

אָבער אין דער זעלבער ווילדע
ווערט ער עפּעס ווי באַלעבט
און איבער אַלטן טיפן קבר
דאָך אַ פונק פון לעבן שוועבט.

לאָזט מען אָבער קיינעם איבער —
צי אין וואוילטיק, צי אין נויט,
טויט איז יענער פאַר זיין לעבן
און בפרט נאָך נאָכן טויט.

דאָס דאָזיקע פשוטע, נאַאיווע ליד דערמאָנט אונדז אין יענע לידער, וואָס זישאָ לאַנדוי האָט אימפּרעסיאָניסטיש קולטיווירט מיט יאָרן שפּעטער.

און אָט איז אַ טיפּיש טרערן־ליד, אָבער אויך אַ יחידישס. דאָס איז ניט קיין טרערן־ליד אין די ראַמען פון אַ סאָציאַלן מאָטיוו:

די פּערל די טרערן

אַוועק איז מיין אוצר,
איך האָב אים ניט מער.
געקאָנטשעט די פּערל,
ניטאָ מער קיין טרער.

אין פריידן, אין ליידן,
בייטאָג און ביינאַכט,
האָב איך מיט די טרערן
גאַנץ איינזאַם פאַרבראַכט.

איך האָב אויף מיין לעבן
געליטן ביז זאַט,
דאָך האָב איך אַן אוצר
פול פּערל געהאַט,

אַ צו־גרויסע שמחה,
אַ צו־גרויסער ווי, —
נישקשה, איך הייל עס
מיט פּערלעך צוויי.

וואָס האָט מיר ערלייכטערט
אַלץ וואָס פלעגט געשען;
די פּערל דאָס זיינען
די טרערן געווען.

פיל מאָל פלעג איך פילן
אַ ווייטיק, אַ שמערץ,
עס פלעגט זיך מיר דוכטן
עס פּלאַצט מיר דאָס הערץ...

דאָך פלוצלונג דער אוצר —
ער עפנט זיך אויף;
עס שטייגן נאָך אויבן
צוויי פערל אַרויף.

עס ווערן די אויגן
פון טרערן מיר פייכט; —
און ווידער שוין לוסטיק,
און ווידער שוין לייכט!

אָט־די נאַאיווע גאָר־ערשטע שאַפונגען זיינען די ערשטע טריט פון אַן אָנפאַנגער אין דער ראַם פון יפהס צייט און סביבה. אָבער זיינע אינדיווידועלע טענער האָט ער אַרויסגעבראַכט אין זיינע ליבע־לידער. מיט דער צאָל ערשטע לידער אויף אָט־דער טעמע באַטאָנט ער דעם דאָזיקן מאָטיוו. נאָך בולטער זעט מען עס אינעם אופן ווי אַזוי ער שרייבט אומבאַוואוסטזיניק זיינע ליבע־לידער.

ליבע-לידער אָן דער סאָציאַלער ראַם

אַ שטיק ליטעראַטור־געשיכטע ווערט קלאָר, ווען מען קוקט זיך צו, ווי אַזוי דער מאָטיוו „ליבע" האָט אויסגעזען ביי אַנדערע פּאָעטן אין יענער צייט. אַנדערע אינטעלעקטועלע אינטערעסן זאָגן עדות וועגן דעם מהות פון פאַרשיידענע פּאָעטן. עדות זאָגט אויך זייער עמאָציאָנעל לעבן, וואָס אָטעמט אין זייערע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן אָדער אין זייערע יחידישע פּריוואַטקייטן.

מיר האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט יפהס ערשטע לידער מחמת דעם, וואָס זיי זיינען דער אויסדרוק פון אַן אָנפאַנגער. ער איז דעמאָלט לחלוטין ניט געווען באַוואוסטזיניק וועגן זיין דרך און זיינע בייגונגען. די אַנדערשדיקייט אין זיינע ערשטע לידער וואָלט מען געקענט דער־קלערן ווי קאַפּריזן און צופאַלן פון אַ יחיד. אָבער צו יענער צייט האָט זיך שוין דער יחידישער עלעמענט אין ליד געהאַלטן אין איין אי־בערגיין פון זיין סאָציאַלער אַטמאָספער אין אַ פּריוואַט־יחידישער. דער דאָזיקער עלעמענט האָט ניט איינמאָל אויפגעטויכט אין די 90ער יאָרן. שפּעטער האָבן אים וואַריאירט טאַקע יוסף יפה אַליין, און יעקב אַדלער, ה. רויזענבלאַט און אַנדערע, וואָס זיינען געקומען מיט זיי און נאָך זיי.

צום בולטסטן אָבער זעט מען די שיידליניע צווישן דעם געזעל־שאַפטלעכן און פּריוואַטן באַנעם טאַקע אין יפהס ליבע־לידער. און דווקא — אין די ערשטע לידער אויף דער דאָזיקער טעמע. זייער בולטקייט טרעט אַרויס שאַרף ווי נאָר מען פאַרגלייכט זיי מיט די לידער אויף דער זעלביקער טעמע ביי אַנדערע דעמאָלטיקע פּאָעטן.

עס איז אמת, קיין סך ליבע־לידער האָבן די סאָציאַלע פּאָעטן אין די 80ער און 90ער יאָרן ניט געשריבן. די אַלץ אַרומנעמענדיקע טעמע איז געווען — דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן. דאָס אַליין אונטערשיידט זיי פון יפהן, וואָס האָט אַפילו אין די אָנפאַנגער־יאָרן על־פּי־רוב געשריבן ליבע־לידער. אָבער נאָך מער צעשיידט זיי דער אופן, ווי אַזוי זיי האָבן אויסגעדריקט איין און דעם זעלבן מאָטיוו.

ביי דוד עדעלשטאַטן איז פאַראַן „אַ ראָמאַנס", גענומען פון רוסיש. אין דעם דאָזיקן „ראָמאַנס" דריקט עדעלשטאַט אויס דעם גאַנצן באַנעם פון אַ רעוואָלוציאָנער, פון אַ מאַרטירער, פון אַ שטאַרבנדיקן פּאָעט, וואָס פאַרגייט אין זיין „לעצטער שטונדע" אינגאַנצן אַ פאַרגעסענער. דער מאָטיוו פון דעם „ראָמאַנס" דערמאָנט — דערהויפּט אין דער צווייטער העלפט — דעם באַרימטן רוסישן ראָמאַנס „גליאַדיאַ נאַ לוטש פּורפּורנאַוואָ זאַקאַטאַ", וואָס געהערט צו דעם פּאָעט פּ. אַ. קאָזלאָווס פּען. דאָס וואָס עדעלשטאַט האָט „אַנטנומען" ביי אַנדערע פּאָעטן, דאָס האָט ער אַרויסגענומען פון דער לאָקאַלער אומגעבונג. ער האָט עס אַרויסגענומען, למשל, פון אַ יחידישן געדאַנק. אָדער ער האָט עס דערהייבן צו אַן אוניווערסאַלער אָדער סימבאָלישער הייך. אָדער — ער האָט לכתחילה אַריינגעוועבט אין זיי זיינען אייגענע סימבאָלן.

Глядя на луч пурпурного заката
Стояли мы на берегу Невы,
Вы руку жали мне. Промчался без возврата
Тот сладкий миг. Его забыли вы.

(קוקנדיק אויפן שטראַל פון פּורפּור־זונפאַרגאַנג, געשטאַנען זיינען מיר ביי דעם ניעוואַ־ברעג, געדריקט האָט איר מיין האַנט. אַהורך איז אַן צוריקקער די זיסע רגע. פאַרגעסן האָט איר זי.)

אַזוי האָט געשריבן קאָזלאָוו. עדעלשטאַט הייבט אָן דעם ראָמאַנס אָן דער לאָקאַלער האַנדלונגביים טייך ניעוואַ אין אַלטן פּעטערבורג. ער דערמאָנט אַפילו ניט די ניעוואַ. און דערמיט ווערט דער אָנהייב פון ליד אוניווערסאַלער, סימבאָלישער. לאָמיר ציטירן דאָס גאַנצע ליד:

אַ ראָמאַנס

די בלויע וועלן האָבן זאַפט געמורמלט,
דער בלאַסער מאָנד געלויכט האָט העל און שיין;

געקלאַפּט האָט שטיל דיין האַרץ, געטוליעט צו מיין האַרצן, —
אַך, יענע נאַכט ! פאַרגעסן האָסטו זי שוין!

דו האָסט געשוואָרן דעם דיכטער טרייע ליבע,
דאָך דער פרומער נאַרישער המון
האָט דיך געשראָקן, און דו האָסט דיין ליבעס,
דיין יונגעס האַרץ פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין.

און איצט איז שוין ניט ווייט מיין לעצטע שטונדע,
צום לעצטן מאָל וועט דיר דעם דיכטערס שטים
זינגען שטיל... ער האָט מיט דיר געאָטעמט,
געליבט נאָר דיך — דו האָסט פאַרגעסן אים.

ווי געזאָגט, עדעלשטאַט האָט ניט איינמאָל צוגעאייגנט און איבערגעדיכט אַזעלכע לידער און מאָטיוון פון אַנדערע פּאָעטן, וואָס זיינען געווען אויך דער טיפסטער אויסדרוק פון זיינע אייגענע איבערלעבונגען, פון זיין אייגענעם וועלט־באַנעם. אויך אין דעם דאָזיקן „ראָמאַנס" איז ער אַ סימבאָל, דער ניט־אַנערקענטער, דער פאַרלאָזענער מאַרטירער. און דער מאַרטירער איז ביים ראַנד פון דער „לעצטער שטונדע", אַ קרבן פון דעם „פרומען, נאַרישן המון". ער גייט אונטער מיט זיין ליד צום לעצטן מאָל, געווענדט צו זיין אידעאַל...

דער הינטערגרונט איז דאָ ביי עדעלשטאַטן ניט קיין בולט־געזעלשאַפטלעכער. זיינען אָבער די סימבאָלן אין דעם ליד דער אויסדרוק פון אַ סאָציאַלער אָנגעהעריקייט: „דו האָסט געשוואָרן דעם דיכטער טרייע ליבע, דאָך דער פרומער, נאַרישער המון האָט דיך געשראָקן..." דער דיכטער איז ביי עדעלשטאַטן — דער רופער און צוגלייך דער קרבן, די „טראַכטנדיקע פערזענלעכקייט", וואָס ליידט פאַר דער אונטערדריקטער מענטשהייט. ער איז אויך איר קרבן...

ביי באָוושאָווערן זיינען שוין פאַראַן עטלעכע ליבע־לידער, וואו עס פילט זיך דער אָטעם פון נאַאיוון פאָלקסליד און פון סענטימענטאַלן היינע. באָוושאָווער איז שוין געווען מער אינדיווידואַליסט ווי עדעלשטאַט. ער איז געווען ווייניקער קלאַסן־באַוואוסטזיניק, — בעסער געזאָגט, קלאַסן־באַוואוסטזיניק אויסגעהאַלטן. ער איז געווען מער באַהעמער פון עדעלשטאַטן. ער איז געווען מער פאַרליבט אין קונסט ווי אין אַ געטלעכער אַנטפּלעקונג, איידער אין קונסט ווי אַ געזעלשאַפטלעך געווער. וואָס ווייטער אַוועק פון די 90ער יאָרן אַלץ מער

האָט זיך דער סאָציאַלער מאָטיוו אָנגעהויבן פאַרגינען געוויסע אָפּנייגן. און באָוושאָווער האָט אָנגעהויבן שרייבן 5־6 יאָר נאָך עדעלשטאַטן און זיין זון איז אויפגעגאַנגען ווען עדעלשטאַטס זון איז אונטערגעגאַנגען.

ביי באָוושאָווערן טרעפן מיר דאָס ליד „די מיידלס ליבע־ליד״:

אַ בלימעלע בליט אין וואַלד אַליין,
פון דער וועלט באַהאַלטן.
בלימעלע, בלימעלע, בלימעלע שיין,
ווער וועט דיך נאָך האַלטן?

ער דערציילט ווי אַזוי זי שוועבט „איבער די בערג ווי אַ רויך״ בעת „זיס דופטן די קאָרן־בלומען״. ער דערציילט ווי אַזוי זי זיצט דעם גאַנצן טאָג און וואַרט „ווען וועט מיין געליבטער אויך, צו מיר אַמאָל שוין קומען״. און דער געליבטער האָט זי ווידער אָפּגענאַרט „און אַך, איך בענק און בענק אַליין״...

דער דאָזיקער מאָטיוו, ווי ער ווערט אויסגעדריקט דאָ, ווי אויך אין די „לוסט־לידער״, איז אָבער ניט כאַראַקטעריסטיש פאַר באָוושאָווערן. פאַר אים איז מער כאַראַקטעריסטיש דער ליבע־מאָטיוו אין אַן אַלעגאָרישן, אין אַן אוניווערסאַלן זינען:

אָ, לאָז מיך, נאַטור, מיין געליבטע, מיין זיסע,
באַרעק, אָ, דיין הימלישע ברוסט!
דיין אָטעם דיין הויך, איז פאַר מיר איצט אַ תפיסה!
איך טאָר ניט פאַרזינקען אין לוסט!

(„מיין לוסט״)

אָדער:

איך טרעף דיך אימער זיצנדיק
אין שוואַרצן אָנגעטאָן,
דיין אויג, פון מיטלייד בליצנדיק,
זי גלייכט אַ שוואַרצע זאָן.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

דו זינגסט מיר שטיל, מיין טייערע,
אַ טרויער־ליד אָן סוף,
און זינגסטו ווען אַ נייערע —
זי הער איך ווייט... איך שלאָף...

איך האָב קיין פריינד, קיין גרעסערע,
ווי דו, איך גויס אין פיין,
קיין טרייסטערין קיין בעסערע,
אַ, מעלאַנכאָליע מיין!... („מיין פריינדין")

יוסף יפהס ליבעס־לידער פון זיין ערשטן פעריאָד זיינען לחלוטין אויסגעטיילט פון דער סאָציאַלער ראַם. אַ מאַרטירער־סימבאָל אָדער אַ יחיד ווי אַן אַלעגאָריע ווערט ביי אים אַ פריוואַטער יחיד. דאָס איז אַ יחיד וואָס איז פאַרנומען בלויז מיט פערזענלעכע איבערלעבונגען. זיין טעמע איז אַן סאָציאַלער מאָטיווירונג. אַזוי איז יפהס ליד, וואָס מיר האָבן פריער ציטירט („כ'האָב געזוכט אַזוינס"). דער פּאָעט גיט איבער ווי אַזוי זיין ליבע האָט זיך אויסגעלאָזט גאָר ניט אַזוי ווי ער האָט געטראַכט: „יאָ, זי איז גאַנץ שיין, מיין יונג ווייבעלע, אָבער ניט פאַר מיר, נאָר פאַר אַנדערע". אין ליד „וואָלט איך וויסן" („לידער", ז' 68) גיט ער איבער, אַז ער וואָלט מונטער און גליקלעך געווען ווען ער זאָל וויסן, אַז זיין אָלגאַ ליבע זיצט ביי זיין קראַנקן־בעט ניט פון רחמנות וועגן, „ניט נאָר גלאַט אויס מענטשן־פליכט". און ער ענדיקט:

דאָך דו ביסט ביי מיר דערוויילע,
זאָל דאָס זיין פון וואָס עס וויל,
בלייב דאָך לענגער, נאָך אַ ווײַלע,
ביז איך בלייב אויף אייביק שטיל —
אָלגאַ ליבע, אָלגאַ מיין,
רואיק וועל איך דאַן נאָר זיין.

אין ליד „אַ בחור איז בערל אַ יונגער" דערציילט דער פּאָעט וועגן אַ פריילעכן יונג „דערצו נאָך אַן אמתער כוואַט", וואָס „לאַכט ווען ס'דורכלעכערט אַ קויל אים זיין היטעלע", און דאָך — „זעט, ווי עס הענגען די הענט זיינע אייזערנע, די פיס זיינע לייכטע ווי שווער". און די סיבה דערפון איז: „אַ, מיידלשע אויגן, איר טיפע טונקעלע, איר זייט דאָך דאָס שאַרפסטע געווער".

אין אַן אַנדער ליד „אומגעדולדיק" דערציילט ער ווי אַזוי „דעם יונגן דיכטערס ווייבל" זיצט אין צימער „און זי וואַרט דאַרטן אויף איר מאַן", און „לאַנג איז שוין די זון פאַרגאַנגען, און די שטערנדלעך אין הימל הייבן אָן זיך צו באַווייזן, — ער, דער מאַן, איז נאָך ניטאָ".

ענלעך אין דער טעמאַטיק — ליבע־צער — איז דאָס ליד „ניט פרעג מיך, וואָס איך טרויער". דער פּאָעט דערציילט ווי אַזוי ער האָט

אויף איין מאָל פאַרלאָרן זיינע צוויי פריינד: זיין ליבסטע און זיין חבר, „מיט וועלכן מיין געטרייע גייט צו דער חופּה היינט". דאָס דאָזיקע ליד האָט יפה אָנגעשריבן אין יאָר 1899; עס איז איבערגעדרוקט אין בוך „געזאַנגען", ז' 84.

נאָך יחידישער — אינגאַנצן דערווייטערט פון כלומרשט אָביעק־טיווער טעמאַטיק — איז דאָס ליד:

איך הער איר קול און ציטער אויף,
זי רופט ניט מיך, און דאָך איך לויף,
און קוק און הער געשפּאַנט מיך צו —
אַוועק מיין רו.

אָט קומט זי נאָענט, איך שטראַל פאַר גליק,
דאָך ווי, זי שענקט מיר ניט קיין בליק.
איך קוק איר נאָך מיט שטאָלצן שמאַרץ —
עס ברעכט מיין האַרץ. („לידער", ז' 61)

בלויז אין איין ליד פון יענער עפּאָכע, געשריבן אין יאָר 1896, קען מען דערהערן ווערטער וועגן דיליידן פון „אונדזער מענטשן־געשלעכט", אַז „אונדזער אַלטע (וועלט) איז גיפטיק און שלעכט". אָבער די תרופה צו דעם אַלעם געפינט ער אין אַנטרינען פון דער דאָזיקער וועלט. דאָס איז אַ מאָטיוו, וואָס מען האָט אין מיטן די 90ער יאָרן פאַררעכנט פאַר אַ שטאַרקן אָפּנייג, פאַר פּחדנות און פאַר אַן אינדיווידואַליסטישן, — שיר־ניט עגאָאיסטישן — חטא.

גיט מיר די שענסטע פון ערדישע פרויען

גיט מיר די שענסטע פון ערדישע פרויען,
גיט מיר צוויי מעכטיקע פליגל געשווינד;
כ'וועל מיך דערהייבן צום הימל דעם בלויען,
כ'וועל גלייך פאַרשווינדן גאַנץ שנעל ווי אַ ווינט.
כ'וועל מיט מיין ליבסטער זיך טראָגן און שוועבן
ביז איך וועל טרעפן אַ רואיקן אָרט: —
דאָרט וואו עס הויכט נאָך קיין אָטעם פון לעבן,
דאָרט וואו עס שטומט נאָך דאָס מענטשלעכע וואָרט.
איך וועל מיינע ליידן דעם הימל פאַרטרויען
און אַלץ וואָס עס קוועלט אונדזער מענטשן געשלעכט; —
און וועל מיט מיין ליבסטער אַ נייע וועלט בויען,
ווייל אונדזער אַלטע איז גיפטיק און שלעכט. (1896)

פאַרלויפער פון די „יונגע"

פאַר אַן אָנפאַנגער־דיכטער, מיט אַ יחוסדיק־באַלעבאַטישן הינטער־גרונט און אַן ברייטע אינטעלעקטועלע אינטערעסן, האָט קיין אַנדער זאַך ניט געקענט גילטן אַזוי שטאַרק ווי דאָס אייגענע וועלטל. צענטרירט אין זיך אַליין, — איז דער יחידישער מאָטיוו געווען פאַר אים ווי אַנ־געמאָסטן. און צו וואָס פאַר אַ טעמאַטיק ער האָט זיך געהאַט צוגערירט, האָט ער זי געמוזט באַהאַנדלען אינגאַנצן יחידיש. אין די ערשטע יאָרן האָט דאָס אין יפהן געלעבט אומבאַוואוסטזיניק. שפּעטער איז עס פאַר אים אַליין געוואָרן קלאָר. דאָס איז געווען, ווען זיין שרייבן האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען אויף אַ ברייטן אופן. און דאָס איז פאָר־געקומען ווען פינסקי האָט פאַר אים געעפנט טיר־און־טויער אין די צייטונגען, וואו ער, פינסקי, איז געווען דער ליטעראַרישער רעדאַק־טאָר. ניט נאָר קלאָר איז יפהן געוואָרן זיין פּאָעטישער וועג. ער האָט אָנגעהויבן דערקלערן, ראַציאָנאַליזירן דעם דרך גופא. מיר ראַציאָ־נאַליזירן דאָך תמיד דאָס, וואָס קומט־אויף אין אונדז אינסטינקטיוו, און דאָס וואָס מיר ווילן באַרעכטיקן.

אין זיין אַריינפיר־וואָרט צו יפהס בוך „לידער", 1914, דערקלערט פינסקי יפהס עיקרדיקן כאַראַקטער־שטריך. דאָס איז — יפהס זעלבסט־צענטרישקייט. פון דעם שטאַמט טאַקע זיין יחידישקייט. גערעכט איז פינסקי מיט זיין דערקלערן יפהס אָרט צווישן די געזעלשאַפטלעכע פּאָעטן אין יענער צייט.

שרייבט פינסקי: יפה „האָט אַ וואַרעם יידיש האַרץ און איז זייער אַ הייסער ייד, ביז צו שאָוויניזם אַפילו. אויף זיינע יידן, טאָר קיין שטויבעלע ניט פאַלן. יידן, יידן איבער אַלעס. אַלעמען אויף צו להכעיס זיינען זיי דאָך דאָס אויסגעוויילטע פאָלק. אפשר האָט ער עס אין זיין בלוט. ער איז דער זון פון אַ רב, דער אייניקל און אוראייניקל פון רבנים, דער שפּראָץ פון לאַנגע דורות רבנים ביז רב מרדכי יפה דער בעל „הלבוש". פון לאַנגע דורות יידישע פאָנענטרעגער — דאָס גייט ניט לייכט פאַרלאָרן, דאָס מוז זיך אָפּרופן, נאָר ווי די מעשה איז, ער איז אַ הייסער ייד. און דאָך האָט ער זייער ווייניק נאַציאָנאַלע לי־דער געזונגען, זייער ווייניק געגעבן אונדז פון זיין יידישן שטאָלץ און זיין יידישן טרויער".

וויטער שרייבט פינסקי וועגן יפהן דעם פּראָלעטאַריער: „דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן... אָפּגעאַרבעט אויף פרעמדע וואַרשטאַטן

און ווייס זייער גוט דעם טעם פון דעם אַרבעטערס נויט און עלנט". „מיט האָרץ און זעל איז ער אויף דער זייט פון דעם אַרבעטער־קלאַסע און חלומט איר באַפרייאונג. און דאָך האָט ער זייער וויניק אַרבעטער־לידער געזונגען, זייער וויניק געגעבן אונדז פון זיין מיטגעפיל און זיין באַפרייאונג־חלום".

פינסקי האָט דאָ אָנגערירט אַן ענין, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות ניט נאָר מיט יפהן, נאָר מיט דער גאַנצער מאָדערנער יחידישער קונסט. די דאָזיקע קונסט האָט זיך געמיט אָפּצוּוואַרפן שאַבלאָנען. זי האָט געוואָלט אָפּוואַרפן אַלץ, וואָס האָט כלומרשט אויסגעזען ווי „קאָפּ־שאַפונג" און ניט ווי „אַ האַרץ־שאַפונג". אייגענע דערפאַרונגען, אייגענע איבערלעבונגען — דאָס איז געוואָרן דער יסוד אין עכטער קונסט.

און עס איז פאַראַן אַ שׂכל אין דעם, וואָס מען באַטאָנט ניט זעלבסט־צענטרישקייטן ווי דעם עיקר ביי מאָדערנע קינסטלער. מען רעדט נאָר וועגן „האַרץ", אייגענע איבערלעבונגען, געפילן, דעם דיכטערס „אינעווייניקסטן סוד, וואָס איז ביי אים אין האַרצן פון העלערהייט אויפגעשטאַנען..." וואָרן זעלבסט־צענטרישקייט איז דאָ דער אינסטינקט, דאָס פרימיטיווע, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט קיין שום אינטעקטועלע אָדער געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. ראַציאָנאַליזירן מיינט רעכטפאַרטיקן אַ רייפן צוגאַנג. און גערעכט איז פינסקי ווען ער ווענדט עס אָן אויף יפהן. יפה האָט זיך טאַקע אויסגערייפט פאַר פינסקיס אויגן. און ווען יפה איז געוואָרן רייפער, האָט ער אויך קלאָר דערזען זיין דיכטערישן וועג. ליד און מענטש איז ביי אים איין און די זעלבע זאַך. דער דיכטער קען ניט זינגען פרעמדע מאָטיוון. אויב ער טוט עס, ווערט ער אַן „איבערחזרער". ער איז דאָך „דעם בוראס אַ קאַפּריז". דאַרף ער זינגען „דאָס וואָס ער איז". דער דאָזיקער געדאַנק גייט דורך דורך אַ סך לידער יפהס. אין זיין ליד „ניט זוך אים אין זיינע מעשׂים", געשריבן אין יאָר 1930, געדרוקט אין „צוקונפט", יולי 1938, שרייבט ער:

און אויב צו קענען ריכטיק אים
דערשפּירסטו אַ פאַרלאַנג, —
ניט זוכ'ם אין זיינע מעשׂים, פריינד,
נאָר זוכ'ם אין זיין געזאַנג;

דער דיכטער איז פון אייביק אָן
דעם בוראס אַ קאַפּריז,
דאָך איז ער שטענדיק — וואָס ער זינגט,
און זינגט דאָס — וואָס ער איז.

אין אַן אַנדער ליד („אַ ליד מוז...") דריקט ער זיך אויס:

אַ ליד מוז אי קלאָר אי אויפריכטיק זיין:
פון דיין האַרץ אַרויס און אין צווייטנס אַריין.

פינסקי דערקלערט אויף אַזאַ אופן יפהס מורא צו זיין אַ „געלעגנ־הייט־דיכטער" און שרייבן אויף באַשטעלונג, שרייבן אויף טעמעס:

„ער (יפה) ציטערט פאַר דעם שאָטן פון אַ געלעגנהייט־דיכטער, ווייל ער האָט מורא אַן איבערחזרער צו זיין. נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע לידער זיינען אַ מין מאָדע געוואָרן, און ער וויל ניט גילטן אַלס איינער פון די מיטלויפער און מיטזינגער. און דאָס נאָך: נאַציאָנאַליזמוס און קלאַסנקאַמף זיינען נישט בלויז אַ האַרץ־זאַך, זיי זיינען אויך אַ קאָפּ־זאַך. אין זיין ליבע צום יידישן פאָלק, אין זיין אַנגעהערשאַפט צו זיין קלאַס, איז ער זיך באַוואוסט געוואָרן דורך אַנדערע, דורך ביכער, צייטונגען, און רעדנער, דורך מאַסן־באַוועגונגען. אין יעדן נאַציאָנאַלן אָדער סאָציאַלן געדיכט מוז זיין עטוואָס אָפּגעטראַכטעס, געוואָלטעס. עטוואָס, וואָס אַנדערע האָבן אַריינגעגעבן, באַאיינפלוסט. און ווייל יוסף יפה פילט אין זיך שטאַרק דעם איינפלוס פון דרויסן, פילט ער זיך ניט פריי, ניט זיכער. עס קומט אים אויס, ווי ער וואָלט געדיכטעט אויף באַשטעלונג, געטריבן פון אַ פרעמדן ווילן. און דעריבער זינגט ער וועגן „איבערלעבענישן, וועלכע זיינען זיינע אייגענע, וועלכע ער טיילט מיט קיינעם ניט. זיין אייגן האַרץ איז דער קוואַל פון זיינע געפילן און זיין געזאַנג". רעדנדיק וועגן יפהס הויפּט־טעמע — ליבע, שרייבט פינסקי: „די ליבע, ווי די נשמה, איז אַ טאָכטער פון הימל און אַ גאָטס בענטשונג. זי קען ניט אויפגעוועקט ווערן אין האַרצן דורך אַגיטאַציאָן".

צו שרייבן וועגן אייגענע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען — און ניט וועגן טעמעס גענומען פון דרויסן — דאָס איז, אייגנטלעך, געווען אַ וויכטיקער קינסטלערישער פּרינציפּ. מיט עטלעכע יאָר שפּע־טער האָט דאָס געבראַכט צום לעבן די גרופּע „יוגנט". נאָך דער גרופּע „יוגנט" — די גרופּע „יונגע". דערפון נעמט זיך טאַקע, וואָס אַזאַ יחידישער פּאָעט ווי לאַנדוי האָט אַ סך געהאַלטן פון יפהס פּאָעזיע. און דער אמת איז — צי ער האָט געוואוסט דערפון צי ניט — יפה איז געווען אַ פאָרלויפער פון די „יונגע". דאָס מיינט, ער איז געווען אַ פאָרלויפער פון די „איך"־פּאָעטן אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָע־זיע. ער איז אָבער אויך געווען מיט שטאַרקע פעדעם צוגעבונדן צום רעאַליזם פון זיין צייט. סובּיעקטיוו און זעלבסט־צענטריש, — איז ער

געווען נאָענט צו די צוקונפטיקע אינדיווידואַליסטן, די אָנקומענדיקע נייע ראָמאַנטיקער. וואָס שייך מעטאָד, איז ער געווען אַ רעאַליסט. דערמיט דערקלערט זיך וואָס זיין פּערז, בילד און סיזשעט זיינען געווען איינפאַך און קלאָר. דערמיט דערקלערט זיך אויך דאָס, וואָס ער איז געווען פאַרוואָרצלט אין פאָלקליד.

עס איז היסטאָריש פאַרשטענדלעך פאַרוואָס קיינער האָט ניט באַמערקט יפהס פּאָעזיע אין די ערשטע יאָרן פון זיין שרייבן, פון 1894 ביז 1900. אין 1900 האָט אים פּינסקי אָנגעהויבן דרוקן אין דעם „אַבענדבלאַט" און אין דער „אַרבייטער צייטונג". ווי אַן אָנפאַנגער האָט יפה געצאָלט צינז זיין צייט. ווי פריער באַמערקט — ער האָט געשריבן אַ צאָל לידער אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס. אָבער זיין הויפּטטעמע איז געווען — ליבע.

פאַרנעמען זיך מיט אויסשליסלעך פריוואַטע ענינים איז אין די ניינציקער יאָרן און אויך אין דעם ערשטן צענדלינג צוואַנציקסטן יאָרהונדערט געווען פאַררעכנט פאַר „זינד קעגן דער מענטשהייט" און פאַר „עגאָאיזם". עס איז אָבער אויך ניט אויסגעשלאָסן — אויף איין זאַך האָבן „די טראַכטנדיקע מענטשן" מותר געווען. און דאָס איז — ליבע. ליבע איז ביי זיי געווען דאָס איראַציאָנאַלע. האָבן זיי געגלויבט: אַט דאָס איראַציאָנאַלע איז ערגעץ־וואו פאַרבונדן מיט ריינער קונסט. דאָס האָט צוגעטראָפן יפהס פערזענלעכע נטיות. אין דעם מאָטיוו „ליבע" האָט ער געפונען זיין אויסגאַנג־פּונקט.

ניט וויסנדיק דאָס אַליין, האָט יפה אויסגעדריקט די שפּעטערדיקע איינשטעלונג, ווי זי האָט זיך באַוויזן ביי אַ טייל „יונגע": איבערגעבן זיך עטערישע, געפליגלטע רגעס, דערנעענטערן די פּאָעזיע צום אייגענעם „איך", אָפּגעבן זיך אינגאַנצן דער דוכטעניש־וועלט, דער וועלט פון פערזענלעכן געניוס און פריוואַטע געשעענישן.

ווען מען באַטראַכט איצט יפהס פּאָעזיע אין דער ראַם פון זיין צייט, דערפילט מען אַ נייעם גאַנג. מ'דערפילט אַ מין אַנאַקראָאַן־סטיל, אַ ראָקאָקאָ־סטיל פון 18טן יאָרהונדערט, ווען אין דער קונסט האָבן געהערשט ווענערע, אַמור און באַקך. זיין פּאָעזיע איז געווען סימפּאַטיש פאַר יענעם שיכט, וואָס האָט אינערלעך געלעבט ווייט פון אַלע געזעלשאַפטלעכע ברויזענישן.

ט ע מ ע ס

אין אַלע טעמעס זיינען איז יפה בטבע אויסגעהאַלטן. דאָס רוב טעמעס געהערן צו זיין אַנאַקרעאָן־סטיל. זיי געהערן צום יחידישן גדר פון זיין ליד. אַנדערע טעמעס, ווידער, ווי די מאָטיוון אויף סאָ־ציאַלע און יידיש־נאַציאָנאַלע טעמעס, זיינען די פעדעם, וואָס פאַרבינדן אים מיט זיין תקופה.

פון זיין יחידישן קוואַל שטאַמען זיינע ליבע־לידער, לידער וועגן לידער, לעבן־שטייגער, עפּיקורעאישע רעיונות, שפּילעוודיק־שטיפערי־שע לידער. אָבער אַפילו זיינע לידער אויף סאָציאַלע און יידיש־נאַ־ציאָנאַלע מאָטיוון זיינען ביי אים, דאָס רוב, דורכגענומען מיט אַ מין יחידישער באַפאַרבונג.

ווי מיר ווייסן פון פריער,—איז יפהס, מן הסתם, ערשט געדרוקט ליד, אין יאָר 1894, געווען אויף דער טעמע — ליבע. זיין ערשט ליד, וואָס פּינסקי האָט געדרוקט, ווען עס הייבט זיך אָן יפהס צווייטער, דער פּראָדוקטיווער פּעריאָד, איז אויך אַ ליבע־ליד, („די ליבע זאָל לעבן"). אייגנטלעך קלינגט עס איצט ווי אַ פּראָגראַמאַטיש ליד. באַ־זונדערס — ווען מען באַטראַכט יפהס לידער אין ליכט פון דער טע־מאַטיק־אידייע. דאָס דאָזיקע ליד איז אויך כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאָלקסטימלעכן יידישן אַנאַקרעאָן־זינגער. אינאיינעם מיט לעבן־שטייגער הערן מיר די טענער פון אַ פאָלקליד. עס איז דאָ אויך פאַראַן דאָס גאַנצע קלאַפּערגעצייג פון דער פּאַסטאָראַלער קונסט — "דאָס זשורטשען פון טייכל", „דאָס מורמל פון וועלדל", „עס קוקן פון אויבן נאָך אונטן אַראָפּ און לאַכן לבנה און שטערן", „מיר שליסן די אויגן און שוועבן"... דאָס אַנטרינען אין פאַרגעסנקייט...

די ליבע זאָל לעבן

עס שלאָפט לענגסט דער עולם, אין שטעטל איז שטיל,
און איך גיי אום שטאָלץ ווי אַ מלך;
איך וואַרט אויף מיין ליבסטע אין געסל אַליין,
מיר איז אַזוי לוסטיק און פריילעך!

נו, קום דאָך, מיין לעבן, פון שאַלקע אַראָפּ
און לאָמיר אונדז לאָזן שפּאַצירן
צום וועלדל ביים טייכל, ביים ברעגעלע דאָרט,
און זינגען און שיין מוזיצירן!

מיין ליבסטע, זי קומט ניט — וואָס איז דאָס געשען.
האָט עפּעס אַן אומגליק געטראָפן?
איר טאַטע מסתמא קאַפּאַיעט זיך נאָך —
זי וואַרט, ער זאָל ווערן אַנטשלאָפן.

הורא, אך! אָט קומט זי, אָט איז זי שוין דאָ!
אָ נחת, מיר זעען זיך ווידער!
מיר גייען צום וועלדל, ביים טייכעלע דאָרט,
און זעצן זיך ביידע אַנידער.

נו, הייבן די הערלעכע לידער זיך אָן, —
דאָך הערט אונדז און זעט אונדז ניט קיינער;
מיר האָבן קיין צימבל, מיר האָבן קיין פליייט,
מיר שפּילן די ליבע אַליין נאָר.

דאָס זשורטשען פון טייכל, דאָס הילכן פון קוס,
זיי קלינגען ווי טענער פון פליייטן;
דאָס מורמל פון וועלדל, דאָס קלאַפּן פון האַרץ,
דאָס טוט אונדז אַלס צימבל באַגלייטן.

און שטיל איז אין דרויסן, עס הערט זיך קיין מוק...
ווער קען אונדז דאָ שטערן און ווערן?
עס קוקן פון אויבן נאָך אונדז אַראָפּ
און לאַכן לבנה און שטערן.

עך, לאָזן זיי לאַכן! וואָס האָט עס צו אונדז!
צי טוען מיר דאָס וואָס מען טאָר ניט?
זיי האָבן קיין הערצער, זיי האָבן קיין בלוט,
זיי ווייסן פון ליבע אַ האָר ניט.

עס טוליעט זיך פעסטער מיין ליבסטע צו מיר,
מיר שליסן די אויגן און שוועבן.
עס וויגן אונדז וועלדל און טייכעלע איין,
און זינגען: די ליבע זאָל לעבן.

די לידער אויף דער דאָזיקער טעמע האָט ער געהאַלטן אין איין וואַריאירן. און דאָס איז דאָך געווען גאַנץ נאַטירלעך. אין זיין ערשט בוך "לידער", (1914), האָבן מיר אַן ערך 68 ליבע־לידער צווישן דער

אַלגעמיינער צאָל 85. אין בוך „געזאַנגען" (1936) זיינען פאַראַן אַ סך ווייניקער ליבע־לידער — אינגאַנצן 37 צווישן 114. אינאיינעם מיט די לידער געדרוקט אין דער „צוקונפט" און די ניט־פאַרעפנטלעכטע לי־דער, איז זייער צאָל גאַנץ גרויס. מערסטנס זיינען זיי שטיפערישע לידער, לידער מיט הומאָר, מיט אַ דין־שאַרפן שניט. און די סוזשעטיק בייט זיך. זי איז פול מיט פאַרשיידענע שפילעוודיקע איינפאַלן, אָפט אַפילו קינדערשע איינפאַלן.

די ליבע־לידער, וואָס פאַרגעדענקען זיך מער, זיינען דווקא די שטיל־טרויעריקע:

א י י פ ע ר ז ו כ ט

עס איז געווען אַ העלע נאַכט
אין הייסן חודש יולי;
די גאַנצע שטאָט איז וואַך געווען,
דער פאַרק מיט מענטשן פול.

מיר האָבן זאַלבעדריט שפאַצירט,
אי איך, אי זי, אי ער —
זיי האָבן ביידע לייכט געפילט,
נאָר איך געפילט האָב שווער:

זיי זיינען פיל צו נאָנט געווען,
פילייכט קיין בייז געמיינט,
געלאַכט האָט זי, געלאַכט האָט ער,
דאָך איך האָב שטיל געוויינט.

וואָס עס וואַרפט זיך אין די אויגן — איז דאָס, וואָס דאָס רוב לידער אויף דער טעמע „ליבע" זיינען געשריבן אין דער ערשטער פערזאָן.

***

און ווער איך בין, מער ווייס איך ניט,
איך ווייס נאָר, אַז איך בין.
און בלאָנדזשע אום פון אָרט צו אָרט;
און ווייס ניט זעלבסט וואוהין.

און ווער זי איז, וואָס פירט מיך אַלץ,
וואָס ציט מיך אַלץ, דאָס ווייס איך ניט;

איך ווייס נאַר, וואו איר אָטעם הויכט,
שוועבט מיין נשמה נאָך.

און ווען כ'זי ליב, צו זאָגן איר,
דאָס קאָן איך ניט, דאָס פיל איך נאָר,
און פילט זי אויך אַזוי —
ווי וואויל איז מיר.

און פילט זי ניט אַזוי —
ווי וויי איז מיר.

די אומפּערזענלעכע לידער פון דעם דאַזיקן מאָטיוו פאַלן כמעט שטענדיק אַריין אין פאָלקסטאָן. אַזוי זיינען די לידער „די אַלטע יודאָשע", „די שווינדזיכטיקע", „די זיבנדיגערין", „נחמה און יוסף". אָטאָ די געשטאַלטן זיינען פול אין די לידער ביי די סאָציאַלע פּאָעטן פון די 90ער יאָרן. די ערשטע אָקאָרדן זיינען כמעט די זעלביקע ווי ביי די סאָציאַלע פּאָעטן. אָבער שטאָט נויט, הונגער, געפאַלנקייט, יאוש, אאַז"וו, ווערט דאָ אָקצענטירט — ליבע. אין די דאָזיקע געשטאַלט־לידער ליגט די טיפערע קרובהשאַפט — וואָס שייך מעטאָד — צווישן יפהן, די שפּעטערדיקע אינדיווידואַליסטן, און די סאָציאַלע פּאָעטן אין די 90ער יאָרן. יפהס פערז איז ציכטיק, מוזיקאַליש, שטיל. און דאָס געמיט — טרויעריק. דאָס איז אין סטיל פון אונדזערע שיינע פאָלקסטימלעכע לידער.

פּאַרלאָזן

לבנה און שטערן,
אַ פראַכטפולע נאַכט,
ביים טייכל, ביים בריקל
שטייט אסתר און טראַכט.

אָט שטיי איך און וואַרט שוין
אַ גאַנצענע שעה,
און קוק אויס די אויגן,
ער איז אַלץ ניטאָ,

מיין טאַטע — אַ שוסטער.
זיין טאַטע — אַ רב,
עס ווערן די זאַכן
צו גאַרנישט דאָס רוב.

און הייליק פאַרשפּראָכן
צו קומען האָט ער —
עס גיט אין די אויגן
אַ בליאַסק איר אַ טרער.

(„אַרבייטער צייטונג", דעם 13טן סעפּטעמבער, 1902)

אויך אין די שאַפונג־לידער, דאָס הייסט לידער איבער לידער, וואָס יפה האָט געשריבן זייער אַ סך, גילט כמעט אַן ענלעכע פאַנאַנ־דערטיילונג. העכער אַ דריטל לידער אין בוך „געזאַנגען" (1936) זיינען לידער וועגן זיין אייגענעם שאַפן און וועגן לידער בכלל. אויך דאָרטן זיינען דאָס רוב לידער געשריבן אין דער ערשטער פּערזאָן. זיי זיינען ווי פּריוואַטע ידיעות וועגן אייגענעם שרייבן און וועגן אַלץ, וואָס דער דיכטער לעבט דורך און טראַכט וועגן זיין פּאָעטישן גורל. אַזוי זיינען די לידער „דעם טאָג פאַר דער אַרבעט, די נאַכט פאַר געזאַנג", „צו מיין לעבנס־חבר" („בעללא, ווייסטו ווער דו ביסט? ביסט דריי פערטל פון מיין שיר"), „מיין שרייבטיש" („איך האָב געקויפט אַמאָל אַ שרייבטיש, שוין צוריק מיט כמה יאָרן"), „שפּליטער־געזאַנגען" („שורות און סטראָפן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, וואַלגערן אום זיך אין שופלאָד ביי מיר"), „מאַשינאָווע לידער" („אויף די קלאַווישן פון מיין שרייבמאַשין האָב איך אויסגעשפּילט נעכטן אַ געזאַנג"). אַזוי אויטאָ־ביאָגראַפיש זיינען כמעט אַלע לידער זיינע וועגן „שאַפן".

פאַראַן אויך ביי אים אַ קליינע צאָל לידער וועגן אַנדערע פּאָעטן, למשל, „הזכרת בשמות" („ווען זיין פאַרשטאַנד איז שוואַך געוואָרן, און ער האָט זיין טאַלאַנט פאַרלאָרן"), אָדער „ס'ווערט אַ ברונעם ליי־דיק" („ס'ווערט אַ ברונעם ליידיק ווען מען שעפּט צופיל"), געדרוקט אין „צוקונפט". צו די דאָזיקע לידער געהערן אויך לידער געווענדט דירעקט צו פּאָעטן, למשל, צו די „יונגע דיכטער", די מאָדערניסטן.

ליבע דיכטער

ליבע דיכטער, ווי איר ווילט:
ווילט איר —בענטשט מיך, ווילט איר — שילט;
נאָר דעם אמת מוז איך אייך
יונגע דיכטער, זאָגן גלייך;
כ'זוך פון לאַנג אויף אַייך אַ לויב;
כ'טראַכט ביי זיך אין האַרצן: אויב
סתרי־תורה איז אין גאַנג,
זייט איר געניאַל שוין לאַנג.

יאָ, אַ גנב איז די שפּראַך:
זי פאַרשטעלט מיט זיך אַ סך;

ניט וואָס איך איר איז דאָ,
נאָר אויך דאָס וואָס איז ניטאָ.

זיץ איך מיר גאַנץ שפּעט ביינאַכט
אין אַ יונגעס ליד פאַרטראַכט.
כ׳זוך און אַקער און געפין,
ניט קיין טעם און ניט קיין זין:
„נישט״ אין זילבן איינגעהילט,
פלאַץ מיט ווערטער אָנגעפילט —
און דעם אינהאַלט און דעם מיין,
קאָן נאָר גאָט אַליין פאַרשטיין. („צוקונפט״, יוני, 1920)

זייער שפּילעריש, פול מיט פיינע איינפאַלן און חן, איז די סעריע לידער וועגן קריטקער:

בהמות, חיות ועופות

.1

עס זאָגן די חכמים
די אַלטע אונדז פון לאַנג:
דער בורא האָט באַשאַפן
אַפריער דעם געזאַנג,
און צוגעפּאַסט אַ פויגל
דערנאָך צו יעדן קלאַנג.

.2

און ניט נאָר מיט געזאַנגען
איז דאָס אַזוי געווען: —
מיט כל המינים קולות
דאָס זעלבע איז געשען.

און פאַר דעם זשום דעם שטילן
האָט גאָט געמאַכט די פליג; —
און פאַר דעם מע־ע דעם לאַנגן —
די וואונדערבאַרע ציג.

און פאַר דעם ברום
אַ בערן אויסגעטראַכט;
און גלאַט אַזוי צו בילן —
דעם קריטיקער געמאַכט.

.3

די נאַכטיגאַל טרילעט: טראַלאַ, טראַלאַ;
די קראָע זי קראַקעט: קראַ־קראַ־קראַ־קראַ,
און „סאָווע" דער קריטיקער האָט זיך פאַרטראַכט
און טאַדלט דעם נאַכטיגאַל שפּעט ביי דער נאַכט:
„געהערט מען זאָל זינגען טרילא, טרילא?
ס׳איז נעבעך אַ קראַנקייט ביי איר שוין אַזאַ;
עס ווייס דאָך אַ יעדער: צי שפּעט אָדער פרי,
אַ פויגל מוז טרילען: „טרילי, טרילי!"
אַזוי האָט דאָס „סאָווע" איר ביטול געמאַכט...
עס פרייט זיך די קראָע: קראַ־קראַ, און דיכט.

ווי מיר האָבן געזען זיינען יפהס צוויי הויפּט־מאָטיוון פול מיט פּערזענלעכע און אַפילו פּריוואַטע דערפאַרונגען. אַפילו די, וואָס זיינען געשריבן אין אַן אומפּערזענלעכן טאָן, זיינען נאָך אַלץ אין די גרענעצן פון זיין פּערזענלעכן שטח.

עס איז דאָ אָבער אַן אויסנאַם. דאָס איז אַ שטריך, וואָס — אויבנאויף — שטימט ער ניט מיט יפהס פּאָעטישער נאַטור און אַוודאי ניט מיט זיין פּאָעטישן אני־מאמין. דאָס איז די צוגעטראַכטקייט, וואָס מיר געפינען אין געוויסע לידער זיינע. יפה האָט זיך באַמיט אויסצומיידן סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טעמעס, טאַקע צוליב דעם, וואָס מען דאַרף זיי נעמען פון דרויסן. איז ווי קומט צו אים גאָר אַ שמץ צוגעטראַכטקייט אין זיינע לידער? רירנדיק און אויפריכטיק דערציילט ער אונדז אין „עפּילאָג" וועגן זיין באַזינגען געשעענישן, וואָס זיינען „גאָר קיינמאָל ניט געשען":

עפּילאָג

איך האָב אָפט דערציילט פון אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט,
וואָס איך האָב צוזאַמען מיט באַקכוס פאַרבראַכט.
איך האָב אָפט באַזונגען דעם זילבערנעם כוס,
דעם ויין, וועלכן איך האָב געזויגן אָן מאָס,
נישט אמת,
דאָס איז גאָר קיינמאָל ניט געשען:
עס איז נאָר איין־איינציקער בעכער געווען —
צו קידוש.

איך האָב אייך געזונגען פון מיך־עלעך פיל,
וואָס איך האָב געצערטלט, געהאַלדזט אין דער שטיל.
פון בריסט, וועלכע איך האָב געדריקט צו מיין ברוסט,
פון ליפּעלעך, וועלכע כ׳האָב דורשטיק געקושט,
דאָס איז גאָר קיינמאָל נישט געשען:
נישט אמת,
עס איז נאָר איין־איינציקע ליבסטע געווען —
מיין ווייבל.

איך האָב געזונגען פון ליבע און האַס,
אומצייליקע לידער אין ערנסט און שפּאַס,
אין מאַנכע געבענטשט און אין מאַנכע געפלוכט,
אויף אַלע געביטן צו דיכטן פאַרזוכט.
נישט אמת,
אויך דאָס איז קיינמאָל נישט געשען:
עס איז נאָר איין־איינציקער זמר געווען —
פול ליבע.

אַפּילו וועגן דער אילוזיע, וואָס מיר האָבן געהאַט וועגן אַט דעם יידישן פאָלקסטימלעכן אַנאַקרעאָן־זינגער, דערציילט ער אונדז פרי־וואַטע זאַכן. ער בעמט אַראָפּ דעם שלייער פון אונדזערע און זיינע איי־גענע דוכטענישן. און אמת איז זיין לעצטע באַהויפּטונג: ביי אים איז „נאָר איין־איינציקער זמר געווען”. ער אַליין מיינט — דאָס איז געווען „ליבע”. געווען איז דאָס באמת — „איך”. און פון דעם „איך” האָט שוין געשטראָמט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ פּערזענלעכן שייכות מיטן פּאָעט: ליבע, שאַפן לידער... און אויב ער האָט אויסגעטראַכט זאַכן, איז דאָס געווען מחמת קענען וואַריאירן די דאָזיקע טעמעס. נאָך מער, אָבער, קומט עס דערפון, וואָס ער איז געווען אינגאַנצן קאָנצענטרירט אויף די דאָזיקע פּריוואַטע טעמעס. ער האָט זיי דורכגעלעבט אין זיין חלום, אין פאַרלאַנגען, אין דוכטענישן — פּונקט אַזוי ווי די סאָציאַלע דיכטער זיינען געווען אינגאַנצן פאַרטאָן — סיי אין חלום, און סיי אויף דער וואָר — אין געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון. די לעצטע האָבן זיך באַמיט אַריבערטרעטן די אייגענע גרענעצן און אויסברייטערן די איי־גענע געזעלשאַפטלעכע דערפאַרונגען. יפה האָט, אָבער, די אייגענע דער־פאַרונגען „איכיש” קאָנצענטרירט אין זיך.

פאַרדינסט און ווערטן

ווי מיר האָבן עס פריער ניט איינמאָל דערקלערט, איז יפהס „אי־כישקייט״, היסטאָריש גענומען, געווען אַ דערפרישונג, אַ נייער טאָן אין דער יידישער פּאָעזיע אין די 90ער יאָרן. קינסטלעריש, אָבער, וועלן בלויז געוויסע לידער בלייבן ווי מוסטערן פון אַ זשאַנער: דאָס לייכטע, שפּילעוודיקע ליד, וועגן גליקלעכע און טרויעריקע רגעס, וועגן געניוס און דוכטענישן. די בעסטע פון זיי האָבן אַ דויערנדיקן ווערט. אָבער אינטערעסאַנט איז אַן אַנדער דערשיינונג: וואָס מער זיין ליד איז אָן פּריוואַטע איבערלעבונגען און פּריוואַטע פאַרצייכענונגען, אַלץ גרעסער איז דעם לידס ווערט. אַזוי זיינען געוויסע לידער, געשריבן אין פאָלקטאָן, אַזוי זיינען אויך דווקא זיינע סאָציאַלע און, נאָכמער, זיינע לידער אויף נאַציאָנאַלע טעמעס.

די דאָזיקע לידער געהערן, צום טייל, צו יענע שטאַרקע פּעדעם, וואָס האָבן דעם סענסועלן דיכטער געהאַלטן צוגעבונדן צו זיין תקופה. זיי זיינען טאַקע „טעמעס״״, גענומען פון דרויסן. דאָס דוכט זיך אַזוי. אַזוי זעט עס אויס בלויז אויבנאויף. אין דער אמתן האָט ער די „טעמע״־לידער אויך אַליין דורכגעלעבט. ער האָט זעלטענער דורכגעלעבט פּאַרטיפונגען, און דערפאַר האָט ער זעלטענער געשריבן אויף די דאָזיקע „טעמעס״. זיי זיינען אָבער אויך געלעגן אין דער ספער פון זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען. וואָס ווייטער פון זיין אייגענעם „איך״, אַלץ מער שטייגט דאָס ליד. העכער און אויסגעברייטערט ווערט זיין ליכט.

ווען מיר וואָלטן ניט געוואוסט דעם מחברס נאָמען פון אַזעלכע לידער ווי „פאָר איך מיר אין מעמעל״, „בין איך מיר אַ פערדעלע״, „פאָלקסליד״ („שווייגנדיק דער טאַטע זיצט אין שטוב פאַרקרימט״), „זיינען מיר צוויי בחורים״, וואָלטן מיר זיי אָנגענומען פאַר די פיינסטע פאָלק־שאַפונגען. וואָס שייך סטיליזירן אַ פאָלקליד, איז יפה זיכער איינער פון די גאָר ערשטע און פון די גאָר פיינסטע פּאָעטן. דאָס איז אַ געביט, אַגב, וואָס איז ביי אונדז נאָך ניט אויסגעפאָרשט. און עס וואָלט זיך געלוינט באַלייכטן די גאַנצע אַנטוויקלונג — אינעם פאָלקס־טאָן־ליד, געשריבן פון באַוואוסטע שרייבער. אָבער מער ווי אַלץ — די אַנטוויקלונג פון סטיליזירטע פאָלקלידער, דאָרט וואו מען באַנוצט זיך מיטן פאָלקסמאָטיוו ווי מיט אַן אויסרייד, כדי צו קענען שרייבן ראַפינירט, מיט איראָניע, מיט „כלומרשטער״ שפּילעוודיקייט אָדער מיט

„כלומרשטן" טרויער. פּאָעטישע סטיליזאַציע בכלל איז אַ טעמע, וואָס ניט אַלע זיינען באַוואוסטזיניק וועגן איר. דאָס העכערע קינסטלערישע געמיט, אָדער אַ געוויסע איבעררייפקייט, ברענגט אָפט צו סטיליזאַציע. און עס מאַכט ניט אויס צי דער דיכטער אַליין ווייס וועגן דעם אָדער ניט.

אין דעם פּרט געפינען מיר סימנים אין יפהס סטיליזירטע לידער, למשל, אין זיין „ציגעלע, מיגעלע" („ציגעלע, מיגעלע, קאַטינקע — בינעלעך און בלומען, נענטער, ליבינקע, צו מיר — פרילינג איז געקומען!") („יידישע וואָכנשריפט", דעם 12טן אַפּריל, 1912). פון אַ העכערן קינסטלערישן גראַד איז זיין —

העי, העי, העמערל

העי, העי, העמערל,
זאָג, ווער קלאַפּט אין קעמערל,
זאָג, ווער קומט עס אַזוי פרי,
זאָגט דאָס העמערל: „ס'איז זי".
— זי, די גוטע ליבסטע מיין,
לאָז זי, העמערל, אַריין!

מיידל פיין, דו ביסט געקומען,
זע, כ'האָב אָנגעגרייט דיר בלומען;

רויטע רויזן בונטע קעפּ
שמייכלען פון די בלומען־טעפּ;
ווייסע ליליען צאַרט און שלאַנק
ווינקען צו זיי פון דער באַנק.

העי, העי, העמערל,
קלאַפּ אין צווייטן קעמערל!
דו זאָלסט עפענען די טיר
פאַר מיין ליבינקער און מיר!

מיידל, קום, איך וועל דיר ווייזן
פולע שיסעלעך מיט רייזן,
פולע טעפּעלעך מיט גאָלד,
ליבינקע, איך האָב דיך האָלד!

העי, העי, העמערל,
האַלט די וואַך ביים קעמערל!
ווער ס'וועט קומען, ווער ס'וועט זיין,
לאָז מער קיינעם ניט אַריין!

איז אין קעמערל דאָ קיינער,
נאָר דו איינע און איך איינער —
גיב מיר, ליבינקע, דיין האַנט,
קינדער ליבן זיין ביינאַנד,

קינדער אין אַ מאָרגן שטילן
ליבן פאַרוויילן זיך צו שפילן —
קום, איך וועל דיר היינט ווי נעכטן,
דיינע שוואַרצע צעפּ צעפלעכטן
און פאַרפּלעכטן פון דאָס ניי
אין דער קינדער־שפּילעריי!

העי, העי, העמערל,
שטרענגע וואַך ביים קעמערל!
ווער ס'וועט קומען, ווער ס'וועט זיין,
לאָז דאָך קיינעם ניט אַריין!

איך וועל קיינעם מער ניט ווייזן
מיינע שיסעלעך מיט רייזן,
מיינע טעפּעלעך מיט גאָלד —
איר נאָר, וועמען איך האָב האָלד!

ליבסטע, קום דאָך אויף מיין שויס,
רו די שלאַנקע גלידער אויס;
און איך וועל דיך שטיל פאַרוויגן
מיט אַ זאַנפטן קינדער־ניגון.
ליו־ליו, מיידעלע, ליו־ליו,
שליס די קלאָרע אייגלעך צו!

ביסטו מיד און מאַט געוואָרן,
אויף מיין שויס ווערסט ניי געבוירן;
לייג דיין קעפּל אויף מיין ברוסט,
הערסט, ווי ס'זינגט פון ליבעס־לוסט?

ליו־ליו, מיידעלע, ליו־ליו,
שליס די קלאָרע אייגלעך צו!
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

העי, העי, העמערל,
האַלט די וואַך ביים קעמערל,
ווער ס׳וועט קומען, ווער ס׳וועט זיין,
לאָז האָך קיינעם ניט אַריין!

העי, העי, העמערל! („צוקונפט״, מאַי, 1932)

מיר האָבן דאָ ניט ציטירט דאָס גאַנצע ליד. די ציטירטע סטראָפעס ווייזן אונדז אָ וויכטיקע זאַך: — די דאָזיקע סטיליזאַציע איז גאָר ניט אַזאַ פּשוטע, הגם זי איז אויסגעוועבט אויפן הינטערגרונט פון אַ פּשוט פאָלקליד. ביי יפהן איז עס ממש אַן אייגענער סטיל, אַ מאַניער. אויך זיינע שטיפערישע לידער האָבן אין זיך — אַחוץ פּשוטע שטיפעריי — אויך סטיליזירטע שטיפעריי. און די דאָזיקע סטיליזירטע שטיפעריי איז פון אַ העכערן מין. דאָ כאַפּט זיך אַריין דאָס אינסטינקטיוו־קינסט־לערישע. אינאיינעם דערמיט גייט דאָ דינער הומאָר (זע „דער לימוד״ און כמעט אַלע לידער פון דעם לייכטערן זשאַנער).

שוועב איך אין דער פינצטער אום

שוועב איך אין דער פינצטער אום,
איז מיר אַזוי ליכטיק:
איך דערזע ווי גרויס איך בין,
פיל מיך אַזוי וויכטיק.
צינד איך מיינע לוסטרעס אָן,
ווערט מיר פּלוצלונג פינצטער:
איך דערזע ווי קליין איך בין —
אויף דער וועלט דער מינדסטער! („געזאַנגען״, ז׳ 129)

און דאָס רוב אַזעלכע לידער ענדיקן זיך מיט אַן אומדערוואַרטן שלוס, טיילמאָל אַ פאַרקערטן, אָדער גאָר מיט אַ וואָרט־שפּיל אָדער מיט אַ געדאַנקען־שפּיל:

אַ ט אָ ס ט

און זוכט איר אים אַ הונדערט יאָר,
איר טרעפט ניט אָן קיין גלייכע פּאָר,
איך בין אַ וועלט שוין אייסגעוועזן —
און האָב קיין גלייכע פּאָר געזעזן;
כ'האָב צוגעקוקט זיך אומעטום —
אַיעדע גלייכע פּאָר איז קרום,
און נאָך וואָס זאָגן וועל איך אייך:
וואָס מער ס'איז קרום אַלץ מער איז גלייך,
דרום לאָמיר ווינטשן לאַנגע יאָר
אַיעדער יונגער קרומער פּאָר! (פון די פאַרבליבענע שירים)

איז ניט קיין וואונדער, וואָס יפה, דער עפּיקורייער און שפּילער מיט איינפאַלן, האָט געשריבן עפּיגראַמאַטישע לירישע שורות. אַגב, דאָס שטימט אינגאַנצן מיט די האפּיז־ און די אַנאַקרעאָן־שטימונגען פון אונדזער פריען פּאָעט־אינדיווידואַליסט:

וואָס לערער אַלץ פולער

און הונגערסטו, דיכטער,
וואָס מאַכט עס דיר אויס?
דו נעמסט און דו זינגסט דיר
אַ לידעלע אויס.

און פריילעך דיין האַרץ ווערט
און לייכט דיין געמיט:
וואָס לערער דיין מאָגן,
אַלץ פולער דיין ליד! (אין „געזאַנגען", ז' 51)

אָדער:

נ אַ ש ן

און נאַשסטו, מיין חבר, כ'בין ניט איבעראַשט:
עס האָבן פיל גרעסערע דיכטער גענאַשט.
געזויגן פון אַנדערע, געשניטן אַ פעל,
איין אדם הראשון איז אָריגינעל.
מיך אַרט ניט דאָס פרעמדע, וואָס הילכט אין דיין שיר, —
נאָר גיב האָך דער וועלט וואָס צו נאַשן פון דיר!

יוסף יפה אין די עלטערע יאָרן

די ערנסטערע פון זיי זיינען אפילו ליריש־דידאַקטיש, למשל, „משלי יוסף״:

הער זיך צו, וואָס ס׳זאָגט דיר יוסף:
ניט בעם אַרונטער, נאָר זיי מוסיף.
און האָסט ניט וואָס, דאַן זע צו קריגן,
נאָר מיט אמת, ניט מיט ליגן;
און קריגסט וואָס רעכטס, דאַן זאָלסטו געבן,
און דעמאָלט וועסטו גליקלעך לעבן.

אָדער:

זאָלסט וויסן, פריינד, וואָס ניט צו וועלן:
ניט וויל דער גאַנצער וועלט געפעלן;
דו זאָלסט קיין פוסטן כבוד גאַרן
און דיין נשמה קיינמאָל נאַרן.
נאָר שפּין דיין ליד פאַר זיך אַליין
און וועב דיין אמת קלאָר און ריין!

אין זיין פאָלקסליד, ווי אין זיין סטיליזירן דאָס פאָלקסליד און די קוהלת־מאָטיוון פילט זיך ווי ער פאַרלאָזט זיינע אויסשליסלעך־אייגענע פּריוואַטקייטן. זיי געפינען זיך איינגאַנצן אין שטח פון זיין „איך״, אָבער אַ ביסל דערווייטערט און דערהייבן איבער פּריוואַט־פּערזענלעכע געשעענישן.

יפהס אומפּערזענלעכן צוגאַנג געפינען מיר אויך אין זיינע גע־זעלשאַפטלעכע לידער. אין פאַרגלייך מיט זיינע הויפּט־טעמעס האָט ער וויניק געשריבן אויף געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון. אָבער ער האָט זיי דאָס רוב געשריבן ווען ער האָט געפילט דערפאַר אַ באַדערפעניש. פאַר זיין פּאָעזיע איז ניט כאַראַקטעריסטיש דער טאָן, וואָס הערט זיך אין ליד:

איך וויל

איך וויל אַ ליד איצט שמידן
פון שוועבל, פעך און פלאַם;

אַ בליץ אין יעדער שורה,
אַ דונער יעדער גראַם.

מיין ליד זאָל פייער שפּריצן
און זידן ווי אַ תהום,
ביז טויט איז אַל דאָס אומרעכט,
ווי ס׳גאָט פאַרשאָלט׳נע סדום!

(„לידער“, ז׳ 119)

דאָך, זיינע געזעלשאַפטלעכע לידער זיינען די רייפסטע. אין עט־לעכע סאָציאַלע לידער ווערט אויסגעדריקט דער נוסח פון די אַלגע־מיינע סאָציאַלע לידער, וואָס מען האָט געשריבן אין זיין צייט:

*

דאָרטן, וואו די שטאָט זיך ענדיקט

דאָרטן, וואו די שטאָט זיך ענדיקט,
פאַסט וועג ביים אייזנבאַן,
זע איך דריי אַזייגער מאָרגנס
גיין אַן אַלטן אַרבעטסמאַן.

איינגעבויגן איז זיין רוקן
און מיט קנייטשן דאָס געזיכט;
האַלב פאַרשלאָפן, האַלב צעבראָכן,
און ער בענעצט און ער קריכט.

אויף די שטיוול ווייניק לעדער,
אויפן מאַנטל קנאָפּ געוואַנט;
טראָגט אַ העקל און אַ זעקל
מיט אַ לאָפּעטע אין האַנט.

איך באַטראַכט אים און אַ פראַגע
קומט אַריין מיר אין מיין זין:
זאָג, דו אַרבעטער, דו אַלטער,
זאָג, וואו גייסטו איצט אַהין?

איז בײַ דיר איצט נאַכט געוואָרן,
אָדער האָסטו ערשט דערוואַכט?
דאַרף איך זאָגן דיר גוט מאָרגן?
צי זאָל איך זאָגן דיר גוט נאַכט?

גייסטו איצטער פֿון דער אַרבעט,
פֿון דער שווערער אַזוי שפּעט?
אָדער גייסטו צו דער אַרבעט
אָקאָרשט, אָקאָרשט וואָס פֿון בעט?

נאָך מיך זעט גאָר ניט דער אַלטער:
צו דער ערד דעם מידן קאָפּ,
הייבט ער שנעלער אָן צו שפּרייזן
פֿון דעם בערגעלע אַראָפּ.

און אַ לאַנגע צייט אַלץ קוק איך,
ווי ער שלעפּט זיך, ווי ער שפּאַנט, —
מיטן העקל, מיטן זעקל,
מיט דער לאָפּעטע אין האַנט.

אין אַנדערע סאָציאַלע לידער זײַנע בליצט שוין דורך זײַן דינע איראָניע, אָדער זײַן שפּילעוודיקייט, ווי, למשל, אין ליד „דעם ייִנגלס ייִנגלס ייִנגעלע“, אָדער אינעם ליד „יקום פּורקן“.

לידער אויף נאַציאָנאַלע טעמעס טיילן זיך בײַ אים אויך אויף זייער ערנסטע און אויף שפּילעוודיקע. אין די ערנסטע לידער פֿון דעם מין פֿילט זיך פּיעטעט און אַפֿילו בילדערישער שווערמוט. צווישן די שענסטע לידער אויף ייִדישקייט־טעמעס איז דאָס ליד:

צו מײַן פֿאָלק

זינג איך אים פֿון ליבע,
זינג איך אים פֿון האַס,
ער בלייבט שטיל, באַוועגלאָז:
ס׳וועט מײַן בליק מיר נאַס.

ס'נעמט מיך אַזאַ טיפע
בענקעניש אַרום —
פֿאָלק מיין, זאָג וואָס איז דיר,
ביסטו טויב צי שטום?

האָט דער לאַנגער גלות,
האָט די שווערע נויט
דיך פֿאַרטויבט, פֿאַרטומלט?
אָדער דו ביסט טויט, —

און די טענער מיינע
פֿאַלן צווּעקלאָז, סתם,
ווי דעם ירדנס וועלן
אין דעם טויטן ים?

(„לידער“, ז' 119)

און דאָס שטייגערישע ליד:

דער ייִד

ווידער איז אַוועק דער שבת,
ווידער קומט די אַרבעטס־וואָך;
ווידער זאָגט דער ייִד המבדיל
און ער שפּאַנט זיך איין אין יאָך.

און ער אַרבעט שווין פֿון נייעם,
און ער קריכט שוין אַרויס פֿון הויט;
גרויזאַם איז זיין קאַמף אין לעבן
מיט דער ביטערער, שווערער נויט.

און ער טענהט שטיל צום בורא:
אך, דאָס לעבן איז אַ שרעק!
גאָט, דו האָסט דאָך וואָס פֿאַרשפּראָכן,
זאָג, וואָס גיסטו ניט אַוועק?

קאַסט דיר דען חיונה טייער?
סוט דיר ארץ ישראל באַנג?
און דער יום שכלו שבת
וואָס פאַרהאַלסטו אַזוי לאַנג?

(„לידער", ז' 120)

אין די־אָ לידער זעט מען גאָר אַן אַנדער יפהן. דאָ זעט מען אים אין זיין טיפסטן געמיט, וואָס האָט שטענדיק פרום געלעבט אין אים. „דער שטיפער פון דער יידישער ליטעראַטור", ווי פינסקי האָט אים אַמאָל אָנגערופן, האָט אַריינגעבראַכט יענע פערזענלעכע טענער אין דער יידישער פּאָעזיע, וואָס שפּעטער האָבן זיי קולטיווירט די מאָדערנע ראָמאַנטיקער, די דיכטער וואָס האָבן געהערט צו דער גרופּע „יוגנט" און „די יונגע". אַ חד במינו איז יפה געווען אין זיין צייט. און אַזאַ איז ער פאַרבליבן דורך זיין גאַנצן שאַפן.

„איך ווער ווי זיי — אַ ליד"

אין איינע פון זיינע לעצטע ניט־געדרוקטע לידער, געשריבן אין יאָר 1936, דריקט ער אויס אַ שטאַרקע פיעטעט צום ליד:

כ'האָב אַ קול דערהערט

כ'האָב אַ קול דערהערט;
ס'האָט דער קול מיין רו צעשטערט;
כ'הער אים הילכן פון דער ווייט:
לידער דאַרפן איינפאַכקייט.

ס'ליבט די וועלט קיין סודות ניט;
קלאָר און ערלעך זינג דיין ליד,
פונקט ווי דו צו זיך זעלבסט רעדסט,
פונקט ווי דו צום בורא בעטסט.

יפה איז זיין גאַנץ לעבן געווען פאַרנומען מיט הערן דאָס קול פון פּאָעזיע.

קלאָר און ערלעך האָט ער געזונגען זיין ליד. שטענדיק פאַרטיפט, פאַרחושט פלעגט ער שעפּטשען זיין ליד „צו זיך זעלבסט", „ווי ער וואָלט צום בורא בעטן". און אַזוי איז געווען זיין גאַנץ לעבן — אָדער ער האָט געוועבט אין זיך דאָס ליד, אָדער ער האָט עס געשריבן. און אַזוי איז עס געווען פון ליד צו ליד. ווען ער איז געווען שווער קראַנק און דער טויט איז אים שוין געשטאַנען צוקאָפּנס האָט ער נאָך אַלץ „געלעבט" דאָס ליד, דאָס לעצטע ליד זיינס:

— זאָג, וואָס ציטערסטו, מיין האַרץ
— זע, ווי ס'איז דער הימל שוואַרץ.
— דאָס איז דאָך אַ וואָלקן נאָר,
— ניין, ער וועט ניט ווערן קלאָר.

אין די לעצטע רגעס פון זיין לעבן איז ער געווען פאַרחושט אין אַטאָ־דעם פּאָעטישן דיאַלאָג. און מערקווירדיק: די גאָר לעצטע איינצלנע שורה, וואָס מ'האָט געפונען אויף זיין טיש, ווייזט אונדז ווי ניט געזעטיקט דער דאָזיקער פּאָעטישער בעל־חלומות איז געווען:

„און ס'איז ניט דערזונגען געבליבן דאָס ליד".

און ווען ער איז פאַרגאַנגען און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק, האָט מען וועגן אים געקענט זאָגן, וואָס ער אַליין האָט וועגן זיך געזאָגט:

„איך ווער ווי זיי — אַ ליד".

פון דעם זעלבן מחבר

לידער, פאַרלאַג אינזיך.
אונדזער פּיערא (לידער), פאַרלאַג יידיש לעבן.
מסעות פון לעצטן שאָטן (לידער), פאַרלאַג יידיש לעבן.
ביים ראַנד (לידער), פאַרלאַג באַדן.
אַ שטערן בליט (לידער), פאַרלאַג מ. וואַקסער, מיט דער מיטהילף פון
דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאַנד.
יידישע קלאַסיקער פּאָעטן, פאַרלאַג באַדן.
סיסטעם און רעלאַטיוויקייט אין פּאָעזיע (וועגן מיכל ליכטן).
פאַרלאַג יידישן לעבן.
אברהם רייזען (דער דיכטער פון ליד), פאַרלאַג באַדן.
אליהו בחור און זיין בבא־בוך, פאַרלאַג מ. וואַקסער.
גליקל האַמעל (1645־1724), פאַרלאַג מ. וואַקסער.
מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאַנד.
זעקס יידישע קריטיקער (א. צעדערבוים, י. י. לערנער, י. ח. ראַוויניצקי,
יואל ענטין, בעל־מחשבות, ש. ניגער), פאַרלאַג „יידבוך".
ליטעראַרישע וועגן (עסייען: — מענדעלע, אברהם גאָלדפאַדן, י. ל. פּרץ,
דוד פּינסקי, יוסף ראָלניק, ה. רויזענבלאַט, א. לעיעלעס, בערנאַרד
לואיס), צבי קעסעל־פאַנד ביי דער קולטור־קאָמיסיע פון יידישן
צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע.

פּיאָנערן פון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע:

באַנד 1 — מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער,
דוד גאָלדשטיין, יצחק ריינגאָלד, היימאַן סטרונסקי;
באַנד 2 — נחום מ. באַבאַד, בנימין ראָזענבלום, י. ש. פּרעגאַוויץ,
אברהם ראַדוצקי, ס. לאַפּוכאָוו־קאַרמען, יצחק זיילין, חיים
אַלעקסאַנדראָוו;
באַנד 3 — וויליאַם קאַיזער, אַננאַ ראַפּאַרט, מאַטוועי ראַם, יעקב מאַ־
רינאָוו, א. ל. וואָלפסאָן, ש. ז. רובין, יוסף יפה.

N. B. MINKOFF

PIONEERS OF YIDDISH POETRY IN AMERICA

THE SOCIAL POETRY

Volume 3

New York, 1956